STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11700

# MAYNE ZIBETSIK YOR

Bernard Abrahams

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# מײַנע זיבעציק יאָר

בּ. אבּרהמס

# מײַנע זיבּעציק יאָר

## אויטאָביאָגראַפֿיע

פֿאַרלאַג „קאַיאָר"
יאָהאַנעסבורג
דרום־אַפֿריקע
תשי"ד — 1953

# MY SEVENTY YEARS

AUTOBIOGRAPHY

By BERNARD ABRAHAMS

KAYOR PUBLISHING HOUSE

JOHANNESBURG, SOUTH AFRICA, 1953



דער מחבר

# דער ערשטער יידישער ספר הזכרונות
# אין דרום אפריקע.

מיר האָבן ניט אין דער יידישער ליטעראַטור פון דרום־אפריקע קיין איין מעמוארן בוך.

דאָס בוך „מיינע 70 יאָר" איז ניט א פשוטע אויטאָביאָגראַפיע, עס איז אַ קולטור בוך.

ה' בערנאַרד אברהמס האָט דאָ געגעבן אַ בילד פון דעם יידישן קולטורעלן לעבן פאַר די לעצטע 70 יאָר, ווי ער האָט עס דורכגעמאַכט פון דער קליינער שטעטעלע קראָז ביז יאָהאַנעסבורג.

איך בין זיכער אז זייער פיל לייענער וועלן דאָ דערקענען זיך אַליין, ווייל פיל, זייער פיל פון אונדז האָבן דעם וועג מיטגעמאַכט.

איר געפינט דאָ א בילד פון א שיינע יידישע שטעטל, וועלכע האָט געהאַט אן איידעלן קולטורעלן המון (מאסע), וואָס האָט האָלט געהאַט יידישקייט און געלערנט תורה, געהאלטן רבנים און מגידים, מלמדים און חזנים, געשאפן חברות צו שטיצן אָרעמע לייט, געגעבן ישיבה־בחורים „טעג" און פאַרהאָרעוועטע בעלי־מלאכה און לאַנד־קרעמער פלעגן זיך אריינכאַפּן בין מנחה למעריב און שבת פאַרטאָג לערנען אַ קאַפּיטל תנ"ך, אַ פּרק משניות, עין יעקב און מנורת המאור. דער אידעאַל פון די אָרעמסטע עלטערן איז געווען אז זייער קינד זאָל קענען לערנען, ער זאָל חלילה ניט בלייבן קיין עם הארץ.

בעלי בתים האָבן געשיקט זייערע קינדער אין ישיבות און שפּעטער אין גימנאַזיעס און אוניווערזיטעטן.

אין קראָז איז געווען א גימנאַזיע, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן פון די יעזואיטישע גלחים, וואָס זיינען ארויסגעטריבן געוואָרן פון ענגלאַנד אין 17־טן יאָרהונדערט, זי איז נאָך דעם פּוילישן מיאטעזש אריבערגעפירט געוואָרן אין שאַוול. און לויט ווי ר' אליעזר אליהו פרידמאַן ז"ל דערציילט אין זיין „ספר הזכרונות" (תל־אביב, תרפ"ו) איז אויך געווען אין קראָז א בית

ספר גבוה (א סעמינאר), וואָס מען האָט שפּעטער אריבערגעפירט אין ווילנע, און פון דאָרטן אין קיעוו („היא האוניברסיטה קיובית אשר על שם וולדימיר"). (ז' 25).

די קראָזער פּויערים פלעגן זאָגן : Kelme visi selmiai Krazai visi grazi (די קעלמער זיינען אלע כיטרע, די קראָזער זיינען אלע שיינע). קראָז האָט געהאַט גרויסע בעלי בתים, למדנים מופלגים און רבנים גאונים. דער רבי פון ר' שמואלן, דער לעצטער ווילנער אב בית דין, איז געווען ר' אליעזר קראָזער. און דער ר' אליעזר איז אויסער וואָס ער איז געווען א גאון, איז ער אויך געווען א פילאָזאָף. ער איז דער איינציקער וואָס אויף זיין מצבה אויף דעם אלטן ווילנער בית־עולם שטייט : הפילוסוף.

דאָס איז געווען אין דער צייט ווען דער ווילנער גאון האָט געלעבט און אזא טיטל אויף א מצבה האָט מען נאָר געגעבן ווען קהל האָט געוווסט אז דער נפטר האָט עס פאַרדינט.

אין קראָז זיינען געבאָרן ר' יאנקעלע חריף און ר' יהושע דאווידאָוויטש.

דער ערשטער איז געווען א גאון אין תורה און א גרויסער בעל־מוסר. א תלמיד פון ר' ישראל סאַלאַנטער. געווען א רב אין פארשיידענע שטעט אין זאַמעט און שפּעטער דער שטאָט־מגיד אין ווילנע. פון ווילנע האָט מען אים אָפּגענומען אלס רב הכולל אין ניו־יאָרק. ער האָט געלעבט פון 1841 ביז 1902.

א צווייטער וויכטיקער מענטש, וועלכער איז געבאָרן געוואָרן אין קראָז און איז היינט פולשטענדיק פארגעסן איז געווען דער פּאָעט ר' יהושע דאַווי־דאָוויטש.

געבאָרן אין יאָר 1865 און געשטאָרבן אין אָדעס אין 1897.

א רירנדן הספד האָט געמאַכט אויף אים אחד העם אין ערשטן באַנד „השלח" (ז. 211).

אין קראָז האָבן געלעבט באַרימטע יידישע פערזענלעכקייטן, ווי ר' אלעזר שולמאַן, א באוווסטער העברעאישער שרייבער, וועלכער האָט געשריבן אין די בעסטע העברעאישע זשורנאלן פון סמאָלענסקין'ס „השחר", ראובן ברייינין'ס „ממזרח וממערב", בן־ציון כץ'ס „הזמן" און „השלח", ווי אויך אין שלום עליכם'ס „פאָלקס־ביבליאָטהעק", וויכטיקע גרויסע ווערק. ר' אלעזר שולמאַן האָט געלעבט פון 1837 ביז 1904.

אין קראָז איז אויך געבאָרן געוואָרן דער באוווסטער אדוואָקאַט, נפתלי פרידמאַן, דער דעפּוטאַט פון קאָוונער גובערניע אין דער רוסישער דומע (ער איז געווען א שוועסטער־קינד פון צילע אייבראַהאַמס (די פרוי פון דעם פאַר־פאַסער פון „מיינע 70 יאָר"), געלעבט פון 1863 ביז 1921 און נאָך אנדערע גרויסע פערזענלעכקייטן.

עס ליגט א הייליקער חוב אויף די קראָזער לאַנדסלייט דאָ אין דרום־אפריקע, אין אמעריקע און ספּעציעל אין ישראל ארויסצוגעבן א „יזכור־בוך" וועגן זייער קהילה קדושה, וועלכע איז שוין מער ניטאָ. איך האָף אז ה' אייב־ראהאמס' בוך וועט גורם זיין דערצו דאָס זיינע לאַנדסלייט זאָלן זיך נעמען צו דער אַרבעט און שאַפן אזא בוך.

---

וועגן דעם בוך „מיינע 70 יאָר" קען איך נאָר זאָגן אין קורצן: עס איז דאָס בעסטע קולטורעלע בוך, וואָס איז געשריבן געוואָרן אין יידיש אין דרום־אפריקע.

ווי אין א פּאַנאָראַמע גייט פאַרביי פאַר דעם קולטורעלן לייענער (און פאַר אזעלכע מענטשן איז דאָס ב.ך געשריבן) דאָס לעבן פון אמאָל, ניט נאָר אין דער שטעטעלע קראָז אליין, נאָר אין אַלע שטעטלעך פון גאַנץ זאמעט אין ליטע.

ניט איינמאָל איז מיר ארויס טרערן פון די אויגן לייענענדיק ווי ער האָט געליטן און געהונגערט אלס ישיבה־בחור, אָבער זיין דראַנג צו לערנען און צו בילדונג האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט.

נעכט פלעגט ער דורכשטייך און לייענען די מאָדערנע העברעאישע ליטעראטור און די רוסישע קלאַסיקער.

מיר זיינען ארויף א.יף די געדאַנקען לייענענדיק זיינע ש.לדערונגען די פערזן פון אונדזער גרניאלן פּאָעט יהודה ליב גאָרדאָן:

„עמדו על דרכי מיר, איישישאָק וולזון
וראו בחורי עני הולכים בחפזון
ארך הארח ימודו בשעל
אנה הם עולים? לישון על הארץ,
לחיות חיי צער, לשאת כל קרץ
זאת התורה אדם כי ימות באהל".

די סצענעס פון גנב'ענען דעם גרענעץ און קומען אין לאָנדאָן, דער ארומגיין זוכן ארבעט וועלן געוויס ארויסרופן זכרונות ביי זייער פיל לייענער.

דער מחבר האָט דאָ געהאַט צו טאָן מיט אן „אבר מן החי", א בילד פון לעבן פון עלנטע עמיגראנטן, וועלכע זיינען דורכגעגאַנגען דעם עמק הבכא, דעם יסורים־וועג אין די ערשטע יאָרן ווען זיי האָבן דורכגעמאַכט די שבעה מדורי גיהנם.

אָבער דער מחבר איז אריין לעבעדיקערהייט אין גן־עדן, ווען ער האָט ז.כה געווען צו קומען צום ציוניסטישן קאָנגרעס אין לאָנדאָן.

דער ציוניזם איז אלע מאָל געווען פון קינדווייז אן דער „שבת פון זיין לעבן", זיין הייליקער אידעאַל.

און דאָ האָט ער דערזען די צוויי מאָדערנע גרעסטע נביאים, הערצל און נאָרדוי!

ער איז דעם טאָג ניט געגאַנגען ארבעטן, ניט געקוקט וואָס ער האָט מורא געהאַט דאָס ער קען פאַרלירן זיין שטעלע, דער „באָס" וועט אים אָפּזאָגן.

אָבער די שענסטע זאַך איז געווען, דער „באָס" איז אויך געקומען צום קאָנגרעס און ווען ה׳ אייבראהאמס האָט זיך אויף מאָרגן אנטשולדיקט פאר ניט קומען צו דער ארבעט ווייל ער איז ניט געווען געזונט, האָט אים דער „באָס" געענטפערט: „אלע זאָלן זיין אזוי קראַנק ווי דו, איך האָב דיך געזען אויפן קאָנגרעס". ער האָט אים ניט אָפּגעזאָגט און ניט אָפּגערעכנט די „וויידזשעס" פארן פארפעלן א טאָג. אזוי האָט דער ציוניזם אויסגעגלייכט דעם קלאַסן־קאמף.

זייער אינטערעסאַנט זיינען די שילדערונגען ווי ער איז געקומען אין דרום־אפריקע, וווּ ער האָט געליטן און זיך ארויפגעאַרבעט.

אָבער איר פילט ווי גליקלעך דער מחבר איז, אז ער האָט זוכה געווען צו קומען אין ארץ ישראל, דער בריטישער מאַנדאַט האָט זיך געענדיקט, אידן האָבן געקראָגן ניט גאַנץ ארץ ישראל, אָבער מדינת ישראל אונטער א יידישן מאַנדאַט: „למען דעת כי ה׳ הוא האלהים ואין עוד מלבדו".

---

מיר ווינטשן דעם מחבר און זיין פרוי גליקלעכע יאָרן אין ישראל. זיי האָבן דאָרטן געשאַפן וויכטיקע אינסטיטוציעס, אויף וועלכע זיי האָבן געגעבן צענדליקער טויזנטער פונטן. זייער נאָמען ווערט דערמאָנט אין ישראל בדחילו ורחימו, מיט רעספּעקט און מיט ליבע, ביי אַלע קלאַסן.

עס איז מיר אַלע מאָל געווען א פאַרגעניגנד אריינצוקומען צו ה׳ אייבראַהאַמס, געפינענדיק אים לייענענדיק א בוך, לערנענדיק א ספר און נעמען פון אים א ספר, אָבער דעם גרעסטן פאַרגעניגנד האָב איך געהאַט קריגנדיק פון אים דעם בוך „מיינע 70 יאָר".

איך בין זיכער, אז אַלע לעזער וועלן אים דאנקען פאַר דעם בוך.

י. ש. יודעלאָוויטץ.

# הקדמה

אויף די וויטערדיקע בלעטער איז דערציילט דאָס לעבן פון איינעם, וואָס האָט געקעמפט זיין יחיד־קאַמף פאַר עקסיסטענץ אויף אונדזער ערד, און וואָס אין דאָזיקן קאַמף איז ער געווען אַן עולה ויורד: דורך ארונטערס און ארויפס געגאַנגען זיינע לעבנס־יאָרן.

יעדער מענטש איז אָבער דאָך אַ פּראָדוקט פון זיין צייט און, דעריבער, וועט דער לייענער אין מיין לעבנס־געשיכטע געפינען גענוג מאַטעריאַל אויך וועגן מיין דור און מיין צייט.

איך געהער צו אַ דור, וואָס שליסט מיט זיך אָפּ אַ תקופה אין דער גרויסער געשיכטע פון יידישן פאָלק, אַ דור וואָס לאָזט ניט איבער קיין דירעקטן גייסטיקן קאָנטיניאוטעט. נאָך דער גרויזאַמער אויסמאָרדונג פון מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום איז אין דער „נייער וועלט", ישראל אריינגערעכנט, ניט איבערגעבליבן קיין אָרגאַניזירטער, קרעפטיקער המשך פון יענעם שטראַליקן יידנטום.

קען זיין אז וויטערדיקע יידישע דורות איז אָנגעצייכנט אַ ליכטיקער, דערהויבענער, אַ כולל־שבת־יום־טובדיקער עתיד. קען זיין. און איך ווינטש זיך ס׳זאָל זיין, גלויבנדיק אז עס וועט זיין אזוי. יידישע פאָלק־צוקונפט וועט נאָך באווייזן וואונדער, ברענגען אַ סך ליכט, פאַר זיך און דער גאַרער מענטשהייט. ווי אַן אָנגעהעריקער אָבער צו אַ פאַרגייענדיקן דור, וואָס, ווי געזאָגט, לאָזט ניט איבער נאָך זיך קיין דירעקטן המשך, וויל איך די דאָזיקע פאַרשווינדנדיקע וועלט ניט אויפהערן דערמאָנען, — און טו עס דאָ, דורך מיינע פערזענלעכע זכרונות.

מיין דור איז מיט אַ סך האַרציקער אמונה, אַן איבערפולטער מיט תלמידי חכמים, מיט דאָרשט צו וויסן און אכטונג פאַרן למדן, פאַרן קענער.

אין מיין דור האָט זיך אויסגעצייטיקט השכלה און ציוניזם, אַ קרעפטיקער יידישער פּראָלעטאַריאַט און די טעריטאָריעלע איבערוואַנדערונג פון מיליאָנען יידן. עס איז געווען אַ בין המצרים דור, פון גרויסע, אלמענטשלעכע און

יידישע רעוואָלוציעס, ביז דער שרעקלעכסטער אויסמאָרדונג פון א דריטל יידיש פאָלק און דאָס אויפקום פון זיבעציק דורותדיקן יידישן חלום: מדינת ישראל.

דאָס אלץ צו דערציילן איז די ארבעט פון יידישן היסטאָריקער, וואָס וועט קומען. מיין ווילן און מיינע שרייב־מעגלעכקייטן זיינען באשיידענע: נאָר קורץ פאַרנאָטירן אַ יחיד־לעבן. ווען אָבער די דאָזיקע בלעטער אויך קאָנען דינען — אויף וויפל ניט איז — ווי א ציגל אין גרויסן מאָנומענט פאַר מיין פארשווינדנדיקן דור — טאָ זאָל דאָס זיין מיין שכר.

**א. ב. א.**

**יאָהאַנעסבורג, 1953.**

# א שטעטל אין דער ליטע

קראָז — א שטעטל אין דער ליטע, וו כ׳בין געבאָרן און גרויס געוואָרן. — די פאַרבינדונג פון שטעטל מיט דער אויסן־וועלט. — דער מקור פרנסה פון די יידישע משפחות. — ייד און גוי. — שטעטל און דאָרף. — זומער און ווינטער. — צאַרישע גזירות. — קאָנטראַבאַנשציקעס און פערד הענדלער. — די שטעטלשע פאַבריק. — משה חיים נטע׳ס דער מלומד.

קראָז — אַ שטעטעלע אין דער ליטע, ווו איך בין געבאָרן געוואָרן ד׳ חנוכה תרמ״א (1880), ליגט פאַרוואָרפן אין אַ העק, אן ערך 50 וויאָרסט פון דער מזרח־פרייסישער גרענעץ.

דער נאָמען קראָז איז לויטן נאָמען פון טייך, קראָזאַנטע, וואָס לויפט ארויס פון אַ קוואַל, ארום צען קילאָמעטער פון שטעטל, פליסט פאַרביי דאָס שטעטל אויפן וועג צו קעלם, שידלעווע און גיסט זיך דאַרטן אריין אין גרעסערן טייך, דוביסע. די באָד איז אויפגעשטעלט געווען האַרט ביים טייך. ווינטער, אז די קראָזאַנטע פלעגט פאַרפרירן, פלעגט מען פאָרן קיין קעלם איבערן טייך. דערפון, ווי עס ווייזט אויס, איז אויפגעקומען אין ליטע דער שפריכוואָרט: פון קראָז אין באָד אריין...

קראָז איז פון די עלטסטע שטעטלעך אין ליטע.

אין 17־טן יאָרהונדערט, ווען די יעזואיטן זיינען ארויסגעטריבן געוואָרן פון ענגלאַנד, זיינען א טייל פון זיי געקומען קיין ליטע, ווי אין אַלע אַנדערע קאַטוילישע לענדער, און זיך באַזעצט אויך אין קראָז. דאָ האָבן זיי באַלד אויפגעשטעלט א מערקווערדיק גרויסן און באשיצטן קלויסטער, ארומגערינגלט מיט דיקע צוואַנציק פוס הייכע מויערן.

אין יאָר 1890 האָבן די פראַוואָסלאַוונע פון שטעטל און אומגעגנט פאַרלאַנגט ביי דער רעגירונג, אז דער קלויסטער זאָל זיי איבערגעגעבן ווערן. די רעגירונג האָט אויך צוגעשטימט צו דעם, ווייל די פראַוואָסלאַוונע, וועלכע זיי־

נען געווען דאָס רוב דאָ, רעגירונג־באַאַמטע און בורלאַקעס (פּויערים), האָבן קיין צערקווע ניט געהאַט, בשעת די יעזואיטן האָבן געהאַט אויך א צווייטן קלויסטער. ביים ענדע 1892 האָט די רעגירונג באשלאָסן אויספירן איר באַשלוס. די קאַטאָליקן האָבן זיך אָבער קעגנגעשטעלט מיט כוח. די רעגירונג האָט דאַן אַראָפּגעשיקט אין שטעטל אַ שטראָף־עקספּעדיציע — קאָזאַקן, אונטער דער פּערזענלעכער אָנפירונג פון קאָוונער גובערנאַטאָר. מיט גוואַלד האָט מען אריבערגעפירט די הייליקע בילדער און אנדערע קעגנשטאַנדן אין דער צווייטער תיפלה. אין צוזאַמענשטויס זיינען פאַרווונדעט געוואָרן הונדערטער פּויערים, אַנדערע אַרעסטירט און פאַרשיקט קיין סיביר. דער קלויסטער איז אָבער געבליבן פאַרמאַכט. ערשט אין 1919, אונטער דער אייגענער ממשלה פון די ליטווינער, איז ער ווידער געעפנט געוואָרן.

אין קראָז איז אויך געווען א גימנאַזיע, פון די עלטסטע אין גאַנצן קרייז, וואָס באַווייזט, אז דאָ זאָל האָבן געווען א וויכטיקער צענטער. שפּעטער איז די גימנאַזיע אריבערגעפירט געוואָרן קיין קאָוונע, נאָר נאָך אלץ פאַרבליבן ביים נאָמען: קראָזער גימנאַזיע.

די יידישע קהלה איז דאָ אויפגעקומען גלייך מיטן באַזעצן זיך פון יידן אין ליטע־לאַנד. איך דערמאָן זיך ניט אז ס׳זאָל האָבן געווען אַן אַלטער פּנקס פון דער קהלה. דער בית־עולם איז אָבער געווען דער בעסטער עדות, אז יידן האָט דאָ שוין געהאַט געלעבט לאַנגע הונדערטער יאָרן. דער אַלטער בית־עולם איז געווען א געדיכט אָנגעוואַקסענער וואַלד, כמעט גאָר אָן מצבות. די הילצערנע מצבות, וואָס זיינען געווען די גרעסטע צאָל, זיינען שוין לאַנג געווען פאַרפוילט, די געציילטע שטיין־מצבות — אָפּגעריבענע — האָבן זיך געוואַלגערט, קוים נאָך פון דער ערד פאַרזונקענע ארויסגעזען זיך, ניט לאָזנדיק אויף זיך מער קיין שפּור פון אן אות.

אין דעם זשורנאַל „רשומות״, ווו עס ווערט דערציילט וועגן לעצטן ווילנער רב, ר׳ שמואל, איז אויך אָנגעגעבן, אז ער איז געווען א תלמיד פון ר׳ אליעזר, וואָס איז געווען רב אין קראָז, מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק (געשטאָרבן אין ווילנע אין יאָר תקי״ט). אויף דער מצבה פון ר׳ אליעזר, קראָזער רב, אויפן ווילנער בית־עולם, איז, צווישן אנדערע טיטולן, אויך געשריבן: פילוסוף. עס איז די איינציקע מצבה אויפן ווילנער אלטן בית־עולם, וואָס טראָגט אזא טיטל.

ר׳ יעקב יוסף, ר׳ יאנקעלע חריף, געוועזענער רב הכולל פון אַמעריקע, איז געבירטיק פון קראָז. אין שטעטל איז נאָך געווען א חורבה־הייזל, אויף וועלכער מען פלעגט אָנווייזן ווי אויף די שטיבל פון זיין פאָטער, וועלכער האָט דאָרט געהאַלטן א וויין־קעלער, אָדער געבדוויט בראַנפן. אויך ר׳ משה זבולון

מרגלית, דער בן־דור פון ר׳ יאנקעלע חריף, איז געבאָרן אין קראָז, און נאָך ר׳ יאנקעלע חריף׳ס טויט האָט ער אים ממלא מקום געווען.

ווי עס ווייזט אויס האָט די גימנאַזיע, וואָס איז דאָ געווען, ווי אויבן דערציילט, גאָר שטאַרק באאיינפלוסט די יונגע מענטשן, וויבאַלד קראָז האָט ארויסגעגעבן, נאָך גאָר אַ צייט פאַר דער אַלגעמיינער השכלה־באַוועגונג, אַזעלכע גייסטיקע קאָרייפייען אויך אויפן געביט פון וועלטלעכן וויסן. די אויסוואַנדערונגען פון קראָז ווייזט אויך אויף דעם. נאָך גאָר פאַר דער יידישער מאַסן־עמיגראַציע קיין אַמעריקע האָט מען שוין פון קראָז זיך געריסן צו ברייטערע וועלטן, אין די גרויסע שטעט פון רוסלאַנד און אויך דייטשלאַנד. איינצלנע, יונגע מענטשן, האָבן זיך שוין געיאָגט אַהין נאָך וועלטלעכע בילדונג, אנדערע איז סתם ענג געווען דאָס שטעטל, האָט קראָז אלע מאָל געהאַט אירע קליינע קאָלאָניעס, צעזייט איבער דער גרויסער וועלט.

דורך קראָז האָבן ניט געפירט קיין וועגן צו גרעסערע מקומות, און זי איז געווען ווייט פון אַ באַן אָדער אַ שאָסיי, אפילו קיין פאָסט ניט געהאַט. די וועלכע האָבן פאַרבונדן קראָז מיט דער גרויסער און ברייטער וועלט זיינען געווען: אביגדור דער פאָצטער און זלמן דער פאָצטער, ווי מ׳פלעגט זיי רופן אין שטעטל. איין אָדער צוויי מאָל אין אַ וואָך פלעגן זיי ארויסרייטן צו דער דערבייאיקער פאָסט, עטלעכע וויאָרסט פון שטעטל, מיטנעמענדיק בריוו אויף אָפּצושיקן און צוריקוועגס — מיטברענגען די געקומענע. זייער „טאַריף״ פאַר אַ בריוו איז געווען דריי קאָפּיקעס, און זיי האָבן אויך געהאַלטן מאַרקעס צו פאַרקויפן. די יידן פון שטעטל האָט די דאָזיקע פאַרבינדונג צופרידנגעשטעלט. קיין גרעסערע נויטווענדיקייט האָט מען נאָך דאַן ניט געשפירט, ווייל די קאָרעספּאָנדענץ מיט דער גרויסער וועלט איז געווען אַ זייער שיטערע און זעלטענע. די עמיגראַציע קיין אַמעריקע איז דאַן קליין געווען, און פון אַזאַ זאַך ווי אַפריקע האָט מען אין שטעטל כלל ניט געוווסט און איר שם ניט געהערט. זיי זיינען געווען יידן מיט צייט און גערולדיקע, וואָס האָבן זיך אין ערגעץ ניט געאיילט, און אויב שוין גאָר אין דרינגענדע פאַלן — האָט מען זיך באַנוצט מיט אַ שליח מיוחד.

די קאָמוניקאַציע און טראַנספּאָרט־מיטלען זיינען געווען פערד־און־וואָגן. די פורמאַנעס האָבן אויסגעפירט די פונקציעס פון האנדלס־אַגענטן. די נאָענטסטע מסחר־שטאָט איז געווען ש אַ ו ל, 8 מייל ווייט אַוועק. אַהין פלעגן די פורמאַנעס זיך לאָזן יעדע וואָך, מיטנעמענדיק געלט אויף צו באַצאָלן פאַר די פריערדיקע באַשטעלונגען און ברענגען נייע סחורה. דער באַדאַרף פון די קליינקרעמער האָט זיך זעלטן געביטן. דערפאַר פלעגן אָבער שוין די גרעסערע קרעמער, וועלכע האָבן צוגעשטעלט פאַר די ארומיקע פּריצים, אליין מוזן מיטפאָרן, פון צייט־צו־צייט, אין שטאָט אריין, כדי איינצוהאנדלען פאַר

זייערע קונדן צירונג, מאַנופאַקטור און אנדערע סחורות. אזא רייזע פלעגט דויערן פיר מעת־לעת. אָפּהענגיק פון וועטער און וועג פלעגט מען אויסרעכענען צו קומען צוריק פרייטאָג און — וואָס פריער, כדי די טרעגער זאָלן באַווייזן אָפּלאָדן די סחורה צו יעדן קונד אין געוועלב אריין, און — מען זאָל קענען אריינכאַפּן אַן ערב־שבתדיקן מרחץ און זיין אויף שבת מיט יידן גלייך.

די בעלי־עגלה׳ס, האַרעפּאַשנע יידן, פלעגן טאָן זייער ארבעט געוויסנ־האַפטיק, ערלעך. ס׳האָט זעלטן געטראָפן אז ביי איינעם זאָל עפּעס פעלן, פאַרלאָרן גיין, פון גנבות — שוין אָפּגערעדט. האָט מען דערפאַר זיך לייכט אָנגעטרויט די עטלעכע הונדערט רובל, וואָס פלעגט גאָר אָפט זיין דאָס גאַנצע פאַרמעגן פונעם קרעמער.

אין די אָנפאַנג נייַנציקער יאָרן האָט מען געעפנט אין שטעטל גופא אַ פּאָסט מיט א טעלעגראַפן־אַמט. דער פּאָסט־וואָגן, וואָס האָט איצט פאַר־ביטן זלמענען און אביגדורן, פלעגט אָנפאָרן מיט א פריילעכן גלאָקן־געקלאַנג. די וועלכע האָבן דערוואַרט בריוו, און סתם נייגעריקע, פלעגן זיך מיט שמחה ארויסלאָזן צום פּאָסט, אָפּוואַרטן די פּאָסט־פור. גאָר זעלטן זיינען געווען רעגיסטרירטע בריוו; אזא בריוו איז געווען א סמן מובהק, אז אינעווייניק געפינט זיך אַן אָנווייזונג אויף געלט. און אז ס׳פלעגט שוין יאָ קומען אזא בריוו — איז עס אויך געווען מיט א קליינער סומע. די שיקער זיינען געווען ערשט איצט אויסגעוואַנדערטע אין זייערע נייע היימען, די פאַרדינסטן דאָרט נאָך צו קליין, אויף צו קאָנען געבן שטיצן זייערע איבערגעבליבענע משפחות.

דער מקור פון פרנסה פאַר די געניע אַכציק יידישע משפחות אינעם שטעטל זיינען געווען די פויערים פון די ארומיקע דערפער. אויסער יעדן זונטאָג און חגא־טעג, ווען הונדערטער גויים פלעגן צוזאמענפאָרן אין שטעטל, אָפּהאַלטן זייערע תפילות אין זייערע צוויי קלויסטערס, פלעגן זיי נאָך איין מאָל — אין א וואָכעדיקן מאַרק־טאָג — זיך צוזאמענפאָרן אין שטעטל. וועגענער, פול אָנגעלאָדענע מיט תבואה, פלאַקס, חזיר־האָר, קעלבער, שעפּסן, עופות, פּוטער, אייער, רויע פעלן און אנדערע דאָרף־ארטיקלען פלעגן פול מאכן די געסלעך, דעם מאַרק־פּלאַץ און יעדן געהעפט. נאָך פינצטער באַגינען פלעגן שוין אָנציען די לאַנגע פול־אָנגעלאָדענע פור־קאַראַוואַנען. טריט ביי טריט פלעגן זיי זיך שלעפּן איבער די אָפּגעלעגענע וועגן, אָפט גאַנצע דערפער גויים. מיט טעמפּער פויערישער געדולדיקייט פלעגן זיי נאָכגיין די פורן, אונטער־טרייבנדיק צום וואָגן א צוגעבונדענע קו, וואָס טויג שוין ניט אין דער ווירט־שאַפט, מעלקט זיך ניט, אָדער ווייל דער פויער האָט געדאַרפט געלט און, אין אזא פאַל, עס פאַרקויפט אָפט מיט א טרויעריק האַרץ.

מאַרק־מענטשן, הענדלער — און אזעלכע זיינען געווען דאָס רוב שטעטל־איינוווינער — פלעגן שוין אין האַלבער נאַכט ארויסגיין אַנטקעגן די פורן.

ייד און פויער פלעגן זיך באַגעגענען, אין פרימאָרגן־גראָ זיך דערקענען, זיך באַגריסן היימיש, זיך אָנרופן ביי די נעמען און צוזאַמען שפּאַנענדיק אין שטעטל אריין אָפּמאַכן די מסחרים. צום גרעסטן טייל האָט יעדער פויער שוין געהאַט זיין סוחר, זיין אָפּנעמער, און יעדער ייד — זיינע צושטעלער. און ווי גרויס די נויט איז ניט געווען, ווי דער עמך ישראל צריכין פרנסה שטאַרק, דאָך איז ניט פאָרגעקומען קיין אויסכאַפּעניש איינער ביים צווייטן, קיין אויסדינגען. איז איינער צוגעקומען צו א פור, געדונגען, באַטראַכט די סחורה, האָבן די אנדערע זיך געהאַלטן פון וויטן.

אזוי באַלד ווי די פויערים האָבן פאַרקויפט זייערע פּראָדוקטן, זיינען זיי געוואָרן די איינקויפער. די, אַ גאַנצע וואָך האַלב־דרימלענדיקע געוועלבלעך, זיינען פול געוואָרן מיט קונים. ווייבער, מענער און קינדער, אָפּט משפחות גאַנצע האָבן זיך געלאָזט צוזאַמען, זיך געשטופּט אין די ענגע איינגאַנגען, אין די קליינע קרעמלעך, פול געמאַכט זיי מיט גרויס געפּילדער און מיטן ריח פון פעלד; געטאַפּט סחורות, באַקוקט, איבערגעגעבן פון האַנט צו האַנט, צוגעצויגן אויף מבינות אנדערע קונים און זיך באַראַטן אויפן קול. די פאַרקויפער האָבן אריינגערעדט צו די קונים, גיך גיך, זיך געוויזן מיטן פינגער אויפן האַרצן, מען זאָל זיי גלויבן אויף זייערע יידישע נאמנות, אז זיי קאָנען ניט פאַרקויפן ביליגער, געוואָלט איבערצייגן די זיך שטענדיק דינגענדיקע פויערים, אז די סחורה איז גוט, שטאַרק. א באַקאַנטער פלעגט גלויבן. געווען אזעלכע, וואָס האָבן שוין געהאַט זייער שטענדיקן קרעמער, פון יאָרן; דער קונה האָט זיך געקענט מיטן פאַרקויפער נאָך פון טאַטן, פון זיידן; האָט מען זיך גערופן ביים נאָמען און טאַטנס נאָמען, זיך נאָכגעפרעגט אויף דער פאַמיליע, זיך געהאַלטן ווי פריינד. אזעלכע פלעגט מען שוין אָפּט אריינבעטן אין שטוב, מכבד זיין מיט א גלאָז טיי, צובייסן, און זיי אריינברענגען צום אויסקלייבן די פאַרלאַנגטע סחורה. די אנדערע פויערים, וועלכע האָבן אזעלכע אייגענע, פאַרטרויטע ניט געהאַט, זיינען געגאַנגען פון קרעמל צו קרעמל, אומעטום געזוכט, גענישטערט, געדונגען און, לבסוף, זיך אָפּט אומגעקערט פון דאָרט ווו זיי האָבן אָנגעפאַנגען. דער פויער איז בנאַטור געווען אן אומזיכערער, געוווסט אז זיין דערפאַרונג איז קליין און זיך ניט געטרויט, באזונדערס ווען ער האָט געדאַרפט איינהאַנדלען אן אַרטיקל ניט פון טעגלעכן געברויך: אן אָנצוג, א קלייד פאַר דער ווייב אָדער פאַר א כלה־טאָכטער.

אין מאַרק־טאָג פלעגן אלע משפחה־מיטגלידער פון די קרעמער זיין אין געוועלבל. אלע טעג איז גענוג געווען נאָר איין מענטש, צו „היטן די אָפענע טיר", ווי מען פלעגט עס זאָגן. און מיינסטן פלעגט עס זיין די קרעמערקע, די אשת־חיל. אין מאַרק־טאָג פלעגט מען אָבער שוין אפילו אָפּט צודינגען פרעמדע מענטשן, ווייל מער נאָך ווי פאַרקויפן האָט מען געדאַרפט אויפּפּאַסן, אז

אין שטופּעניש און ענגשאַפט זאָלן די פּויערים ניט אוועקלקחנען עפּעס, ווי דאָס פלעגט געוויינלעך פּאַסירן.

אין אַט דעם אַל־וואָכנטלעכן מאַרק־טאָג האָט אלץ געהאַנדלט, געקויפט, פאַרקויפט. די יידישע בעלי־מלאכות, שניידערס, שוסטערס, קירזשנער פונעם שטעטל און אויך פון אנדערע, ארומיקע שטעטלעך, וועלכע האָבן קיין געוועל־בער ניט געהאַט, האָבן פונאַנדערגעלייגט זייערע סחורה אויפן מיטן מאַרק, אויפגעהאַנגען אויף ווענט, אויפגעשטעלט ביידלעך. א גאַנצע וואָך פלעגן די בעלי־מלאכות אַרבעטן פאַרן מאַרק־טאָג. עס איז געווען דער טאָג פון האַנדל און, פאַר די דאָרף־גויים — אויך דער טאָג צו מאַכן א גוטן שנאַפּס: די שענקען זיינען אין דעם טאָג פול געווען. דער ליטווישער פּויער האָט ניט פיינט דעם ביטערן טראָפּן, פלעגט דערטרינקען זיין פרייד און זיין אומעט אין א גלעזל משקה.

מיטן פאַרנאַכט פלעגן די פורן זיך לאָזן צוריק פון שטעטל. די גויעס פלעגן שוין איצט אָנטרייבן די פערד אין צוריקוועג צום דאָרף, ווייל די מענער זיינען מערסטן געלעגן שכורע, איבערגעדרייט מיטן זייט מוחל אויף ארויף.

אזוי גיך ווי די לעצטע פורן פלעגן פאַרלאָזן דאָס שטעטל פלעגט ווערן אומהיימלעך שטיל, ווי נאָך א גרויסע חתונה, ווען די געסט צעפאָרן זיך. נאָר ערשט איצט איז אָנגעשטאַנען די רעכטע ארבעט אויף עטלעכע טעג: די אייער־איינקויפער האָבן סאָרטירט די אייער, אויף קלענערע און גרעסערע און אויס־קלייבן אונטערן ליכט־שיין די שלעכטע. די גוטע פאַרפּאַקן אין קאַסטנס און אָפּשיקן קיין שאַוול, צו די הורט־איינקויפער, פון וואַנעט מען פלעגט עס שוין אין וואַגאָנעס אָפּשיקן קיין דייטשלאַנד, קיין ליבוי, ריגע, אָדער גאָר קיין לאָנ־דאָן; מען האָט סאָרטירט און צוזאמענגעפאַקט די געקויפטע חזיר־האָר, די פעלכלעך און אנדערע סחורות, וואָס זיינען ניט געווען פאַרן איגערלעכן, שטעטלשן געברויך. די דאָזיקע אַרבעט האָבן אָפּט געטאָן די פרויען און על־טערע קינדער, ווען דער מאַן אליין האָט געוואָלט ארייננכאַפּן נאָך אַ מאַרק, אין א דערבייאיק שטעטל.

ווייניקע פון די הענדלער האָבן געהאַט אן אייגן פור און פערדל. די מערסטע זיינען געפאָרן מיט געדונגענע בעלי־עגלה׳ס, אָדער גאָר ארויס פאַר־טאָג אויפן וועג, אָפּגעוואַרט א באַקאַנטן דורכפאָרער און זיך מיטגעכאַפּט צום מאַרק. ערגער איז שוין געווען מיטן צוריקוועג. די באַלאָדענע פורן מיט פּראָ־דוקטן האָבן נאָר זעלטן נאָך געהאַט אָרט פאַר אַ פּאַסאַזשיר. איז מען נאָכגע־גאַנגען די פורן, זיך דערציילט וועגן איינגעהאַנדלטע מציאות אָדער אָנווער, ארייגעכאַפּט צוזאמען אָדער באזונדער א מנחה, א מעריב און דערשלעפּט אזוי דעם מידן גוף אהיים.



י ו ס ף  ב ר׳  י ו ס ף  (מחברס פֿאָטער)



ר ב ק ה  ר אַ ש ע  (מחברס מוטער)

אזוי פלעגט אדורכלויפן וואָך נאָך וואָך, אונטערן לאַסט פון דאגות פרנסה. דערפאַר אָבער, ווי נאָר פרייטאָג נאָך האלבן טאָג, האָט אַלץ אָנ־געפאנגען זיך גרייטן צום טאָג פון רו, פון גייסטיקער דערהייבונג. דער יום מנוחה איז אויך געווען דער יום פון קדושה. שווער געווען זיך גאָר צו גלויבן, אז די זעלביקע פאַרדאגהטע, אונטערן עול פון פרנסה דערדריקטע יידן זאָלן קאָנען ווערן איין טאָג אין וואָך אזעלכע פרייע, מונטערע, גאָר אנדערע — שבתדיקע יידן.

באַלד, מוצאי־שבת, פלעגן זיך צוזאמענקומען די קליינע מאַרק־הענד־לער ביי די איניקע רייכערע סוחרים, פאר וועמען זיי האָבן אין די מאַרק־טעג אויפגעקויפט סחורה, אָדער ביי וועלכע זיי פלעגן נעמען א הלואה, פון איין שבת־צו־נאַכט ביזן צווייטן. מען פלעגט טרינקען א גלעזל טיי, זיך פו־נאַנדעררעכענען, און ערשט איצט געוווסט וויפל מען האָט פאַרדינט פאר דער וואָך.

אין באַגינען פון דער נייער אָנפאַנג וואָך פלעגן שניידערס, מיט א ניי־מאַשין אויף די אַקסלען, זיך ארויסלאָזן צו די ארומיקע דערפער. די דאָרף־שניידערס פלעגן אָנשפאַרן אין די וייטסטע דערפער צופוס, כדי צו קריגן ארבעט אויף א טאָג, אויף א וואָך אָדער מער. זיי פלעגן שוין וויסן וועלכער פויער מאַכט חתונה א טאָכטער, ווו עס דאַרף זיין א שמחה און מ׳וועט דאַרפן נייען און אויסקליידן די דאָרפישע משפחה. געצאָלט האָבן זיי געקראָגן אין שוה כסף, אלערליי דאָרף־פּראָדוקטן. אין יעדער אָנהייב־וואָך פלעגן זיך אויך אוועקלאָזן שפּאַנען איבער די דערפער קאָראַבעלניקעס, קליינע אָרעמע הענדלער. זיי פלעגן טראָגן דעם זאַק אויף די פּלייצעס, אַן אָנגעפּאַקטן מיט באַוול, נאָדלען, אימיטירטע קרעלן, שפּילכלעך, פאַרשיידענע גאַלאַנטעריי. אומגיין פון דאָרף צו דאָרף, פון שטוב צו שטוב, זיין אומעטום אַן אָנגעלייגטער גאַסט. די גויים האָבן זיי געקענט, געוווסט אז מען קאָן זיי ניט געבן עסן פון אייגענעם קעסל, אז זיי טראָגן מיט זיך אַן אייגן טעפּל, א לעפל.

די דאָזיקע דאָרפס־גייער, ווי די דאָרפס־שניידער פלעגן זיך אומקערן ערב שבת אהיים, מיט שווערע זעק אויף די פּלייצעס און א פּאָר פּרוטות אין קעשענע. די ווייבער זייערע פלעגן פון פרייטאָג פרי שוין אויסקוקן די אויגן, וואַרטן אויף די ברויט־געבער, כדי צו קאָנען צוגרייטן דעם הייליקן שבת.

ווי די פרנסה איז געווען שווער, איז דאָס לעבן און אויסקום פון א משפחה אין די זומער חדשים געווען צו דערטראָגן. קינדער זיינען ארומגעלאָפן באָר־וועס, האַלב־נאַקעט ; ערד איז געווען גענוג, האָט מען פאַרזייט גרינס, קאַר־טאָפל, מערן, בוריקעס, זיך געשפּייזט ווי ניט איז מיט דער ברכה פון דער ערד. אָרעמערע פרויען זיינען געגאַנגען ארבעטן אין גערטנער פון פּרעמדע, געפּאָ־לעט די בייטן, אוועקגעריסן דעם ווילד־גראָז, ס׳זאָל בעסער וואַקסן. גרינס

און פּרוכט איז געווען בשפע. האָט נאָך גאָר עמעצער געהאַט א ציג, האָט מען אויף אזא איינעם געזאָגט: ער לעבט ווי ראָצילד... די ציג האָט זיך אויסגעהאַלטן אויף חשבון הקהל, זיך געפּיטערט אין גאַס, געקייט א שטרוי פון דאַך, גראָז פון די ארומיקע הייפן און די גראָבנס פון שטעטל. אָבער פון אזא בהמה האָט מען פאַרט געהאַט מילך, א שטיקל קעז, הונגעריק איז מען שוין ניט געווען.

שוואַרצע יאַגדעס און רויטע מאַלינעס זיינען געוואַקסן לרוב אינעם וואַלד, וואָס האַרט ביים שטעטל. פלעגט מען זיך ארויסלאָזן אין די זומערדיקע לאַנגע טעג קלייבן וויפל דאָס האַרץ האָט געגלוסט. דערפון פלעגט מען אויסקאָכן פאַרשיידענע זופּן און סאָקן אויף ווינטער, פאַר שלאָפע און קראַנקע. אין סוף זומער פלעגט מען אויפקלייבן אין וואַלד „ברוקנעס", אזא מין רויטגרינע, האַרטע יאַגדע, און עס קאָכן מיט עפל און צוקער, א דיקע מאַרמעלאַד, צו שמירן אויף ברויט און סתם צו דערקוויקן דאָס האַרץ. א טייל פון די סאָקן זיינען באַשטימט נאָר פאַר א רפואה. אזעלכע פלעגט מען קאָכן און מורמלען דערביי: רבונו־של־עולם, מען זאָל עס נאָר ניט באַדאַרפן...

קינדער האָבן אין די זומער־חדשים געלעבט פון די טעג, אָדער, ריכטיקער, פון די נעכט: מען האָט זיך ארייגעכאַפּט אין גערטנער, ווי נאָר דער אָוונט פלעגט צופאַלן און אָנרייסן אוגערקעס, יונגע מערעלעך, צעטרעטנדיק מער וויפל מען פלעגט נעמען; אזוי אויך אין די פּרוכט־סעדער: די קינדער האָבן דערלאַנגט צו די העכסטע ביימער דווקא, פלעגן קונציק זיך אדורכשפּאַרן צווישן דראָט־פאַרצוימונגען, זיך אָנעסן מיט עפל, באַרן, פלוימען, קאַרשן, גאָר אָפט נאָך האַלב צייטיקע, און קריגן קיילע ציין, קראַמפּן אין די בייכלעך און מוזן איינגעמען דעם איינציקן און שטענדיקן מאַמעשן רעצעפּט — ריצנאייל.

אזוי גיך ווי פּרוכט האָט אָנגעפאַנגען צייטיק ווערן, פלעגן א סך משפחות ארויספאָרן אין סעדער, וועלכע זיי פלעגן דינגען ביי ארומיקע און וווייטע פּריצים, באַלד נאָך דער ערשטער בליאונג אויף די בוימער. די סאַדאָווניקעס פלעגן פאַרברענגען די לעצטע זומער־חדשים, מיט ווייב און קינד אין די סעדער. אויפשלאָגן א סוכה, שלאָפן אויף שטרוי און קאָכן זייער עסן אויף א פּראָוויזאָריש איינגעריכטן איוון — א פייער צווישן עטלעכע ציגל. מען האָט געדאַרפט שטאַרק היטן די סעדער, ווייל ס'האָבן ניט אויסגעפעלט קיין בעלנים אויף גנבענען א פאָר זעקלעך פּרוכט. די סאַדאָווניקעס פלעגן איינטיילן די שמירה אין זייערע משפחות, דורך אלע נעכט. איז געקומען א ווינט, א שטורעם־רעגן, איז געווען זייער שרעק ניט פאַר א פאַרקילונג, פאַר קראַנק ווערן, נאָר ס'זאָלן חס ושלום ניט צעבראָכן ווערן די ביימער, ניט אָפּטרייסלען אומרייפע פּרוכט און דערמיט חרוב מאַכן זייער חיונה פאַר די נאָנטסטע זעקס אָדער

אַכט חדשים. נאָך מער: די סאַדאָווניקעס זיינען געווען אָרעמע מענטשן, די סעדער פלעגן זיי דינגען מיט פרעמד געלט, און עס איז געווען די שרעק, אז די נאַטור זאָל ניט צעברעכן זייער מעמד, זיי זאָלן קאָנען באַצאָלן די הלוואות.

איז די נאַטור געווען קאַפּריזנע: האָגל, ווינטן, שטורעם־ווינטן, — האָט עס אראָפּגעטרייסלט ניט פול־צייטיקע פרוכט, וועלכע מען האָט געמוזט פאַר־קויפן שנעל, פאַר יעדן פרייז. ערשט די הארטערע פרוכט, וואָס זיינען אויס־געשטאַנען זייער צייט אויפן בוים, האָט מען אראָפּגענומען, פאַר די ערשטע האַרבסט־רעגנס, יעדע פרוכט באַזונדער, ס׳זאָל זיך ניט אָנקלאַפּן, ניט קריגן קיין מום און אָנפאַנגען פוילן. ערשט דאַן האָט מען די פרוכט סאָרטירט, געבראַכט אין שטעטל, זיי אויסגעלייגט איינע ביי איינע, אויף בוידעמער, אין קעלערן און געוואַרט אויף ווינטער, ווען פרוכט ווערט טייער, צו שיקן זיי אין די גרויסע שטעט אריין. פאַר זיך, אינעם שטעטל, האָבן מענטשן זיך אזא לוקסוס ניט געקאָנט פאַרגינען, געגנוג געווען די איבערגעפירטע, די צוגעפּראָרענע, וואָס אויך זיי האָט מען געגעסן מיט א ציטער אין הארצן: ווער איז מען דען, מישטיינס געזאָגט, אז מען זאָל זיך מעגן עס פאַרגינען...

שווער, זייער שווער איז געווען פאַרן גרעסטן צאָל מענטשן אין שטעטל דער ווינטער.

גלייך נאָך סוכות, ווי עס הויבן זיך אָן די גרויסע רעגנס, זיינען די שטעטל־גאַסן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איין צעגאָסענעם זומפּ. פון איין הויז צום צווייטן — ניט אַריבערצוגיין. מען מאַכט קלאַדקעס, פונאַנדערוואַרפנדיק אין בלאָטע שטיינער און ציגל. שפרינגט מען ווי ציגן פון איין שטיין צום צווייטן. נאָר ביינאַכט, ווען דאָס גאַנצע שטעטל איז איינגעוויקלט אין דיקן חושך, די פענצטער־לאָדן פאַרמאַכט, קוים־קוים שפּאַרן זיך אַדורך דינע פלעמעלעך ליכט, וואָס מאַכן נאָך שטאַרקער די פינצטערניש — דאַן העלפן ניט די בייטאָג אויס־געלייגטע שטיינער. דער שטעקן טאַפּט, זוכט דעם שטיין, צו געבן אויף אים א שפרונג ארויף, נאָר ניטאָ, ער איז פאַרזונקען געוואָרן אין בלאָטע, צי א פוי־ערשע פור האָט אים אוועקגערוקט פון אָרט. זינקען די פיס אין שליימיקן זומפּ, לאָזט מען איבער א קאַלאָש, א שוך און מען פרייט זיך אז מען איז כאָטש ארויס בשלום.

עפּעס איז יאָ דאָ א שטיקל ברוק, פון שפּיציקע שטיינער, וואָס זיינען אָנגעהויקערט איינער אויפן צווייטן, ציען זיי זיך אָבער לענגאויס פון געסל, קלאָמפּערשט — אַ טראַטואַר. קאָן מען מיט דעם דאָזיקן טראַטואַר צוקומען נאָר פון איין הויז צו דער צווייטער אין דער זעלבער זייט, ניט אריבערגיין די וועג, סיידן מען טראָגט אויף די פיס א פּאָר געזונטע שטיוול.

גלייך נאָך סוכות נעמט יעדער ארויס די ווינטערדיקע קליידער, אַלטע וואַטאָוועגע יאַקן, אויסגעריבענע פעלצן, מאַנטלען, פוטערנע היטלען; מען

לאַטעט, מען פאַרריכט, מען מאַכט איבער, — אבי וואַרעם, איז עס גוט פאַר ווינטער. שלעפט מען ארויס פון אונטערן בעט די אַלטע, דורכן זומער צע־טריקנטע שטיוול, מען שיקט זיי פאַרריכטן, זיי קריגן א באָד פון טראָן, וואָס מאַכט זיי ווייך און מען טאָפּטשעט שוין ארום א וואַרעמער און באַשטיוולטער דורך בלאָטע און שניי.

שוואַר און אומהיימלעך פלעגט זיך צעלייגן דער ווינטער אין שטעטל. דער אָרעמאַן, דער זקן, די אלמנה, דער יתום — זיי האָבן אפילו ניט קיין אלטע קליידער אין וואָס זיך אויסצווריכטן. די זון, וועלכע האָט געוואַרעמט דעם דאַרן גוף אין זומער, מוז איצט פאַרביטן ווערן מיט וואַרעמע שפּייז. דער אַפּעטיט אין ווינטער איז אויך גרעסער; מען דאַרף אויך האָבן האָלץ; קראַנקייטן טשע־פּענען זיך שנעלער צו, האַלטן אָן לענגער. ביטער איז דעם אָרעמאַן זומער, צען מאָל ביטערער ווינטער.

געוויס, יידן זיינען רחמנים בני רחמנים, פאַרלאָזן ניט די אָרעמע, די נאָך מער געפּייניקטע. יונגע מיידלעך נעמט מען אָן פאַר ניאַנקעס, עלטערע — פאַר דינסט־מיידלעך; יינגלעך גיט מען אַוועק זיך לערנען א מלאכה ביי א שניידער, א שוסטער צי א סטאָלער; די אלמנות נעמט מען אלס וועשער־קעס, קעכינס, קנעטערינס אין בעקערייען. ווער עס קען שניידעריי איז שוין גאָר א מיוחס. מען לייט אויס א ביסל געלט צו אָרעמע פּרויען, מען גיט זיי סחורה אויף באָרג; שטייען זיי דורך די טעג אויפן מאַרק,ביים אייגענעם אָדער א פרעמדן הויז־גאַניק, איינגעוויקלט אין שמאַטעס, דערוואַרעמען זיך מיט א פייער־טאָפּ, הויכן אין די הענט, פאַרקויפן באָב, בייגל, איבערגעפּראָרע־נע עפּל, ציען ווי ניט איז דאָס בידנע חיונה.

אין דער פּרי פּירט אזא מאַמע אָפּ די קינדער אין חדר אריין. די נאָך גאָר קליינע בלייבן פאַרנורעטע אין די צעפּעדערטע בעטן; פון צייט־צו־צייט כאַפּט זיך אריין א שכנה, גיט א קוק און וואַרפט צו א ביסן. אז ס'פאַלט צו דער פּאַרנאַכט, נעמט די מאַמע אָפּ די קינדער פון חדר, און די משפּחה־פרייד קערט זיך אום אין אָרעמען שטיבל, וו ס'לעבן אָפּ עטלעכע פאַמיליעס צוזאַמען. דער אָוונט פאַרוואַנדלט זיך דאָ אין א נייעם טאָג: מען הייצט, מען קאָכט אויס א וואַרעמען אָנבייסן. טאַטע זיצט אָן אָנגעכמורעטער, מאַמע פּאָרעט זיך ביי די פייער־טעפּ, קינדער קוקן אויס אויף עסן. א פּאָר שעה האַלט אָן דער משפּחה־דיקער צוזאַמענזיין, און דאַן — ווידער נאַכט, און אויף מאָרגן — ווידער א טאָג, אַ טאָג אָן ליכט, אָן וואַרעמקייט, אָן פרייד.

די חברה ביקור־חולים, וועמענס איינקונפט ס'איז געווען פון דעם, וואָס יידן האָבן אריינגעוואָרפן אין דער פושקע יעדן מאָנטאָג און דאָנערשטאָג, נאָך קריאת התורה, האָט באַזאָרגט פאַר אָרעמע קראַנקע א פעלדשער און מעדיצין.

ווי קליין די פאָדערונגען פאַר א לעבן זיינען ניט געווען און ווי ביליג דאָס אויסקומען, איז דאָך די נויט געווען גרעסער און די שאלה פון חיונה האָט שטענדיק געפּלאָגט. חשובע בעלי־בתים, לומדים, אָפּגעהיטע פון זינד, זיינען אָפט געווען געצוווּנגען עובר צו זיין אויף דינא דמלכותא. די נויט האָט געטריבן. האָט מען געהאַנדלט אָן א פּאַטענט, אָן א דערלויבעניש פון דער רעגירונג, געצאָלט יערלעכן שוחד דעם שטאָטישן רעוויזאָר, וועלכער פלעגט זיי באַצייטן לאָזן וויסן ווען עס דאַרף קומען א העכערער אינספּעקטאָר. פלעגט מען דאַן באַהאַלטן דאָס ביסל סחורה אין קעלערן, אויף בוידעמער, צי פאַרבעטן אין די בעטגעוואַנט.

זייענדיק נאָענט צום פּרייסישן גרענעץ, האָבן איניקע זיך פאַרנומען מיט שמוכל, ריזיקירנדיק מיט א שטראָף פון פאַרשיקט ווערן אויף יאָרן. מען האָט זיך געשטעלט אין סכנה, ווייל אין לך דבר העומד בפני ההונגער. דער גרעסטער קאָנטראַבאַנדע־האַנדל איז אָנגעגאַנגען מיט טיי. מען פלעגט אדורכ־פירן דורך דער טאַמאָזשנע (צאָל־אַמט) א קוואַנטום טיי, פאַר וועלכן מען פלעגט אָפּצאָלן דעם רעגולערן טאַריף, אָבער אונטער דעם צודעק, און מיט דער צו־שטימונג פון די באַאַמטע, פאַר א געהעריקן „מתנת יד", פלעגט מען שוין אריינ־שמוכלען נאָך טויזנטער קילאָגראַמען טיי, שוין אָן צאָל. ביינאַכט פלעגט מען עס אריינברענגען אין שטעטל, פונאַנדערוועגן, איינפּאַקן אין פּעקלעך און אוועקשיקן אין די גרויסע שטעט. צענדליקער שטעטלשע יידן זיינען דערביי באַשעפטיקט געווען: מיידלעך צו אויסוועגן און מאַכן די פּעקלעך, סטאָלערס — צו מאַכן קאַסטנס, בעלי־עגלות — פונאַנדערצופירן אין די גרעסערע שטעט, און אפילו די ישובניקעס אויפן וועג, ביי וועלכע מ'האָט גאָר אָפט אויסבאַהאַלטן די סחורה.

פון צייט־צו־צייט פלעגן אריינפאַלן די צאָל־באַאַמטע, זיך וואַרפן אויף די טיי געשעפטן, זוכן, קאָנטראָלירן די ביכער, נאָר זעלטן האָבן זיי עפּעס גע־פונען: די פּאָליציי און העכערע באַאַמטע האָבן שוין איינגעהיט די יידישע הענדלער, מען זאָל זיי ניט כאַפּן. אָפט פלעגן זיי אליין ארויסשיקן די באַ־אַמטע אויף א אינספּעקציע, פריער אָבער — זייערן א שליח צו אָנזאָגן די שוחד־צאָלער אין שטעטל, אז זיי האָבן געשיקט קאָנטראָלירן. אזוי באַלד ווי מען האָט איינגעפירט דעם טעלעגראַף אין שטעטל, האָט שוין א טעלעגראַם פאַר־ביטן דעם שליח. פלעגט אָנקומען אזא טעלעגראַם: „גרייט אַלץ פאַר צו דער חתונה, די מחותנים זיינען שוין ארויסגעפאָרן"; אָדער גאָר אזא מין נוסח: „געשטאָרבן פּלוצלונג, גרייט אייך צו דער קבורה", — איז שוין אַלץ קלאָר געווען און מען האָט מבער געווען דעם חמץ. און האָט שוין אַמאָל יאָ פּאַסירט א מכשול, האָט מען פאַר שוחד עס ווידער פאַרגלעט, אין די העכערע אינס־טאַנצן...

דער דאָזיקער האַנדל, וואָס האָט אָפּט גאָר רייך געמאַכט די, וועלכע האָבן שטאַרק ריזיקירט, האָט אָנגעהאַלטן ביז ס׳איז אַרויסגעקומען דאָס געזעץ וועגן באַנדעראָלן. פון דאַן אָן האָט מען מער קיין אייגענע געפּאַקטע פּעקלעך טיי ניט געקענט פאַרקויפן. יעדער פּעקל האָט שוין געמוזט זיין אַרומגענומען מיט אַן אָפּגעשטעמפּלט באַנדעראָל פון דער רעגירונג.

נאָך אַ יידישע פּרנסה איז געווען: שענקען. אויך די שנאַפּס ברוועריען זיינען אָפט געווען אין יידישע הענט. אין מיין שטעטל האָבן אָבער יידן ניט אָנגעשפּאַרט אַזוי ווייט. מען האָט געצויגן די אָרעמע פּרנסה פון האָבן אַ שיינק, פאַרקויפנדיק יי״ש צו גויים אויף מאַכן אַ טרונק, פאַר יידן — אויף מאַכן ברכה. נאָר אַזוי באַלד ווי די רעגירונג האָט דעם דאָזיקן געשעפט אויך מאָנאָ־פּאָליזירט, אַזוי ווי טיי, און עס איבערגעגעבן צום אַליינפאַרקויף פון רעגירונגס־געשעפטן, האָבן טויזנטער יידן אין רוסלאַנד און אַ צענדליק אין מיין שטעטל פאַרלאָרן זייער פּרנסה. דאָך האָט מען נאָך אונטערגעהאַנדלט דערמיט, פאַר־קויפנדיק אויפן גלעזל אָן דערלויבעניש, אין מאַרק־טעג און בשעת יאַרידן. האָט מען איינעם געכאַפּט ביי דעם — האָט מען אים איינגעזעצט אין דער שטעטלשער תפיסה, אויף אַ וואָך, צוויי. אַזאַ זיצן איז אָבער פון קיינעם ניט באַטראַכט געוואָרן אַלס שאַנד, ווייל דער האַנדל איז ניט באַטראַכט געוואָרן ווי אַ חטא. דער כבוד פון אַזעלכע „זיצער״ איז ניט געמינערט געוואָרן. עס איז געווען אַ געראַנגל פאַר אויפהאַלטן דאָס לעבן, אַ געראַנגל קעגן די גזרות און רדיפות פון דער צאַרישער רעגירונג קעגן יידן.

גאָר אַ באַזונדער אָרט האָבן פאַרנומען אין שטעטל די איניקע פערד־הענדלער, וועלכע האָבן געהאַנדלט מיט דייטשלאַנד און ענגלאַנד. איניקע פון זיי פלעגן זיין אַוועק פון דער היים חדשים לאַנג. זיי פלעגן זיצן אין קעניגס־בערג, בערלין און לאָנדאָן, קומען אַהיים נאָר אויף די ימים־טובים. זייערע משפחות זיינען געווען פון די „אויבערסטע״ צענדליק אין שטעטל. געווען רייך. אין די שוואַרצע פינטעלעך האָבן זיי זיך שוואַך אויסגעקענט, נאָר אָפּגעהיט געווען אין יידישקייט, ווי אַלע שטעטל־יידן. אַז זיי פלעגן אָנפאָרן אויף יום־טוב אַהיים, האָבן זיי זיך געפירט ברייט, געגעבן אַ שיינע נדבה אויף שטעטלשע באַדאַרפיקייטן, זיך געפירט בכבודיק און געצאָלט פאַר כבוד.

צווישן אָט דעם צענדליק גבירישע משפחות זיינען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן אויסגעליען פּריצים געלט אויף פּראָצענט, געווען שותפים צו פאָלוואַרקעס, גיטער, געהאַנדלט מיט וואַלד און געווען באַטייליקט אין גרע־סערע מסחרים.

דער גרעסטער נגיד אין שטעטל איז געווען חיים נטע זאַקס, אַ הדרת־פּנימדיקער עלטערער ייד. ער איז אויך געווען דער איינציקער „פאַבריקאַנט״ אין שטעטל. חיים נטע זאַקס פאַבריק — ווי מען האָט עס גערופן — האָט באַ־

שעפּטיקט צוויי צענדליק אַרבעטער, ביים אויסאָרטירן און אויסבאַרשטן חזיר־האָר, וועלכע מען האָט געפּאַקט אין פּעקלעך און געשיקט קיין דייטשלאַנד, אויף מאַכן בערשט.

חיים נטע זאַקס איז געווען אַ האַרטער ייד, שטרענג צו זיינע אַרבעטער. געלעבט האָט ער מעשה פּריץ, אין אַ גרויס הויז, ארומגערינגלט מיט בנינים, קליינע, וווּ ס׳האָט זיך אויך געפונען אַ קלייזל, אויף זיין אייגענעם נאָמען. פאַרן גאַס פון הויז איז געווען אַ גרויסער גאָרטן מיט פּרוכט און בלומען. דער איינציקער מין גאָרטן אין שטעטל. די אָפּגעפאָרבענע שטאַכעטן, די ארומגעשטעלטע גלעזערנע אַלערהאַנט־פאַרביקע קרוגן האָבן צוגעגעבן אַ באַזונדערן חן דעם גאָרטן, געצויגן אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט.

די אַרבעט־שעה׳ן אין חיים נטעס בערשטעריי זיינען געווען לאַנגע. מען פלעגט אָנפאַנגען מיטן ערשטן אויפשפּראָץ אויף טאָג און ענדיקן אין טיפער נאַכט. אַ וועקער פלעגט ארומגיין יעדער נאַכט, קלאַפּן אין די פענצטער ביי חיים נטעס ארבעטער, זיי וועקן, ווי צו סליחות. אין ווינטערדיקע שבת־צו־נאַכטן האָבן די ארבעטער געמוזט קומען אַרבעטן. די געהאַלטן זיינען געווען קליינע. און דאָך האָט יעדער זיך געפּרייט צו קענען אריינגיין ארבעטן ביי חיים נטען, ווייל די אַרבעט איז געווען אַ שטענדיקע, אַ גאַנץ רונדן יאָר. האָט מען געליטן, געשוויגן, דאָך איין איינציקע פאַבריק אין שטאָט...

ווי האַרט חיים נטע איז ניט געווען צו זיינע ארבעטער, געאַרבעט מיט זיי עבודת־פּרך, פלעגט ער אָבער דאָך אָפט ווייזן גוטהאַרציקייט ביים ארויסהעלפן נויטבאַדערפטיקע מיט אַ הלואה. ער האָט אויך גענומען אַן אַנטייל אין קהלשע ענינים, אָבער גראָד ניט ווי אַ גביר, אַ דעה־זאָגער.

געווען איז ער אַ פּשוטער מענטש, מיט ווייניק בילדונג און לומדות, דערפאַר אָבער האָט ער זיך באַמיט געבן אַ גוטע דערציאונג זיינע קינדער. איין זון איז געוואָרן אַן אַפּטייקער. דער צווייטער איז געווען אַ תלמיד חכם, אַ משכיל. אָט דער זון, משה חיים נטעס, ווי מען האָט אים גערופן אין שטעטל, האָט שוין געהאַט אַ זייער פיינע ביבליאָטעק, די ערשטע פּריוואַט ביבליאָטעק מיט אויך וועלטלעכע ביכער. עטלעכע יוגנטלעכע, און איך בתוכם, פלעגן אויסלייען ביי אים אַ בוך, וואָס ער פלעגט עס געבן מיט אמתער פריינדלעכקייט. משה חיים נטעס האָט שפּעטער פאַרפולקאָמט זיין וויסן, געוואָרן אַ האָמאָפּאַט און געהאַט אַ גרויסע פּראַקטיק, פון די ארומיקע דאָרף־גויים.

# מיין היים

ערשטע קינדער־יאָרן. — מיין באָבע. — טאַטע דער שטילער בעקער. — בערע זושע כאַפּט מיך מיט טריף פּסול און רעכנט מיך ניט צום מנין. — די דאָרפישע גוטע מאַמע. — דער טויט פון מיין ברודער, וואָס פירט צום טויט פון דער מוטער. — וואָך, ערב שבת און שבת אין שטעטל. — דער אויפקום פון ציוניזם.

אין מיין זכרון האָבן זיך אָפּגעשטעלט מיט פּרטימדיקער שאַרפקייט יענע אַלע איינצלהייטן, וואָס האָבן געמאַכט א שטאַרקן רושם אויף מיינע יונגע יאָרן. ביז היינט נאָך שטייט ווי לעבעדיק פאַר מיר די געשטאַלט פון מיין באָבען: הויך, דין, מאָגער, א שטערן פול קנייטשן, טיף געקארבטע, די מויל אָן ציין, מיט איינגעפאַלענע באַקן און אין גאַנצן — א שטיק עצבות.

א שווער לעבן האָט געהאַט די באָבע מיינע, חנה פּעסע: זי איז געבליבן יונג אַן אלמנה, מיט פיר קינדער לעבן איר און איינעם אין איר — מיין פאָטער, וועלכער איז געבאָרן געוואָרן איניקע חדשים נאָך זיין פאָטערס, דעם זיידנס, טויט, און מען האָט אים א נאָמען געגעבן נאָך אים: יוסף. אין דער בעקעריי, וועלכע איז איבערגעבליבן פון זיידן, האָט די באָבע אליין געאַרבעט. געקנעטן, געבאַקן און געווען א מאַמע צו אירע פינף קינדער.

עטלעכע און דרייסיק יאָר אין איר אלמנהשאַפט, פון דאַן ווען איך געדענק איר שוין, האָט זי נאָך אלץ אזוי שווער געאַרבעט, ווי די אלע יאָרן, וועגן וועלכע איך האָב געהערט דערציילן. זי פלעגט זיך אויפהייבן דריי אזייגער אין דער נאַכט, מיט לייכטע טריט, קיינעם ניט אויפצוועקן, פאַרלאָזן איר געלעגער און אין שיין פון אַן אייל־לעמפּל גיין אין בעקעריי אריין. אליין פלעגט זי איינהייצן דעם גרויסן בעקער אייוון, ארויסנעמען די טייג פון די מולטערס, איבערקנעטן און אויסמאַכן די לאַבנס ברויט און חלות. פון יאָרן ארבעט זיינען אירע אויגן און הענט געווען אזוי געניט, אז אָן צו באנוצן א וואָג פלעגן דאָך אלע לעבלעך האָבן די זעלבע געוויכט. ערשט אז די דאָזיקע אַרבעט איז געווען

געטאָן פלעגט זי אויפּוועקן דעם טאַטן, צו אריינזעצן די ברויטן אין אייוון. אין דער צייט וואָס דער טאַטע האָט זיך מתעסק געווען מיטן אויסרייניקן דעם אויוון פון קוילן, האָט די באָבע דערוייל געטונקט עטלעכע געגנדזענע פעדערן אין איי־געלכל און געפּירט דערמיט איבער די חלות, כדי זיי צוגעבן א ברוינע גלאַנציקייט. אין דער צייט ווען דאָס געבעק איז געווען אין אויוון האָט זי גערייניקט די טישן און אנדערע פלעצער, ווו אוועקצולייגן די פאַרטיקע געבעק. ערשט דאַן האָט זי געוואַשן דעם פּנים, איבערגעביטן די קליידער, פאַרביטן איר קאָפּ־טיכל אויף אַ שייטל. און אז דאָס געבעק איז שוין פאַרטיק געווען, האָט זי אָפּסאָרטירט די שענערע, די בעסער אויסגעבאַקענע חלות און בייגל, עס אוועקגעלייגט אין א באזונדער אָרט, פאר די שטענדיקע קונדן. דאַן האָט זי אויפגעוועקט די גרעסערע אייניקלעך, געהייסן זיי זיך אָנטאָן, די קלענערע קינדער אריבערגעטראָגן פון זייער שלאָף־באַנק אין דער מאַמעס בעט אריין, ווייל דער שלאָף־באַנק האָט איצט, אין טאָג, געדאַרפט דינען פאר א זיץ־באַנק. איר אויג איז געווען איבעראל, אויסער אין פירן די שטוב־זאַכן. דאָס איז שוין געווען די אַרבעט פון דער מאַמען.

דער איינציקער מנוחה־טאָג אירער דורך דער וואָך איז געווען שבת. מיינע ערשטע זכרונות וועגן דער באָבען איז מיר געבליבן פון גיין א שבת מיט איר אין שול, ווען איך בין געווען דער טרעגער פון איר גרויסן קרבן־מנחה סדור. פּלוצלונג איז דער שול־הויף געוואָרן ארומגערינגלט מיט פּאָ־ליציי. די באָבע האָט מיך צוגעטוליעט צו זיך, איינגעשטילט מיין שרעק. ערשט שפּעטער האָב איך זיך דערוווסט וואָס ס'האָבן באדייט די דאָזיקע פּאָליציי איבערפאַלן אין מיטן שבת, וועלכע פלעגן זיך פון צייט־צו־צייט ווידערהוילן: געווען איז עס אין די פריזיוו־צייטן, ווען מען פלעגט נעמען רעקרוטן צום דינסט. די פּאָליציי פלעגט אויסקלייבן די שבת־טעג דווקא, ווען אלע יידן זיינען פאַרזאַמלט אין די בתי־מדרשים, אדורכפירן רעוויזיעס, ארעסטירן אלע פאַרדעכטיקטע און אָפּפירן צום פריסטאַוו.

אין א געוויסן פרימאָרגן איז די באָבע פאַרבליבן אין בעט, ניט ארויס ווי יעדן טאָג צו איר אַרבעט. מען האָט געבראַכט דעם פעלדשער און געשיקט צוזאַמענרופן אירע קינדער. אין אייניקע טעג ארום איז זי געשטאָרבן, אין אַנוועזנהייט פון אירע קינדער.

איך בין געווען צו יונג אויף פאַרשטיין מיין באָבעס אוועקגיין פון אונדז, האָב איך ניט אויפגעהערט פרעגן אויף איר, פאַרוואָס זי קומט ניט, געבענקט נאָך איר פאַרהאָרעוועטער וואָך און צו נאָכטראָגן איר סדור אין די שבתים.

מיין פאָטער, ווי דערמאָנט, איז געבאָרן געוואָרן א יתום, און אין שטעטל האָט מען אים גערופן אויף זיין מאַמעס נאָמען: יאָסע חנה פעסעס און ניט — יוסף שמולאָוויץ, ווי אָפיציעל. ער האָט זיך אויפגעהאָדעוועט — צוזאַמען מיט

נאָך צוויי ברידער און צוויי שוועסטער — אין גרויס דחקות. זייער מאַמע, שטענדיק אַ פאַרהאָרעוועטע, אַ געפּייניקטע, האָט ניט געהאַט קיין צייט זיך אָפּ־צוגעבן מיט זיי. האָבן די עלטערע אויפגעפּאַסט די קלענערע קינדער, זיך אַליין דערצויגן. די קינדער זיינען געוואַקסן אין מרה־שחורה, אָן צערטלעכקייט, אָן ליבשאַפט.

די יאָרן פון מיין פאָטערס קינדהייט זיינען געווען בכלל שווערע: די אַזוי גערופענע „יקרות יאָרן". עס איז געווען אַ הונגער אין לאַנד און אנשטאָט ברויט האָט מען זיך געשפּייזט מיט קוקורוזע, וואָס מען האָט געבראַכט פון אוקראַינע. און דאָס אויך — פאַר די רייכערע. די אָרעמע האָבן זיך אויף קו־קורוזע אויך ניט געקענט פאַרגינען. צוליב אָט דעם דאָזיקן אַלגעמיינעם מצב איז שוין די לאַגע פון דער באָבען געווען נאָך שווערער — ניט געווען וואָס צו באַקן, און די בעקעריי איז געווען איר איינציקער מקור פון פּרנסה. אַזוי זיינען אַדורך די ערשטע קינדהייט־יאָרן פון מיין פאָטער — אין שטענדיקער באַגלייטונג פון הונגער און פריידלאָזיקייט. ווען ער איז אַלט געוואָרן דרייצן יאָר, בר־מצוה, האָט מען אים אוועקגעשיקט אין א דערבייאיקן שטעטל, לער־נען אין א ישיבה. עטלעכע יאָר האָט ער געוואָגלט פון איין ישיבה אין דער צווייטער, געגעסן טעג, געהונגערט, געווען עלנט, פאַרלאָזן. די דאָזיקע יאָרן פון יתומדיקייט, דערדריקטקייט, יאָרן פון מי און מאַטער האָבן אויך ניט אויפ־געהערט ווען ער האָט זיך אומגעקערט פון דער פרעמד: די ברידער און שוועסטער האָבן חתונה געהאַט, פאַרלאָזן די היים און ער איז געקומען זיין מיט דער מוטער, ארויסהעלפן איר אין דער בעקעריי. פון אַן אויסגעדאַרט אָרעם בחורל, א טעג־עסער, איז באַלד געוואָרן א שווער־ארבעטער, איבער זיינע קרעפטן. ער האָט געדאַרפט ברענגען די מעל פון מיל, קנעטן די גרויס־סע דייזעס געבעק, געבאַקן, געשטאַנען אויפן מאַרק און פאַרקויפט. מיטפילנד און געהאָרכזאַם צו דער מוטער ווי ער איז געווען, האָט דאָך אין אים געברויזט אַן אומצופרידנקייט, אַן אויסזיכטלאָזיקייט און א טיפער טרויער, וואָס האָט זיך אָפּגעזעצט אויף זיין נשמה אויפן גאַנצן לעבן שוין. די אונטערדריקטע לעבנס־פרייד האָט אים אָנגעפילט מיט צער. און ווען ער איז שוין געווען אַ טאַטע פון קינדער, האָט דער דאָזיקער צער נאָך אַלץ ניט אויסגעוועבט. אינעווייניק א פולער מיט ליבשאַפט־געפילן, איז עס אים דאָך שווער געווען עס ארויצו־ווייזן. האָבן מיר, די קינדער זיינע, נאָר זעלטן געפילט זיין וואַרעמע האַנט אויף אונדזערע קינדער־בעקלעך, נאָר זעלטן געזען פון אים א וואַרעמען שמייכל צו אונדז, ווי ער וואָלט זיך געשעמט, אָדער זיך אַליין ניט פאַרגונען.

געווען איז מיין פאָטער א גוט־האַרציקער און א נוח לבריות. עס איז אים קיינמאָל און גאָרנישט שווער געווען אַבי צופרידנשטעלן מענטשן, טאָן א טובה, אפילו ווייט איבער זיינע מיגלעכקייטן. ער איז געווען א מכניס־

אורחים און ביי א שמחה, ביי א סיום פון משניות — וווּ ער איז לאַנגע יאָרן געווען גבאי פון דער חברה — האָט ער שטענדיק צוגעגרייט כיבוד מיט דער ברייטער האַנט. זיינען מענטשן, קרובים, באַקאַנטע געקומען צו גאַסט, — האָט ער זיי מקבל געווען בספר פּנים יפות, צוגרייטן פאַר זיי א טיש פון שענסטן און בעסטן. כאָטש שטיל, באַשיידן, ווי איין קעמערל פון זיין הארץ וואָלט געווען אָפּגעשלאָסן נאָר פאַר זיך, האָט ער דאָך שטאַרק ליב געהאַט מענטשן, פאַרבראַכט אין זייער געזעלשאַפט און געווען אויפריכטיק צוגעטאָן צו אלעמען.

אין שטעטל־לעבן איז קיינמאָל קיין מחלוקות געווען א חוץ די מחלוקה צווישן רב און דיין. מיין פאָטער, זייענדיק א דעפּוטאַט אין שטאָט־פאַרוואַלטונג, איז ווייט געווען פון זאָגן קבלו דעתי, ארויפצווינגען זיין מיינונג. ער האָט געוויכט פון מחלוקות, פיינט געהאַט קנאות בתכלית השנאה און געווען טאָלעראַנט צו א קעגנערישע מיינונג. ער האָט ליב געהאַט דעם מענטשן, דעם אדם, און דעם בין אדם לחברו אָפּגעהיט שטענדיק, אפילו צו אזא איינעם וואָס האָט אָנגערירט דעם בין אדם למקום. ער האָט זיינע קינדער אָפּט אויפמערקזאַם געמאַכט אויפן דרך ארץ קדמה לתורה און געהאַט א טיפן דרך ארץ פאַרן מין מענטש.

געווען אַ מנהג אין שטעטל, אז אויסער די מעות־חטים, וואָס יעדער בעל־הבית האָט געגעבן פאַר נויטבאַדערפטיקע אויף פּסח, האָט מען חול־המועד פּסח אויך געקליבן פאַר די זעלבע מצה, שמאַלץ, אייער און אנדערע עסנוואַרג. יעדן יאָר פלעגט א חשובער בעל־הבית ארומגיין מיט צוויי שמשים איבערן שטעטל און יעדער וועלכער האָט געקענט האָט אריינגעגעבן אין זייערע קערב און עמערס עפּעס וואָס. איין יאָר איז דער קלייבער געווען בערע זושע דער בלעכער, א פאַנאַטיש פרומער ייד, דער מגיד ביי דער חברה חיי־אדם. אריינגעקומען אין אונדזער הויז, האָט ער געזען ליגנדיק אויפן טיש עפּעס אַן אָפּן בוך, וועלכן איך האָב א ווילע פריער געלייענט. געזען אַן אָפן ספר אויפן טיש, האָט בערע זושע, ווי דער שטייגער פון א יידן, אריינגעקוקט. איך בין גראָד אין שטוב ניט געווען און ווייס ניט ביז היינט וואָס פאַר א געשפּרעך בערע זושע האָט געהאַט מיט מיין פאָטער. נאָר שפּעטער, אז איך האָב געזוכט דאָס בוך, וואָס איז שוין געווען ערגעץ פאַרשטעקט, האָט מיין פאָטער מיך פאַרגעהאלטן בזה הלשון: קענסט לייענען וועלכע ביכער דו ווילסט, מען דאַרף אָבער שטאַרק אויסמיידן פון פּוגע זיין די געפילן פון אנדערע, וועלכע האלטן אזעלכע ביכלעך פאַר טריף פּסול, האָסט דערפאַר עס ניט געדאַרפט איבערלאָזן אויפן טיש, פאַר צופעליק פרעמדע אויגן.

דעם זעלבן טאָג, אין בית המדרש צו מנחה, האָט בערע זושע ניט צוגעלאָזן זיך שטעלן דאַווענען אזוי לאַנג ס'איז געווען נאָר א מנין, צען, מיט מיר. ער האָט דווקא זיך איינגעשפּאַרט מען זאָל וואַרטן אויף אַן עלפטן. צו זיין זכות

דארף אָבער געזאָגט ווערן, אז וויפל מען האָט אים ניט געפרעגט, פּארוואָס מען דארף עפּעס פלוצלונג עלף צו א מנין, האָט ער קיינעם ניט פאַרטרויט, ניט געוואָלט מיר מבזה זיין, כאָטש אויך דאוונען אין א מנין מיט אזא איינעם וואָס לייענט טריף פּסול׳ס האָט ער ניט געוואָלט...

מיין מאַמע איז געווען א יפת־תואר, מיט א ליכטיק באַחנ׳ט פּנים. געבאָרן איז זי אין אַ דאָרף, ביי עלטערן פּאַרמערס און זיך אויפגעהאָדעוועט מיט אירע 6 שוועסטערס און 2 ברידער אין א סביבה פון ריינקייט און צניעות. די ארומיקע נאַטור האָט געצויבערט מיט גרינע פעלדער, מיט קליינע וועלדלעך און א טייכל, אויף וועלכן ענטלעך און גענז זיינען ארומגעשווומען. אין דער שטילקייט פלעגט מען דייטלעכער הערן די זינגערייען פון פויגלען, דאָס מעקענען פון בהמות און דאָס קוואַקענען פון פרעש; אין פרימאָרגנס פלעגן די הענער קרייען און וועקן. זי האָט, אין שויס פון דער נאַטור, געלעבט א רואיקן לעבן. ניט געוווּסט פון שמוץ פון שטאָט. קיינמאָל ניט געהערט קיין רכילות, לשון הרע אָדער ניבול פּה; דאָ האָט מען זיך ניט געקריגט, געשאָלטן צי געזידלט און ניט געוווּסט פון קנאה־שנאה. מיין מאַמע איז אויסגעוואקסן מיט א ריינע זויבערע נשמה און א געזונטן שיינעם קערפּער און דערצויגן פרום־יידישלעך. א מלמד געהאלטן אלע יאָרן, און געקענט גוט עברי. און דאָס אויסגענוצט 3 מאָל יעדן טאָג, דאוונענדיק אין קרבן מנחה־סדור, און שבתים — ביים לייענען דעם צאינה וראינה. זי איז געווען א גרויסע בעלת־צדקה און געהאָלפן פיל משפחות מיט ברויט, האָלץ און אויך מיט משכנות צו לייען געלט דערויף. מאַנכע מאָל, פאַר ימים טובים, פלעגן מיר מוזן אליין אויסלייזן אונדזערע אייגענע זילבערנע לעפלען אָדער בעכערס פון די מלוים, און ווען דאָס געלט איז ניט געווען, פלעגן מיר עסן מיט צינערנע לעפל און מאַכן קידוש אין א גלעזערנעם כוס. מיר גופא אין הויז האָבן ניט געוווּסט פון אירע צדקות ביז נאָך איר טויט, ווען אלמנות און אָרעמעלייט האָבן נאָכגעזאָגט אירע שבחים נאָך איר טויט. זי איז געווען אן איבערגעבענע צערטלעכע מוטער און קיין קרבן איז פאַר איר ניט צו גרויס געווען פאַר די גוטעס פון אירע קינדער. עס זיינען ביי איר געשטאָרבן פיר קינדער: דריי ווען זיי זיינען נאָך געוועזן זייער יונג, אין דעם עלטער פון 3—4 יאָר. דער פירטער איז געשטאָרבן, ווען ער איז שוין געווען א בחור פון 16—17 יאָר, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט אין לערנען. די אבידה איז געווען אזוי גרויס, אז די גאַנצע שטעטל האָט געוויינט אויף דעם גרויסן אומגליק. דאָס האָט צעבראָכן מיין מאַמעס געזונט און דער וווּנד, וואָס דאָס האָט איבערגעלאָזן אין איר האַרצן, איז ניט געהיילט געוואָרן און איז פאַרבליבן ביי איר ביז איר טויט. זי איז געווען א שווייגנדיקע און אירע יסורים באַהאַלטן אין זיך, ניט ארויסגערעדט פאַר א צווייטן. זינט דעם גרויסן אומגליק דורך דעם פריצייטיקן טויט פון איר

זון, וועלכער איז געווען איר טרייסט און צירונג אין איר שווערן און ביטערן לעבן, פלעגט זי שטענדיק קריגן גרויסע קאָפּ־ווייטאָגן. שעה׳ן לאַנג פלעגט זי אָפּליגן און ניט קרעכצן, ביז עס פלעגט איר בעסער ווערן. זי האָט גענומען כינין צו פאַרלייכטערן אירע ווייטאָגן, אָבער דאָס האָט געווירקט אויף איר האַרץ און פאַרקירצט איר לעבן.

צייט איך געדענק איז דאָס לעבן פון מיינע עלטערן ניט געווען לייכט. זיי זיינען ווייט ניט געווען פון די אָרעמסטע מענטשן אין שטעטל, אָבער דער עול פון פרנסה איז שטענדיק שווער געווען. דאָס לעבן פון טאַטע מאַמע אין שטענדיקער פאַרזאָרגטקייט, דאָס מיטהעלפן פון דער מאַמען אין טאָג־טעג־לעכן קאַמף פאַר עקסיסטענץ איז געווען זייער גרויס. ביידע האָבן זיי געהאָ־רעוועט שווער אויף דערנערן זיך און זייער משפחה. צוויי דריי אזייגער ביי־נאַכט פלעגן זיי שוין אַראָפּ פון די געלעגערס און אזוי ביז זיבן אַזייגער, ביזן ארויסנעמען דאָס געבאַקענע ברויט פון אויוון, האָבן זיי געאַרבעט האַנט אין האַנט, אָן אָפּרו. אזוי זיך ווי מען האָט נאָר ארויסגענומען דאָס ברויט, איז דער טאַטע געגאַנגען אין בית־המדרש אריין, דאַוונען, לערנען זיין פרק משניות. און אז ער איז צוריקגעקומען, באפרייט דער מאַמען פון פארקויפן, פלעגט זי אריינפאַלן צו די קינדער, אָנטאָן, וואַשן, געבן עסן און אוועקשיקן זיי אין חדר. דעם ערשטן האַלבן טאָג פלעגט זי טאָן די הויז־ארבעט און אזוי באלד ווי אָפּ־געגעסן מיטאָג, איז זי צוריק אוועק אין בעקעריי, אויסמאַכן די גרויסע, צען־צוועלף פונטיקע שווארצע לאבנס ברויט. איז צוגעפאלן דער אָוונט, האָט מען ווידער געדארפט צוגרייטן שוין די טייג אויף מאָרגן פרי, און אזוי כסדר, אָן אָפּשטעל, אָן אָפּרו — א גאנצע וואָך.

גאָר אנדערש האָט אָנגעפאנגען אויסקוקן דאָס הויז, די פנימער פון טאַטע־מאַמע פרייטאָג נאָך האלבן טאָג. די גאנצע וואָך האָט דער טאַטע, ווי דער גרעסטער טייל יידן יענע יאָרן, ניט מקפיד געווען אויפן עסן. אבי איבער־געכאַפּט דאָס האַרץ. מען לעבט דען לשם עסן? מען עסט דאָך אויפצוהאלטן נאָר דאָס לעבן. אנדערש איז אָבער געווען שבת און יום־טוב. דאַן האָט אלץ געדאַרפט זיין פון בעסטן און פיינסטן. און ווידער — ניט אזוי פאר זיך, ווי לכבוד שבת, לכבוד יום־טוב. האָט זיך ערב שבת געטאָן: מען האָט געוואַשן, געשייערט, געקאָכט, געפּוצט און איבערגעפּוצט. ביים קאָכן איז געווען פאַר־נומען די מאַמע; די קינדער האָבן צוגעהאָלפן אויפּרוימען, די שוועסטער האָט געוואַשן, געשייערט טישן, בענקלעך, פענצטער, געשייערט מיט זאַמד די לייכ־טער, איבערגעצויגן ניי בעט־געוואַנט. מיר, די קלענערע קינדער, פלעגן זיין באַשעפטיקט מיטן איבערקלייבן די אַרבעס אויף טשאָלנט, פוצן די שיך, אויס־בערשטן די שבת־בגדים און דערביי אויך ניט פאַרגעסן זיך אריינכאַפּן אין קיך, בגנבה אראָפּכאַפּן א שטיקל איקרע פונעם שבתדיקן פיש. די מאַמע איז

געווען צופיל פֿאַרנומען אין דער „קאַלטער קיך", מיטן פּאררוקן דעם טשאָלנט, קוגל, מאַכן צימעס און האָט ניט באַמערקט אָדער פאַרקוקט אונדזערע שטיפערייען. דער טאַטע האָט געטאָן די דעליקאַטע ארבעט: אָנגיסן קאָראָסין (נאַפט) אין די לאָמפּן, אויסרייניקן און ארומשניידן די קנייטן, אויספּוצן די גלעזלעך. און אז די דאָזיקע ארבעט איז שוין געטאָן געווען, האָט מען געכאַפּט א ביס בחפזון, נאָר ניט איבערצוחלשן דאָס האַרץ, אָבער אויך זיך ניט אָנצועסן, ווייל דעם גאַנצן אַפּעטיט דאַרף מען לאָזן אויף נאָכן דאַוונען, אויף דער ערשטער שבת־סעודה.

אין א ווינטערדיקן ערב־שבת פלעגן די מענער איצט אוועק אין מרחץ. אין קליינעם מרחץ־פאָדערהייזל פלעגט זיין א שטופּעניש, אַ געדריינג. האַלב־זיצנדיק, האַלב־שטייענדיק פלעגט מען זיך אויסטאָן, אראָפּשלעפּן פון זיך די שטיוול, די וואַרעמע קליידער, מאַכן א קנויל, איינבינדן מיט די אַרבל פון די העמדער און עס אוועקלייגן, פּעקל ביי פּעקל. אנדערע פלעגן מיטנעמען קלייַדער שטיקער מיט זיך, אינעם צווייטן באָד־צימער, ווו עס איז געווען די פּאָל — דריי לאַנגע בענק, איינער איבערן אַנדערן, אנטקעגן אָנגעברענטע שטיינער, אויף וועלכע מען פלעגט גיסן כסדר וואַסער, די היץ זאָל ארויסשלאָגן. מען פלעגט די מיטגענומענע קליידער אויסהענגען, כדי אויספּאַרענען. אין ערשטן באָד־צימער פלעגט מען זיך איינזייפן, אָפּגיסן זיך מיט א פּאָר שעפּעלעך וואַסער און באַלד זיך געלאָזן אין צווייטן צימער. דאָ איז געווען אַ פּאַרע, א רויך, קוים די אויגן צו עפענען. נאַקעט האָט זיך געשאַרט אָן נאַקעט, זיך אָפּגעשלאָגן, פאַרשפּריצט א טראָפּן הייס וואסער פון שעפּל עמעצן אויף א פוס; יענער האָט זיך צעשריען, גלייך זיך דערקענט מיטן אָפּגיסער, א ברום געטאָן, אָבער קיין פאַריבל ניט געהאַט. אויפן פּאָל זיינען געלעגן, געזעסן, ווער ווי ס'האָט נאָר געקענט, זיך געשמיסן מיט בעראָזעווע בעזעמלעך, וועלכע מען האָט פריער גוט אויסגעטונקט אין וואַסער, אָנגעזייפט, אויסגעווייקט. אנדערע בעלי־בתים האָבן צוגערופן דעם בעדער, ער זאָל זיי ארומשמייסן; זיך אויסציען אויף דער העכסטער פּאָל, ווו די היץ איז געווען אם שטאַרקסטן און זיך לאָזן דערלאַנגען אחת ואחת. פון יעדער פּאָך מיטן בעזעמל פלעגט א שטראָם הייסע לופט זיך א זעץ טאָן אויפן נאַסן לייב. די געשמיסענע פלעגן אויפצאַפּלען פון ווייטאָג און פארגעניגן, פלעגן אונטערשטרייען, ברומען מיט קולות: חע־חע, אָ, גוט־גוט, איי־איי, זיך אויסטשוכענען מיט א שעפּל קאַלטע וואסער, ווו זיי פלעגן אלע ווילע פאררוקן דעם קאָפּ.

ארויסגיין פלעגט מען פון באָד האַלב־פארחלשטע, אָבער דערפאַר אויך דערקוויקטע, דערפרישטע, נאָכדעם ווי דער גוף פלעגט זיין אויסגעפּאַרעט, דער פאַרהאַרטעוועטער קערפּער זויבער, געעפנט די פאָרן פון דעם א גאַנץ וואָך ניט־געוואַשענעם גוף.

אין באָד פלעגט מען אין ענגשאַפט ארויפציען אויף זיך די נייע וועש, אָבער נאָך אַלץ די וואָכעדיקע קליידער. די שבתדיקע פלעגט מען איבערטאָן ערשט קומענדיק אַהיים.

אין שטוב האָט שוין געוואָרט א הייסער, שמעקעדיקער צימעס, ווו עס איז געווען פארבראָקט א שטיקל צימעס־פלייש, ווידער צו דערכאַפּן דאָס האַרץ נאָר, ניט זיך אָנצועסן. באלד נאָכדעם האָט מען זיך איבערגעטאָן און אַוועק אין שול, אין בית־מדרש.

מיטן בית־מדרש איז מען באַקאַנט געווען ווי מיט דער אייגענער היים. דריי מאָל אַ טאָג איז מען געווען אין אים, אָפּגעגעבן לאַנגע שעה׳ן צווישן די כותלי בית־המדרש, אין דאַוונען, לערנען; דאָך, שבת איז עס געווען גאָר



קראָזער שול

אַן אנדער בית־מדרש, אַן אויפגעפרישטער, אַן אויסגעפוצטער, אַנדערע מת־פללים. די דאַוונער אויסגעפוצטע, דער בית־מדרש אַ לייכטנדיקער, די פּנימער פון די מתפללים לויטערע, די שטערנס העכער, די בערד פּאַרקעמטע, אויסגע־צוואָגענע — שבתדיקע יידן, גאָר ניט צו דערקענען. און דער בית־מדרש — די לאָמפּן העל־בליציקע, ליכט צעצונדענע אין אלע ווינקעלעך, איבערן באַלע־מער דער גרויסער מעשענער הייגנ־לייכטער בלאַנקט, פינקלט מיט מאָטן גאָלד גלאַנץ, פון די ליכט־פלעמעלעך אין אים. אלץ העלט מיט שבת־קודשקייט. די תפילות פריידיקע, צעזונגענע, ווערטער אַזעלכע שבתדיקע דערהויבענע. און

פראָסטע יידן ווערן קאַוואַליערן, דרייען זיך מיטן פּנים צום טיר, פאַרבויגן זיך, פּאר איר, דער פּרינצעסין, די כּלה שבּת, זינגענדיק איר אַנטקעגן מיט התרוממות: בּואי כלה, בּואי כלה...

אויס וואָכעדיקייט, אויס זאָרג, אַלץ און אַלע זיינען אוועקגעטראָגן אויף פליגל פון חלום און בּענקשאַפט, צו א צייט וואָס מוז קומען, וואָס וועט קומען — צו א צייט פון יידישער און מענטשלעכער דערהויבּנקייט...

מען קומט צוריק פון שול, אין אַלע ווינקעלעך פון שטוב שיינט, ליכטיק, וואַרעם. דער ערדענער דיל איז אויסגעשאָטן מיטן געלן זאַמד, די מאַמע און שוועסטער אויסגעצוואָגענע, פאַרקעמטע, אָנגעטאָנענע אין בּגדי־שבּת; אויפן געגרייטן טיש פינקלען שבּת־ליכט, הויכן זיך חלות פון אונטערן חלה־דעקל, מיט בּלומען אויסגעהאַפטענעם; רויטער ווייַן פינקלט פון פלאַש ארויס, בּליצן זיך אין אים די פלעמלעך פון הענג־לייכטער — טויזנט קאָלירן. די מאַמע, א שמייכלענדיקע, מיט ווייסן טיכל אויפן קאָפּ, פלאַטערט ווי א ווייסע טויבּ מיט גוט שבּת אויף די ליפּן, איר מלך אַנטקעגן.

דער טאַטע, אַן אויפגעלייגטער, שפּאַנט איבּערן שטוב, בּאגריסט זיינע געסט — די מלאכי השרת, קוקט אויפן טיש, אויף די אָנגעגרייטע מאכלים און בּאַזינגט די אשת חיל, טאַקע אַן אשת חיל...

מען עסט, מען טרינקט און צווישן איין שפּייז און צווייטן — פאַרגייט מען זיך אין זמירות געזאַנג, וואָס דערהויבּט דאָס פּשוטע עסן צו קדושה, דעם טיש צו א מזבּח, דאָס גאַנצע לעבּן — צו איין גרויסער פאַרבּונדנקייט מיט דער שכינה.

אין די ווינטערדיקע לאַנגע פרייטאָג־צו־נאַכטן פלעגט מען נאָכן עסן אַוועקגיין אין בּית־מדרש, הערן א פּרשה חומש. מידע פון זאַטקייט פלעגט מען זיצן ארום לאַנגן בּית־מדרש טיש און זיך איינהערן צום מגיד. דער אַלטער חומש, דער פון די חדר־יאָרן נאָך בּאקאַנטער, פלעגט פירן צו ווייטע וועלטן צוריק און אויך צוריק צו דער אייגענער קינדהייט. פלעגן אויך אַלטע יידן גובר זיין זייער מידקייט. קינדער זיינען קיינמאָל ניט מיד...

שוין גאַנץ פרי פלעגן א סך מענטשן אריינקומען צו אונדז, טרינקען א גלעזל קאָכלע־טיי. אינעם קעמערל — קאָכלע — פון אונדזער גרויסן בּעקער־אויוון האָט זיך אויסגעהאַלטן דער טיי פון נעכטן ווי קאָכעדיק. און ווייל ניט אַלע האָבּן געהאַט אַזעלכע קאָכלעס, און קיין פייער, אפילו א סאַמאָוואַר דורך א גוי האָבּן גאָר ווייניקע זיך דערלויבּט צו מאַכן, פלעגט מען עס קומען טרינקען טיי בּיי אונדז. אנדערע פלעגן מיטנעמען זייערע אייגענע האַרטע צוקער, וואָס פלעגט זיין האַלבּ פאַרשוואַרצט פון האַלטן עס לויזע אין די קעשענעס. מיין פאָטער פלעגט שטאַרק פאַריבּל האָבּן, אַנזאָגן די טיי־

טרינקער ניט צו טאָן עס, צו טרינקען מיט אונדזער צוקער, וואָס איז אַלע שבת פרי געשטאַנען אויפן טיש, פריי פאַר יעדן.

דער שבת פרי דאַוונען, וואָס דויערט דאָך גאַנץ לאַנג, פלעגט געדויערן לענגער אין בית־מדרש ווי אין שול. אין בית־מדרש האָט געדאַוונט דער רב, ווען שטיין שמונה־עשרה פלעגט דויערן לאַנג. אויך פלעגן אָפט גע־הערן דאָרט שבתים צו פאַרשיידענע חברות. און די חברה, צו וועמען דער שבת האָט געהערט, וואָס זי פלעגט עס קריגן די געלט פון די עליות, פלעגט זיך באַמיען אויפרופן וואָס מער מענטשן עולה לתורה זיין, דאָס פלעגט פאַר־נעמען א סך צייט.

נאָכן דאַוונען פלעגט מען גיין אַהיים. איז אָבער געווען אַ גאַסט, אָדער א חתונה, פלעגט דער בעל־שמחה לאָזן אויסרופן אויפן בימה, אז ער לאַדט דעם עולם צו זיך אויף ברכה. פלעגט מען נאָכן דאַוונען גיין צום בעל־שמחה, מאַכן ברכה איבער א ביסל וויין אָדער בראַנפן, טרינקען לחיים, פאַרבייסן א שטיקל לעקעך און גיין אהיים.

מיין פאָטער פלעגט שבת פארן עסן, באַזונדערס אין זומער, ארומ־שפּאַצירן, אַוועקשפּאַנען אויסערן שטעטל. די קינדער פלעגן האָבן שאָדן פון דעם — די שפּיל־צייט, ווייל דער עסן פלעגט זיך פּאַרציען צו לאַנג און ווען אַלע קינדער זיינען שוין לאַנג געווען אין דרויסן, פלעגן מיר נאָך האַלטן אין מיטן מאָלצייט. דער פאָטער האָט עס געוווסט, אָבער זיין ווילן צו בלייבן מיט זיך, מיט דער נאַטור איז געווען זייער שטאַרק, און ער פלעגט עס אויס־נוצן יעדן שבת פארן עסן.

נאָכן עסן פלעגט די גאַנץ שטעטל זיך פאַרגינען דעם תענוג פון שינה בשבת. אין די געסלעך פון שטעטל פלעגט דאַן זיין שטיל, ממש אָנצורירן די שטילקייט, אויב נאָר די קינדער האָבן ניט אויפגעהויבן קיין טומל מיט זייערע שטיפערייען. די שטעטל, די שטיבלעך, די ציגן אויפן מאַרק, אַלץ איז ווי אַנטדרימלט געוואָרן, געווען אָנגעשטעקט מיט שבתדיקער רו, מיט שלאָף פון זאַטע און מידע.

אויסגערוטע, נאָך א גלעזל לוילעכע טיי, פלעגט מען ווידער זיך לאָזן אין בית־מדרש אַריין. אַלע טישן זיינען באַזעצט געוואָרן מיט לערנער, איבער אַלע סטענדערס האָבן זיך געשאָקלט גופים. מען האָט געלערנט אין דער שטיל ניט צו שטערן די זאָגערס ביי די טישן. דעם שלש סעודות, נאָך מנחה, האָט מען אָפּגעכאַפּט, אבי שוין יוצא זיין, — א שטיקל פיש, חלה, שיריים פון באַטאָגיקן עסן.

אין זומער פלעגט מען נאָך שלש־סעודות זיך ארויסלאָזן אויף שפּאַציר, אַהינטערן שטעטל. מיידלעך און בחורים זיינען ארויס פריידיקע, לשם שפּאַ־ציר, פאַרגעניגן; עלטערע זיינען געגאַנגען כדי כאַפּן פרישע לופט; דער

טראַט לאַנגזאַם, שבת טאָר מען ניט מאַכן קײן גרױסע שפּרײַזן. פרײדיק איז מען אױך שױן ניט, אַט גײט דער שבת דאָך אװעק, די װאָך רוקט זיך װידער אָן, מיט אירע זאָרג, דאגות פרנסה. שפּאַנט מען לאַנגזאַם, הענט אױף הינטער און מען ראַנגלט זיך, װיל אָפּשטופּן די װאָכעדיקע מחשבות װאָס קריכן שױן אין קאָפּ; װײַל זײ אָבער נאָך ניט צולאָזן, נאָך פּאַרט שבת, װילט זיך עס אױסציען לענגער, זאָל נאָך אָנהאַלטן די מנוחהדיקײט. און אַז די זון פּאַנגט זיך אָן טונקען אַלץ טיפער צום האָריזאָנט, קערט מען זיך אום אין שטעטל אַרײַן און די װאָך טראָגט מען שױן מיט זיך מיט, מען ברענגט איר פֿון די װײַטע פעלדער, פון הינטערן שטעטל. די אײגענע שאָטנס שפּרײטן זיך שױן לאַנגע פאַר זיך, שפּרינגען אונטער, זאָגן אָן דעם סוף־שבת אָנקום. בײַם אַרײַנגײן אין שטעטל דערטראָגט זיך שױן פון אָפענע פענצטער דער אומעטיק באַקאַנטער תהילים־ניגון.

אױפן גאַס װערט טונקעלער, די מענער זײַנען אַװעק אין בית המדרש צוריק, זאָגן אַ קאַפּיטל תהילים, הערן אַ מגיד און די װײַבער זיצן אױסגעזעצט אין גרופּקעס אױף די שװעלן, דערצײלן זיך מעשיות פון קב־הישר, װעגן גן־עדן און גיהנום. די קינדער טוליען זיך צו די מאַמעס; די מעשיות, װעלכע זײ פאַרשטײען נאָר טײלװײַז, װאַרפן אָן אױף זײ אַ שרעק, דער אומעט, די פינצטערניש דריקט די קלײנע קינדערשע הערצלעך.

אין בית־מדרש שטײט אַ מגיד און מאָלט די זעלבע בילדער, װאָס די װײַבער אױף די שװעלן. ער טוט עס נאָר דראַמאַטישער, שטאַרקער, איבערצײַגנדער. דער בית־מדרש איז פאַרװיקלט אין פינצטערניש, מענטשן שטײען צוגעטוליעטע, אַריבערגעװאָרפענע מיטן האַלבן גוף איבער די לאַװקעס, הערן, קרעכצן אונטער — אױפן גיהנום פון יענער װעלט, װאָס װעט ברענען און בראָטן, אָדער אױף דעם װאָכעדיקן־גיהנום פון זײער לעבן?

ליכטיקערע, טרײסטנדיקע רײד האָבן אָנגעפאַנגען די בתי־מדרשים צו פאַרנעמען מיטן אױפקום פון ציוניזם. מגידים, מטיפים קומען אָן, אױך זײ רײדן אין דער טונקעלער שבתדיקער בין השמשות, זײערע רײד זײַנען אָבער שטראַלנדע, האָפנונגספולע. אמת, זײ מאָלן אױך אַ גיהנום, אָבער שױן ניט פון יענער װעלט, נאָר טאַקע דעם גיהנום װעלכן די צוהערער קענען, זײער אײגענעם גיהנום אױף דער װעלט, װאָס הײסט גלות. אָבער מיט טרײסט־װערטער זײַנען פול זײערע רײד, װעגן אומקער צו דער אַלט־נײַער הײם, צו ארץ־ישראל. האָט דער עולם ליב די דאָזיקע טרײסטנדע רײד, כאָטש מורא האָט מען אױך: מאָלע װאָס ס׳קאָן נאָך פּאַסירן, װיפיל פאַלשע משיחים האָט דאָס פאָלק געהאַט אין זײַן גרױסן גלות! װי לאַנג איז דאָס געװען, שבתי צבי, פראַנק, ימח שמם. הערן אַלטע ײדן און קרעכצן, גלױבן עפּעס ניט, האָבן מורא, װער װײס אױב ניט װידער עפּעס אַ שפּיצל, אַ פאַרבלענדעניש, אַ

שטרויכלונג פארן הויז פון ישראל. נאָר יונגע הערצער זיינען גלויביק, און דער גלות איז פינצטער, ווי פינצטער ס'איז אין בית־מדרש. שטופּן זיך יוגנט אלץ נענטער צו די טרייסטנדע רייד. איז דער בית־מדרש געפּאַקט קאָפּ אויף קאָפּ און אלץ טיפער דרינגען די ווערטער אין די הערצער אריין.

שטערן הייבן אָן פינקלען אויפן הימל. פרויען־אויגן קוקן ארויף דורך טונקעלע מוטנע פענצטער, גיט מען א וויש די דאַרע האַנט צו דער פייכטער און א קרעכץ: אוי, גאָט, גאָט פון אברהם, פון יצחק, פון יעקב, באשירעם שוץ און באַהיט... דער ליבער שבת קודש גייט אַהין זאָל קומען אַ וואָך...

דער טאַטע קומט פון בית־מדרש און זאָגט גוט־וואָך. נאָכדעם מאַכט ער הבדלה. המבדיל בין קודש לחול: די מוצאי־שבתדיקע וואָכעדיקייט פילט זיך אין אלע ווינקעלעך, מען קען עס זען אויף יעדנס פנים. „חלף יום השבת עמו מנוחתי" און ווידער קומען אָן טעג פון שווערע אַרבעט, פון דאגת פרנסה. אוועק די נשמה יתירה און — ווידער: דער שובו רשעים לשאולה. מען טרייסט זיך מיט אליהו הנביא, מיט דעם איש חסיד היה, אָבער אין הארצן איז אומעטיק, אָך ווי אומעטיק...

# רבנים, גבאים, שמשים

קולטור־יסודות אין אַמאָליקן יידישן שטעטל. — חברות און לערנער פאר זיך. — ווען דאָס שטעטל זינגט. — יידיש פרייד דאַרף זיין באנעצט מיט א טרער. — אין בענקשאַפט צו גאולה. — צוויי רבנים, איינער זאָגט כשר, דער אַנדערער טריף. — די גרויסע מחלוקה. — די מנהיגים פון דער קהילה און זייערע העלפערס. — איצע שבתי'ס אונטער־שמש שטיבל. — פון קראָז ביז ניו־יאָרק. — יידן אין שוהל אריין.

די קהילה קראָז האָט געהאַט חברות און צדקה־מוסדות, מיט גבאים, שמשים, שוחטים, מלמדים — ווי יעדער יידישע קהילה אין ליטע.

קען היינט, אין צייט ווען דאָס וואָרט קולטור גייט ניט אַראָפּ פון קיי־נעמס ליפּן, זיך אויך ווער באַרימען מיט אזא קולטור־פאַרצוויגטקייט ? מיט אזא אמת קולטורעלער איינגעוואָרצלטקייט, ווי עס איז געווען אין יעדער יידיש־היים, אין יעדער יידיש־שטעטל ?

אין דער קוים אַכציק משפחהדיקער שטעטעלע זיינען געווען חברות פאר לערנען : גמרא, משניות, עין־יעקב, מנורת המאור, חיי אדם. אויסער די תלמוד־תורהס פאר קינדער. אלע די חברות האָבן געהאַט געגוג מיטגלידער, געגוג לערנער. ממש א יידיש לערנענדיקע וועלט.

אויסער די חברות צו לערנען זיינען אויך געווען סאָציאלע אינסטיטוציעס, ווי מען וואָלט עס היינט גערופן : א גמילות־חסד, אויסצולייען אָרעמע מענטשן הלוואות אָן פּראָצענט ; א בקור־חולים, צו זאָרגן פאַר אומבאמיטלטע קראַנקע ; א חברה־קדישא און, אין שפּעטערדיקע יאָרן, אויך א לינת־הצדק, שוין אָרגאַניזירט פון יינגערע, וואָס פלעגן דורכזיצן נעכט ביי קראַנקע, זיי באַדינען און דערמיט פאַרלייכטערן די משפחה פון קראַנקן, ווייל קיין קראַנקן־הויז איז אין שטעטל ניט געווען.

די מיטגלידער פון די חברות גמרא און משניות פלעגן לערנען אנדערש ווי אין דאָס רוב ערטער : מען פלעגט ניט זאָגן קיין בלאַט גמרא ביים טיש,

פאַר אלעמען, נאָר אין א באשטימטע שעה — און דאָס גלייך נאָך שחרית — פלעגן די חברה־מיטגלידער לערנען אליין אָדער פּאָרוויז, א שטאַרקערער מיט א שוואכערן למדן. דער רב מיט א צאָל בעלי־בתּים פלעגן נאָך בלייבן לענ־גער לערנען, ביז צען, עלף אזייגער. דאן ערשט פלעגן זיי גיין עסן פרישטיק, אָדער, ווי מען האָט עס דאן גערופן: אָנבייסן.

פאַרנאַכט, בין מנחה למעריב, פלעגן לערנען די אַנדערע חברות, שוין ארומגעזעצטע ביי טישן, צוהערנדיק פון א רבין, וואָס פלעגט קריגן עפּעס באַ־צאָלט דערפאַר. יעדער חברה האָט געהאַט יעדן טאָג א פּאָר מנינים צוהערער.

פלעגט מען ענדיקן א מסכת אָדער א סדר משניות — און דאָס גאָר אָפט — פלעגט מען מאַכן א סיום. דער רב האָט געזאָגט א הדרן, מען פלעגט נעמען צו קאָפּעלעך בראַנפן, א שטיקל לעקעך און זיך פרייען מיט דער שמחה פון תורה.

גאָר גרויס פלעגט שוין זיין די שמחה ביים ענדיקן די ששה סדרי משנה. נאָכן הדרן ביי אזא שמחה פלעגט מען שוין גוט טרינקען און צובייסן. אין אָוונט פלעגט מען פּראַווען א גרויסע סעודה, מיט בשר ודגים וכל מטעמים; מען פלעגט זיך משמח זיין מיט געזאַנג, זאָגן גראַמען, דרשות ביז אין ליכטיקן טאָג אריין.

די גרעסטע שמחת מצוה איז געווען ביי א סיום אויף ש״ס. שוין מאָ־נאַטן פריער פלעגט־מען זיך גרייטן אויף דעם. אויסבויען א גרויסע סוכה, ווו אויפצונעמען אַלע געסט. דאָס גאַנצע שטעטל, אויך די וועלכע האָבן ניט געהערט צו די גמרא לערנער, זיינען געווען אויפגערודערט, פול אין שפּאַנענ־דער דערוואַרטונג. אומעטום אין שטעטל, און אפילו אין די ארומיקע שטעט־לעך, האָט זיך געפילט די יום־טובדיקייט, די גרייטקייט צו דער גרויסער שמחה. געדונגענע קעכינס און סאַרווער זיינען שוין וואָכן פריער געווען גרייט, פאַר־נומען, צו איינקויפן די פּראָדוקטן, צוגרייטן די גרויסע סעודה. און אז ס׳איז געקומען דער אָנפאַנג פון דער שמחה, זיינען אלע הייזער געוואָרן ליכטיקער, אין אַלע געסלעך האָט זיך געפילט די פרייד. דער בית־מדרש איז געווען אויסגעפּוצט, מיט קאָלירטע פּאַפּיר־בענדער, מיט גרינס, גאַנצע בוימער זיינען אריינגעבראַכט געוואָרן, אויסגעשטעלט אין ערד פעסלעך, ביים אריינגאַנג פון בית־מדרש, ארום בימה. דער בית־מדרש איז געווען באַלויכטן פון הונדער־טער ליכט, וואָס האָבן געשטעקט אין אויסגעפּלאָכטענע דראָטן, זיך ציענדיק פון איין ווינקל בית־מדרש צום צווייטן. אז דער רב האָט געענדיקט דעם הדרן, האָט מען געטרונקען לחיים און זיך געזעצט צו דער ערשטער סעודה. א גאַנצע וואָך האָט אָנגעהאַלטן די שמחה און אַ גאַנצע וואָך איז דאָס שטעטל ארומגעגאַנגען אויסגעפּוצט אין שבתדיקע קליידער, יום־טובדיקע. די שמחה האָט מען ניט באַהאַלטן נאָר צווישן די אייגענע ווענט אָדער אין

בית־מדרש — מען איז מיט איר ארויס אין די גאַסן, געטאַנצט מיט גמרות אין די הענט אויפן מיטן מאַרק, פּאַראַדירט רייטנדיק אויף פערד, געטרובעט פון טרומייטערס, מוזיק האָט געשפּילט, אַלץ איז אריינגעדרייט געווען אין איין גרויסן פרייד־קאַרעהאָד, פרייד מיט דער תורה, פרייד פון לערנען.

שבת איז מען אוועק צו די רייכע בעלי־בתים, אויפגעמאַכט די אויוונס, ארויסגענומען די טשאָלנטן, קוגלען, ניט געפרעגט ווער און וועמענס, געהוליעט זאָל זיין.

דער חזן, ר׳ יוסף ליב עפּשטיין, וועלכער איז געווען א גרויסער למדן און אויך א משכיל, פלעגט יעדן טאָג ארויסגעבן אַ מיטן האַנט געשריבענע



דער וואונדערלעכער האַנט־געשניצטער ארון־קדש
אין קראָזער שול.

בלעטל, פול מיט וויצן, גלייכווערטלעך, תורהדיקע שפּריכווערטער, אזוי די גאַנצע וואָך.

דער בית־מדרש איז יעדער טאָג געווען פול געפּאַקט; מען האָט געזאָגט תורה, געהאַלטן דרשות, אזוי יעדן טאָג, די גאַנצע וואָך, פרייד, פרייד און פרייד ביז — אין די לעצטע שעה׳ן פון דער חגיגה. יידישע פרייד האָט אלעמאָל א גרענעץ, מוז האָבן; יידישע פרייד דאַרף זיין אדורכגענעצט מיט א שטילע טרער, אויב ניט איז אפילו די שמחה קיין שמחה ניט, אויב ניט איז עס גויישקע הוללות. און אָט די דאָזיקע לעצטע שעה׳ן פון דער שמחה, וועלכע איך געדענק, אלס צוועלף יאָריקער קינד, האָט אויף מיר געמאַכט א דערשיטערנדיקן און הערלעכן איינדרוק.

די דערשיטערונג האָב איך דאַן געפילט, די טיפע הערלעכקייט — האָב איך ערשט שפּעטער פאַרשטאַנען:

אין לעצטן שמחה־טאָג, נאָכן עסן, האָט מען אין מיטן טאָג צוגעמאַכט די לאָדן, עס איז געוואָרן טונקל. נאָר צוויי ליכט האָבן געברענט אויפן מיטן טיש, וואָס האָבן שוואַך באלויכטן דאָס הויז, צוגעגעבן מיסטיש טרויעריקעס. יונג און אַלט האָט זיך א וואַקל געטאָן אראָפּ צו דער ערד, זיך אויסגעזעצט אויף דער פּאָדלאָגע און מיט טרויער־טרערן־ניגון אָנגעפאַנגען זאָגן על נהרות בבל. יעדער קול האָט זיך געבראָכן, פאַרגאַנגען אין געוויין, אויפן ביטערן גלות, אויף דער שכינה, וואָס איז צוזאַמען מיט יידן אין פינצטערניש, אין אומענדלעך טיפער בענקשאַפט צו גאולה, צו א היים, צו אן אייגענער יידישער היים.

ווי טיף איז געווען זייער גלות־צער, ווי אמתדיק זייער גאולה־בענקשאַפט!

* * *

אין מיינע יינגלשע יאָרן האָט דאָס שטעטל אָנגענומען א נייעם רב, הרב טורבאָוויץ, אן אדם גדול בתורה און אויסגעצייכנטער דרשן, דער מחבר פון ספר „ראש פנה“ און נאָך פילע ספרים. געקומען צו אונדז איז ער פון דער חסידישער קאַרלין. אליין א הייסער קאַרלינער חסיד, האָט ער געלעבט צווישן קאַלטע ליטוואַקעס, מתנגדים, אָבער אָנגעהאַלטן זיין אייגן חסידישן גאַנג: מיט אַ שטריימל און גאַרטל. די שטעטל האָט עס ניט געאַרט, פאַרקערט — געהאַט גרויס דרך ארץ פאַר אים. און אלץ אין אים האָט געוועקט דרך ארץ צו זיך: זיין שיינער וווקס, דער הדרת־פנים, זיין שטאָלצער גאַנג און פיינע באַנעמונג צו מענטשן. שמונה עשרה פלעגט ער שטיין לאַנג, ציילן ממש די ווערטער, האָט דער עולם געוואַרט, געוואַרט מיט געדולד, פאַרפאַלן, מען מוז

וואַרטן, דער רב דאַווענט — און וואָס דען דאַרף זאָל טאָן א רב. נאָר ערגער וואָס ער איז געווען אַ שטענדיקער מחמיר, אַלץ טריף און טריף, זעלטן ווען א קצב זאָל הערן פון אים דאָס וואָרט כשר.

געווען אויך אין שטעטל אַ דיין, ר׳ אברהם בער האמבורג. פּאַסירט אמאָל אז דער רב, ווי זיין שטייגער, מאַכט טריף א בהמה. אָן אָרעמען קצבס געווען. נעמט דער קצב, מאַכט א גאַנג צום דיין און — כשר. פאַרשווייגן האָט דעם קצב דאָס האַרץ ניט געלאָזן. אָן אָרעמאַן איז ער טאַקע, און הפסד מרובה איז עס, אָבער א פרומער קצב איז ער אויך, ווי פארשווייגט מען עס אזא זאַך. דערציילט ער. ווערט א טומל אין שטעטל: וואָס מיינט, איינער זאָגט טריף, א צווייטער כשר! אמת, איינער האָט טאַקע ניט געוווסט פון צווייטן, וואָס זאָל אָבער איצט זיין, כשר צי טריף? רופט מען צונויף אייניקע רבנים פון דערבייאיקע שטעטלעך, זאָלן זיי זאָגן. זיצן זיי, קלערן אריין און פסקענען — כשר. דאָך, די שטעטל פאַרלירט ניט דעם רעספעקט צום רב. מען זאָגט נאָר: א מחמיר, וויל ניט שטעלן אויף זיך.

דער רב האָט געהאַט א גרויסע משפחה, פון שוין גרויסע קינדער און נאָך גאָר קליינע. די שכירות וואָס ער האָט געקראָגן איז געווען קוים איבער־צוקומען. דערווייל וואַקסן אונטער טעכטער, מען דאַרף געבן נדן און נישטאָ. פאָרט דער רב אמאָל ארויס איבער דער מדינה, פאַרקויפן זיינע ספרים, אָבער פרנסה צו זאָט איז דערפון אויך ניטאָ. דאָס שטעטל איז קליין, ניטאָ קיין „פעטע” דין־תורה׳ס, קיין הוספה, ווייל מען דאַרף נאָך אויסהאַלטן דעם דיין אויך. גייט אָן א שטילע מחלוקה צווישן רב און דיין — א מחלוקה איבערן ביסן ברויט. מען רעדט זיך ניט איבער, חס ושלום, אָבער צופרידן איינער מיטן אנדערן איז מען אויך ניט צו שטאַרק. דער רב רעדט ניט א שלעכט וואָרט וועגן דיין. סוף־סוף האָט ער אים שוין דאָ געפונען, זיצט שוין אויפן כסא דיינות יאָרן־לאַנג. אזוי גיך אָבער ווי דער דיין האָט אויסגעלעבט די יאָרן, באשטייט דער רב מען זאָל אים מוסיף זיין דעם דיין׳ס שכירות. שאַפט זיך אָבער גלייך אַ צד אַנטקעגן, און דווקא פון די מיוחסים, וועלכע זיינען דער רוב דעם דיין׳ס משפחה, אייגענע, זעצן זיי ארויף דעם דיינס זון אברהם בערן, ער זאָל קעניגן אויפן פאָטערס פלאַץ. א ירושה זאָגן זיי, און א נצרך איז ער אויך. ווערט א מחלוקה, צוויי צדדים. דאָס פראָסטע פאָלק איז דווקא אויפן צד פון רב: געגוג פאַר א קליין שטעטל איין רב, ער קען דערפילן אלע ענינים פון דער קהילה און, ווידער, אז מען וועט אפילו דערלייגן דעם רב, אויב דער דיין וועט ניט זיין, וועט דאָך עפּעס איבערבלייבן, איינשפּאָרן קהל־געלט. הכלל, א מחלו־קה, וואָס צעפייערט זיך אלץ שטאַרקער. צוויי צדדים, מיט א קליינעם טייל נייטראַלע, וועלכע מישן זיך ניט, ווילן אויסמיידן זייער נאָמען אין דער מחלוקה. דער קאַמף אָבער האָט זיך אזוי צעפלאַקערט, ביז איין שבת האָט דעם דיינס

צד אזש געבראכט פּאָליציי אין בית־המדרש אריין, וועלכע זאָלן צווינגען צו געבן שלישי זייער דיין . . . און פארשטענדלעך, אז דאָס האָט די מחלוקה נאָך מער צעצונדן, אזוי אַז אַיף אייניקע יאָר, ביז דער דיין איז לסוף אריין אין א שות־פות־געשעפט, מיט טיי און ס׳איז געוואָרן שלום על ישראל אין קראָז.

מיטן סוף פון דער מחלוקה האָט אָבער נאָך ניט גענומען קיין סוף צום רב׳ס צרות: זיינער א זון, אין די צוואַנציקער יאָרן, א ווויל לערנער און טיפער משכיל, וועלכער האָט געהאַט אַלע מעלות צו ווערן דעם רב׳ס ממלא מקום, איז פּלוצלונג קראַנק געוואָרן און אוועקגעשטאָרבן. באלד האָט פּאַסירט דאָס זעלבע מיט זיין צווייטן זון, א בחור פון א יאָר אַכצן, און צומאָרגנס נאָך אָט דער טראַגעדיע איז געשטאָרבן דעם רב׳ס פרוי. דריי אזעלכע גרויזאַמע גורל־שלעק האָבן דעם רב צעבראָכן, שוין ביזן סוף פון זיין לעבן.

די לעצטע צוויי טויט־פאַלן זיינען פּאָרגעקומען הארט פאר פורים. איז די שטאָט געווען אזוי אויפגעטרייסלט, אז דער פורים איז שוין געווען ביי אַלעמען פאַרשטערט, אפילו קינדער זיינען אַנגעשטאָכן געוואָרן מיטן טרויער פון די גרויסע און ניט געהאַט, ווי אַלע יאָר, די שמחה פון שלאָגן המן׳ען. קיי־נער האָט ניט געהאַט קיין קאָפּ דעם פורים צו די קינדער און זייערע פריילעכע שפּילערייען.

* * *

דער גבאי פון בית־המדרש איז אין מיין צייט געווען ר׳ שמואל בריי־נעס, א בכבודיקער בעל־הבית, כאָטש ניט קיין גרויסער למדן, וואָס פלעגט מוזן אָנקומען צו דער הילף פון א חבר צו אדורכלערנען יעדן טאָג זיין בלאַט גמרא. געווען איז ער א קרעמער, ווי דער גרעסטער טייל יידן אין שטעטל. נאָר זיין קראָם איז געווען א שיינע, אויב ניט די שענסטע, אין דעם אונטערשטן עטאַזש פון זיין הויז. אויפן אויבערשטן עטאַזש האָט ער געלעבט מיט זיין משפּחה. אזא הויז און אזא לעבן האָט זיך שוין אָנגעזען אין שטעטל. און אויך אין געשעפט האָט זיך אַלץ אָנגעזען ניט אזוי פּשוט: די סחורה איז געווען צעלייגט אין בלאַנקענדיקע גלעזערנע שאַפעס — צירונג, וואָס נאָר פריצים האָבן זיך געקאָנט דערלויבן צו קויפן. אין זיין הויז, אויפן צווייטן שטאָק, איז געווען געענוג געריימער אָרט, אזוי אז הערבסט, ווען די בלאָטעס פלעגן ווערן גרויס, פלעגט ער מאַכן א מנין פרייטאָג־צו־נאַכט ביי זיך, כדי איינשפּאָרן די ארומיקע בראָדזשענען אין בלאָטע, צו און פון בית־המדרש.

אין בית־המדרש פלעגט ר׳ שמואל בריינעס, דער גבאי, שטיין, פאר־שטייט זיך, אין מזרח־וואַנט, הארט ביים ארון קודש. פון איין זייט ארון קודש דער רב, פון צווייטן — דער גבאי. אויפן בימה קיינמאָל ניט געשטאַנען. גע־טיילט עליות האָט דער שמש.

דעם איינציקן און גרויסן כיבוד וואָס דער גבאי פלעגט קריגן יאָר־איין יאָר־אויס, איז געווען שמיני עצרת פּאַרנאַכט, ווען דער גאַנצער עולם פלעגט זיך צונויפקומען צו אים אין הויז אריין. מען האָט געגעסן, געטרונקען, זיך געפרייט מיט דער תורה. און אז ס׳איז שוין רעכט פינצטער געוואָרן, איז מען אַוועק א האָפקע איבער די גאַסן, פירנדיק דעם גבאי מיט געזאַנג אונטער א חופה אין בית־מדרש אַריין. דערפאַר איז ער אַ גאַנץ יאָר אָפט געווען דער בליץ־אָפּלייטער פאר יידישע צרות. האָט זיך עפּעס געמאַכט א צרה פון מלכות, האָט ער געמוזט זיין דער שתדלן, גיין ריידן, בעטן, אונטערטראָגן א מתנה, אַבי אָפּשרייען די גזרה אויף א יחיד אָדער אויפן שטעטל. די דאָזיקע אַרבעט, וואָס איז אים אויך אָפט געלונגען, פלעגט ער אויספירן מיט גרויס ערלעכקייט.

צו די פירער פון שטעטל געהערן בלי ספק אויך דעם גבאיס באַפעלן־אויספירער, די שמשים. דריי זיינען זיי געווען אין שטעטל. און דאָס אויך, ווי עס געהערט זיך — צעטיילט אין ראַנגען. ר׳ אליהו פרידמאַן, פאָטער פון שפּעטערדיקן יאַהאַנעסבורגער רב, ר׳ משה׳ל פרידמאַן, איז געווען דער שול־שמש. געווען א למדן מופלג, נאָר א קפדן. א שמש איז ער געוואָרן אויף די עלטערע יאָרן, נאָך דעם ווי א גאַנץ לעבן איז ער געווען א מלמד. אלע זיינע קינדער זיינען שוין געווען חתונה געהאַט, ווייט פון אים. איז זיין הוצאה געווען א קליינע. דאָך פון זיין א שמש אליין האָט ער ניט געהאַט גענוג אויף דערנערן זיך. ער האָט אָבער געהאַט אן אייגן שטיבל און א גאָרטן, פון וועלכן ער האָט געהאַט די גרעסטע טייל חיונה. ער פלעגט אויך יעדן פריי־מאָרגן לערנען דעם בלאַט גמרא מיט זיין אויבערהאַר, דעם גבאי און גע־קראָגן דערפאַר באַצאָלט.

זיין קפדנות פלעגט ער ארויסווייזן גאָר באַזונדערס ערב יום כפור: ניט מיט א קערה ביים טיש, ווי אנדערע כלי־קודש פלעגט זיצן ר׳ אליהו, נאָר ער פלעגט פשוט אָנקלאַפּן א שטריקל צום טיר און איר האלטן צוגעצויגן; האָט עמעצער געוואָלט עפענען, אריין אין בית־הכנסת, — פלעגט ער אים ארויס־שטעקן די האַנט אנטקעגן, פריער מוזן קריגן זיין אָפּצאָל, פאַרן לאָזן ארייננגיין... געווען א בייזער ייד, ווייט פון א נוח לבריות. בעלי־בתים פלעגן זיך אויף אים וויצלען: ר׳ אליהו איז קיינמאָל ניט צופרידן, וויפל מען זאָל אים ניט געבן, — גיט מען ווייניק, איז ער בייז, גיט מען אים מער, איז ער ווידער בייז. — וואָס יידן קאָנען אזויפיל געבן . . . געשאַנעוועט און געאַכט האָבן אים אָבער אלע. די פרומע, די לומדים — פאר זיין לומדות; די שוין אויפגעקלערטע — פאר זיין דערלויבן זיך אָפּט זאָגן א שאַרף וואָרט: אז יידן האָבן אַמאָל זיך צעשמועסט אין בית־מדרש וועגן די אַלע נייע גזרות פון צאַריזם און אויסלאָזן מיטן יידישן קרעכץ, אז שוין צייט משיח זאָל קומען, — איז ר׳ אליהו ברומיק אריינ־

געפאַלן: צייט, זאָגט איר? שוין צייט און איבערצייט, אז ער וואָלט אפילו געקראָכן ווי אַ באַבעלע וואָלט ער דאָך שוין געדאַרפט לאַנג זיין, נאָר... און ר׳ אליהו האָט אָפגעקלאַפּט זיין שאַרפן זאָג.

דער בית־מדרש שמש, ר׳ חיים שמש, אזוי האָט מען אים גערופן, איז שוין גאָר געווען פון אן אַנדער טייג געקנאָטן: א פריינדלעכער צו אלעמען, שטרענג נאָר צו זיך אליין, אין זיין ארבעט. געווען איז ערביידע זאַכן, אי שמש, אי מלמד און ביידע ארבעט געטאָן באמונה. פון בימה אראָפּ האָט ער געפירט, ווי אן אמתער קאַפּעלמייסטער, מיט טאַקט און סדר די אָרדענונג אין בית־המדרש. שטאַרק מקפיד געווען ביים געבן אן עליה לתורה ניט צו פאַר־בייטן די טיטולן; ווּעמען מען דאַרף אויפרופן מורנו, ווּעמען חבר און ווּעמען נאָר רב אליין. און אָט ווי אין אויפרופן, אזוי אויך אין אלץ איז געווען אָרד־נונג; זיין אויג און האַנט האָט פּאַרוואַלטעט, אויפגעפּאַסט, ס׳זאָל אלץ זיין אויפן אָרט, זויבער, גאַנץ. האָבן די מתפללים אים ליב געהאַט דערפאַר, גע־ווען מיט אים צופרידן און אים געהאַלטן בכבוד; געווען אויך צופרידן ער זאָל זיין דער מלמד פון זייערע קינדער, ווייל מיט דער זעלבער אָרדענונג מיט וועל־כער ער האָט אויפגעפּאַסט דעם בית־מדרש האָט ער אויך אריינגעבראַכט תורה אין זיינע תלמידים.

די ביידע שמשים האָבן געהאַט זייער „פּאַמאָטשניק״, אן אונטער־שמש, פאַרן שול און בית־מדרש צוזאַמען, איצע שבתי׳ס. געווען איז ער אַ נידעריי־קער מענטשעלע און שטענדיק א צופרידענער, א לוסטיקער — א לעבעדיקער ברעקל. די שמשות האָט ער געהאַלטן ווי עפּעס אַ הויכן טיטול, ווי אַ כהונה, וואָס איז טאַקע געקומען צו אים פון לאַנגע דורות. און געווען אלטע לייט אין שטעטל, וועלכע האָבן נאָך געדענקט זיין זיידן, וואָס איז אויך געווען אונטער־שמש, און אויך זיין טאַטן. די שמשות איז געווען א ירושה־זאַך.

איצע שבתי׳ס איז געווען דער נידעריקסטער יידעלע אין שטעטל און זיין הייזקע — די נידעריקסטע הייזקע; א קוים זיך האלטנדיק, מיט דרענג־לעך אונטערגעשפּאַרט פון אלע פיר זייטן, איינגעזונקען אין דער ערד ביז צו די קליינע פענצטערלעך, אויך אַ לאַנג פאַרגעסענע ירושה פון זיידעס.

געווען איז איצע אונטער־שמש און אויך אַ מלמד, נאָר ניט סתם אַ מלמד, ווי איינציקע אין שטעטל, פאַר יינגלעך, — נאָר מלמד פאַר מיידלעך. זיינען נאָך אָבער די דאָזיקע צוויי פּרנסות ניט געווען גענוג אויסצוהאַלטן זיין משפחה, פלעגט זיין מוטער און ווייב נאָך צוהעלפן אין דער חיונה: זומער, ארבעטנדיק אויף גערטנער און ווינטער האָבן זיי פאַרקויפט אוגערקעס, צוגעפּראַרענע עפּל און דאָס גלייכן. די דאָזיקע סחורה איז געשטאַנען אין פּאָדער־הייזל, ווו מען האָט זיך געדאַרפט שטאַרק איינבויגן אריינצוקומען. דער געשטאַנק פון די

אלע געזייערטע מאכלים, וואָס האָט גאָר אָפּט צוגעפּוילט, האָט מען געהערט אין דער גאַנצער געסל. אין זעלבן פּאָדער־הייזל איז נאָך געשטאַנען א לייטער, צום האלב־איינגעפאלענעם בוידעם ארויף, ווו ס׳איז געלעגן די צוגעפּוילטע עפּל, איבערגעזיסטע רויטע יאַגדעס און אז מען איז געווען שוין בשלום אדורך די טיר פון פּאָדער־הייזל, איז מען ערשט דאַן אין דער פינצטערניש ארויף מיטן קאָפּ אויפן לייטער...

אין צוויי־צימערדיקן שטיבל איז ניט געווען גענוג אָרט פאר אַלע איצע שבתי׳ס תלמידות. מער ווי א פינף מיידלעך האָבן ניט געקענט געפינען קיין אָרט, און דאָס זיצנדיק צוגעשפּאַרט איינע צו דער צווייטער. געלערנט האָט מען אין „עס־צימער”, ווו איין העלפט פון א גרויסן ליימענעם אויוון האָט פאַרנומען א העלפט פון צימער. דער צווייטער העלפט אויוון האָט זיך אריינגעשפּאַרט אין „שלאָף־צימער” אריין, ווו כאָטש בעטן זיינען געווען ווייניקער ווי נפשות וועלכע האָבן געדאַרפט דאָ שלאָפן, דאָך האָט דער צימער אויסגעזען ווי איין בעט, מיט קוים שמאַלע דורכגענגלעך פון איינער צו דער צווייטער.

די שמשים האָבן ניט געזשאַלעוועט קיין אַרבעט זייער „אונטערגעאָרדנטן”: הייצן ווינטער די אויוונס אין בית־מדרש; אָנטראָגן וואַסער; זיין דעם רב׳ס שליח און סתם „כאַפּן” א גאַנג אז מען באַדאַרף. דערצו איז ער אויך געווען אין אלול דער וועקער צו סליחות און אַלע פרייטאָג, ערב שבת — דער שול־רופער.

אויף רופן אין שול אריין האָט ער געהאַט שוין פאַר זיך באַשטימט ערטער, ווו זיך אוועקצושטעלן און אויסזינגען מיט זיין מאָנאָטאָנעם ניגון: „יי־ד־ן אי־י־ן ש־ה־ו־ל אי־ר־יי־ן”. קיינמאָל האָט ער ניט משנה געווען די ערטער, פון וואַנעט צו לאָזן הערן זיין שול־רופעניש. און האָט אפילו געמעגט זיין די גרעסטע בלאָטע אויף דעם אָרט ווו זיין געוווינהייט זיך אָפּצושטעלן איז געווען — דער אָרט איז ניט געענדערט געוואָרן, ווי קיינמאָל האָט זיך ניט געענדערט זיין אָנגענומענער ניגון. און ווער ווייס, קען זיין אז אויך דאָס איז געווען בירושה, געגאַנגען שוין פון דורות אזוי, פון זיידע צו פאָטער, צו קינד, ווי זיין אונטער־שמשעריי און ווי זיין שטיבל.

איינמאָל אין חודש פלעגט איצע שבתי׳ס זיך לאָזן פון הויז צו הויז מיט צוויי טאָרבעס אָפּגעוויקלטע ספרי־תורה מפּות. ווייבער פלעגן אין יעדער הויז עס צוזאמענראָלן. פאר אזא מצוה, פון לאָזן א ביסעלע צוזאמענראָלן די ספר־תורה מפּות, האָט יעדע פרוי אים געגעבן קליינגעלט.

אז ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע עמיגראַציע קיין אמעריקע, נאָכן ערשטן וועלט־קריג, איז אויך איצע שבתי׳ס אריינגעריסן געוואָרן אין דעם שטראָם, אוועק פון אלע זיינע הייליקע ירושה־מלאכות אין קאָלאָמבוסעס גאָל־

דענע מדינה. און ווער ווייס צו האָט ער אויך דאָרט ניט געפונען זיינע ערטער, אויף איסט בראָדוויי, אין מיטן ניו־יאָרקער טומל, צו רופן יידן מיט זיין זיס־מאָנאָטאָנעם ניגון — און מעג זיין אז די ערטער זיינען טאַקע ניט מער בלאָ־טיקע געווען, ווו ער האָט זיך אוועקגעשטעלט רופן, און מעג זיין אז די שוהל איז געווען א ליכטיקערע, א גערוימערע; ער איז נאָר מגולגל געוואָרן אין אן אנדער אָרט, זיין ניגון איז זיכער געבליבן דער זעלבער און דער זעלבער זיין רוף: יי־ד־ן א־יי־ן ש־ה־ו־ל א־ר־יי־ן...

# חדר־יאָרן

אז עס איז געקומען די צייט מיך אָפּצוגעבן אין חדר, ווי אַלע ייִנגלעך, צו פינף יאָר, בין איך קראַנק געוואָרן אויף סקאַרלעטין. געלעגן לאַנג אין בעט און געבליבן אויף נאָך לענגערע חדשים אָפּגעשוואַכט. איז מיין אוועקגיין לערנען ביים ערשטן רבין שוין פאַרגעקומען פשוט, אָן פּאַראַד. מען האָט מיר ניט געטראָגן, ווי דער מנהג איז געווען, איינגעוויקלט דעם ערשטן מאָל, צום חדר אין א טלית; מלאכים האָבן ניט געוואָרפן מיט צוקערקעס איבער מיין קאָפּ. מיין עלטערער ברודער האָט גאַנץ פּראָזאאיש מיר אָנגענומען פאַרן האַנט און אריינגעפירט צו אלחנן דעם מלמד, וועלכער האָט מיך געגעבן א פריינדלעכן קניפּ אין בעקל און אריינגעפּרעסט ביים טיש, צווישן די אנדערע תלמידים. דאָס לערנען האָט זיך אָנגעפאַנגען.

פון מלמדות אליין האָט קיינער פון די שטעטלשע מלמדים ניט געצויגן קיין חיונה. אנדערע פון זיי האָבן צוגעקנעלט צו די שטענדיקע מלאכות זייערע, אנדערע פאַרקערט — מלמדות איז געווען די הויפּט־פּרנסה, נאָר כדי קאָנען לעבן האָבן זיי געטאָן נאָך עפּעס.

מיין ערשטער רבי איז געווען אויסער מלמד אויך א מצבה־קריטצער. טאָן די דאָזיקע ארבעט פלעגט ער אָפּט ביים לערנען גופא. אויף דיקע ברעטער פלעגט ער צוערשט מיט בליי אָנצייכענען די ווערטער און דאן מיט מעסער און האַמער זייער פאַרזיכטיק אויסשניצן עס. מיין קליין קעפּל איז געווען פאַרנומען מיט טראַכטעניש, פאַרוואָס ניט אַלע ברעטער האָבן די זעלבע שורות; וועלכע נעמען מיינט מען דאָ, אָט די, וואָס לייענענדיק די גרויסע ווערטער, פון אויבן אראָפּ, ווי די שורות פאַנגען זיך אָן, באַקומען זיך ייִדישע נעמען. און דער עיקר האָבן מיר, ייִנגלעך, ניט געקאָנט באַגרייפן פאַר וועמען מען מאַכט די ברעטער, ווו מען טוט זיי אַהין, אז אפילו אין די רייכסטע הייזער האָבן מיר ניט געזען זיי זאָלן שטיין. די אַלע סודות ארום מיין רבי׳ס מצבות זיינען מיר אַנטפּלעקט געוואָרן ערשט אַ פּאָר יאָר שפּעטער. געווען איז עס פאַר תשעה־באָב. מיין עלטערער ברודער האָט פון א דאַך־שינדל אויסגעשניצט פאַר מיר א שווערדל, א שאַרפן, מיט אַן ארויפגעבויגענעם שפּיץ און אָפּגעפאַרבן מיט אַלע קאָלירן וועלכע ער האָט נאָר געהאַט אין זיין באַזיץ. אז ס׳איז געקומען

תשעה־באב אין דער פרי, גלייך נאָך קינות, האָט דער ברודער ארומגעבונדן דעם שווערדל מיט א שטריקל, עס פארוואָרפן איבער מיין פּלייצע, ווי איך וואָלט זיך געדארפט ארויסלאָזן אויף מלחמה. אוועקגעשפּאַנט האָבן מיר מיטן גאַנצן עולם צום בית־עולם, וועלכער איז געווען גאָר א שטיק וועג פון שטעטל ארויס. ערשט קומענדיק אויפן בית־הקברות האָב איך אָנגעטראָפן מיין רביס אַלע מצבה־ברעטער, וועלכע ער האָט אָפּגעגעבן אזויפיל כוחות און צייט. איך האָב זיי דאָ געזען שטעקנדיק איבער ערד־קופּקעס, אלע מיט זייערע אויס־געצאצקעטע, אין א קרייז אריינגענומענע פ״נ (פּה נקבר), אנדערע שוין פון דער ערד האלב פארשלונגענע, מיט גראָז ארומגעוואקסענע. דער סוד און באַדייט פון די מצבה־ברעטער איז מיר צום ערשטן מאָל אַנטפּלעקט געוואָרן. ס׳איז געווען מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיטן טויט. און צום ערשטן מאָל האָב איך אויך גלייך דורכגענומען זיין טיפע גרויליקייט: איבערן גרעסטן טייל קברים־בערגלעך זיינען געשטאַנען פרויען און אויפן קול ארויסגעשריען זייערע ווייטאָגן, צער, לעבנס־קלעמונגען; מענער זיינען געשטאַנען ביי די, פון זיי אליין אויפגעזוכטע, אָדער פון שמש געוויזענע קברים און שטיל, אָן טרערן אריינגעכליפּעט; אלמנות, יתומים, צעוואָרפענע אין זייער גאַנצער לענג אויף די קברים, קניענדיקע, מיט די הענט אין קברים־ערד פארטאָפּטע האָבן ארויסגעברומט, געוואלדעוועט, מיט באַנומענע קולות אריינגערעדט צו די טויטע, זיי דערציילט פון זייער צער און פריידן, זיך אויסגעטענהט מיט זיי, ווי זיי וואָלטן גאָר ניט קיין געשטאָרבענע געווען, די וועלכע רוען אונטער די בערגלעך. דער גאַנצער פאַרביטערטער, אָנגעשטרענגטער לעבן, אלע אונ־טערדריקטע געפילן זיינען דאָ געעפנט געוואָרן, ארויסגעשטראָמט מיט געשריי און טרער צו די טויטע, וואָס האָט די לעבעדיקע דערלייכטערט. אין מיין קינד־האַרץ זיינען געבאָרן געוואָרן די ערשטע מורא געפילן פארן טויט, פאַר אַוועקגיין פון דער ערד, אין מינוט ווען כ׳האָב אריינגעשטעקט מיין אויסגע־שניצט שווערדל אין אַ קבר, וואָס דער ברודער האָט מיר אָנגעוויזן. צוריק־וועגנס איז מען געגאַנגען מיטן וועג פאַרביי דעם צוים פון דעם שוין הונדער־טער יאָרן אַלטן בית־הקברות, וועלכער איז געווען ארומגענומען מיט ברע־טער און קלעצער, בהמות זאָלן ניט קאָנען אריינגיין, צעטרעטן די קברים, וואָס זיינען סיזוי געלעגן שוין צוזאַמענגעפאַלענע, איין גרויסער צעבערגלטער פעלד, מיט שפּיציקע שטיינדלעך־מצבות און ביז ניט צו דערקענען אָפּגעריבע־נע ווערטער אויף זיי. נאָר יעדער פון די גייער איצט וואָרפט א פּחד און קדושה־בליק אַהין, איבערן פּאַרקן, אויף די הויך־צעוואַקסענע בוימער, וועלכע דערציילן שוין גאָרניט, און דערציילט פאָרט אזויפיל, אזויפיל.

די היץ איז גרויס, ס׳איז מיטן זומער און די גייער זיינען אָפּגעשוואכט פון היץ, תענית און געוויין, רייסט מען אויף גיך די לעצטע בית־עולמדיקע גראָזן,

מען וואַרפֿט עס הינטער זיך, ווי דער מנהג איז און מען אײַלט זיך אַרויף צום ברייטן וועג, וואָס פֿירט אין שטאָט אַרײַן, צוריק צום לעבן. קינדער פֿאַרגעסן באַלד דעם טרויער פֿון די גרויסע, רייסט מען בײַ די ראַנד־וועגן שטעכיקע בער־רעלעך, מען צילעוועט זיי אין האַריקע קעפּ, אפֿילו אין גרויע בערד אַרײַן. רייסט מען גאָלד־געלע זאַנגען, פּולע, מיט ברויט צוזאַגנדיקע, צום שניט רייפֿע.

אין שטוב, אויב די מאַמע האָט שוין פֿריער אַהער אַרײַנגעאײַלט, געפֿינט מען שוין צוריק פֿאַרבעטע בעטן, אָן אויפֿגערוימט הויז, וואָס איז היינט פֿרײַ געלאָזן געוואָרן, אין צייכן פֿון טרויער, אין פֿונאַנדערגעוואָרפֿענער אומאָרדע־נונג. די מענער גייען איצט, מיט טלית און תּפֿילין צו מנחה דאַוונען, צו הערן די טרייסטנדיקע נביא־ווערטער, כאָטש מיט אומעט־ניגון נאָך געזונגענע, אַז דער בית המקדש וועט ווידער אויפֿגעריכט ווערן, אַז יידישער גלות איז ניט אויף אַלעמאָל, ניט אויף אייביק.

די פֿרויען אין הויז קאָכן, גרייטן צו דעם מאָלצייט אויף נאָכן תּענית, וואָס ווייניקע נאָר ענדיקן אים גלייך נאָך מנחה. די גרעסטע צאָל וועט זיך ערשט אָפּפֿאַסטן אין אָוונט, אַדורכהונגערנדיק אין פֿאַרקלעמטקייט אויף חורבן בית־המקדש גאַנצע פֿיר־און־צוואַנציק שעה׳ן.

* * *

מײַן צווייטער מלמד איז געווען דער שוחט. אין שטעטל זײַנען געווען צוויי שוחטים, מײַן רבי, בערע לייב און א שוחט איז אויך געווען דער חזן פֿון בית־מדרש. אָט דער רבי מײַנער האָט ניט געהאַלטן קיין חדר, ווי אמתע מלמדים, וואָס דאָס איז געווען זייער עיקר באַשעפֿטיקונג, ער האָט נאָר אונ־טערגעקנעלט מיט עטלעכע ייִנגלעך א פּאָר שעה אין טאָג, מיט אַזעלכע וועל־כע האָבן געקענט בעסער באַצאָלן. אין די דאָזיקע עטלעכע שעה א טאָג לער־נען, וואָס איז בכלל געווען צו יענער צייט א זעלטנהייט, ווײַל אַלע כמעט האָבן געלערנט פֿון פֿרי ביז זון־אונטערגאַנג — האָב איך אָבער מער אויסגעלערנט ווי לערנענדיק אין אַ איבערגעפּאַקטן חדר א גאַנצן טאָג. און געווען איז עס דערפֿאַר, ווײַל דעם דאָזיקן רבנס אויסשפּראַך איז געווען א גאָר קלאָרע און ער האָט מיט זײַנע עטלעכע תּלמידים זיך שטאַרק אָפּגעגעבן. געווען אויך אַן אויסנאַם אַלס בעל־דקדוק, וואָס אין יענע יאָרן איז עס געווען א זעלטנהייט צו טרעפֿן אין א קליין שטעטל. בײַ אים האָט יעדער ייִנגל זיך אויסגעלערנט זאָגן עברי מיט געשמאַק, מיט דקדוק, ווי עס באַדאַרף צו זײַן.

בשעתן לערנען מיט אונדז פֿלעגט דער רבי ניט אויפֿהערן צו שלײַפֿן זײַן חלף. אין די ערשטע צײַטן פֿלעגן מיר זיצן מיט אימת־מות, זעענדיק ווי דער גרויסער בהמות חלף גליצט זיך אויפֿן שלײַפֿשטיין פֿון רבינס האַנט. שפּעטער האָבן מיר זיך צוגעוווינט און אָפּט געכאַפּט א קוק פֿון סדור אַרויס

צום שפיגלדיק שאַרפן מעסער. דער רבי פלעגט עס טאָן לאַנג און אָן אויפ־הער, צי ווייל ער איז ניט געווען גענוג געאיבט אין זיין פאַך, צי ער איז געווען א גרויסער מקפיד אויף אין דער שחיטה, ווי אין לערנען מיט אונדז.

מיין דריטער מלמד איז געווען ר׳ שמאי יצחק, א קינדערלאָזער כעסן. געקנעלט נאָר מיטן קאַנציק. קינדער האָבן פאר אים געציטערט, נאָר די על־טערן פלעגן גאָר מיט צופרידנקייט אָפּגעבן אים די קינדער צו לערנען, רימענ־דיק די שטאַרקע דיסציפלין, וועלכע ער האַלט אויף, די מורא ממש, מיט וועל־כע די קינדער זיצן און לערנען ביי אים.

יעדן דאָנערשטאָג, אז מען האָט געדאַרפט איבערחזרן דאָס געלערנטע פון דער גאַנצער וואָך, — זיינען געפאַלן שמיץ אומברחמנותדיק. געווען ביי אים אזא משונהדיקע תאוה כמעט צו זען שוואַרץ און בלאָ צעשמיסענע זייט מיר מוחלס. נאָר איינמאָל אין אזא דאָנערשטאָג האָבן די פייניקונגען אויפ־געהערט, און דאָס — שוין אויף אלעמאָל. פאַרגעקומען איז עס אזוי: געווען אין אונדזער חדר א יינגל א שטיפער, דאָך, געהאַט א גוטע קאָפּ און זיך גע־לערנט ניט שלעכט, ווי אָפּט די ווילע שטיפערס. נאָר פון שמייסן האלט מיין רבי, אָן אונטערשייד, צו מען קען יאָ אָדער ניט. איז אָבער אזוי גיך ווי דער רבי ציט ארויף דעם דאָזיקן שטיפער אויף זיינע קני מיט אראָפּגעלאָזענע הייז־לעך, שוין גרייט אויפהייבן דעם קאַנטשיק, גיט דער רבי אליין גאָר א שפּרונג אויף, מיט אַ ווייטאָגלעכן באַנומענעם געשריי. און נאָך איידער וואָס ווען איז דער יינגל שוין אַדורך דורכן אָפענעם פענצטער. אז דער רבי קומט צו זיך, ציט ער מיט טרייסלענדיקע הענט די שפּילקע, וועלכע האָט, ווייזט אויס זיך אריינגעשטאָכן אין א זייער ווייטאָגדיקן אָרט . . .

ערשט איצט האָבן טאַטע־מאַמעס זיך ארומגעקוקט צו וואָס שמאי יצחקס האַרצלאָזיקייט אין שמייסן קען דערפירן און אָפּגענומען די קינדער פון אים. אז שמאי יצחק איז געבליבן אָן א קנעלונג, האָט ער זיך אויסגעלערנט עטלעכע דרשות און זיך אוועקגעלאָזן איבער דער וועלט אַלס מגיד, געשמיסן מיט גיהנומדיקע שטראָף־רייד גרויסע יידן, אנשטאָט ווי ביז איצט, קליינע קינדער מיט א קאַנטשיק.

אין עטלעכע יאָר האָב איך געביטן עטלעכע חדרים. מיט קליינע אויס־נאַמען איז דער לערן־סיסטעם געווען כמעט אומעטום דער זעלבער. אויך די צימערן, די חדרים, ווו מען האָט געלערנט האָבן געהאַט די זעלבע „מעלות״: לופטלאָז, ענג, פינצטער, ווו פופצן און מער יינגלעך פלעגן זיצן צוזאמענגע־פּרעסטע ארום א לאַנגן טיש און פּרובירן איינער דעם אנדערן אריבערשרייען, אָדער באַכזאָגן דעם רבין.

זומער איז נאָך געווען צו דערטראָגן די ענגע חדרים, די פענצטער זיי־נען געשטאַנען אָפענע, די טיר אָפן און מען האָט זיך געקענט צייטנווייז ארויס־

כאַפּן אין ליכטיקן דרויסן. גאָר אָן פאַרגלייך ערגער איז עס געווען ווינטער.
די גרויסע אויוונס זיינען ביי אָרעמע מענטשן אין ליטע געהייצט געוואָרן מיט
טאָרף (אזא ערד־מאַסע) אנשטאָט האָלץ. און א מלמד איז ווייט געווען פון
קענען זיך פארגינען הייצן מיט האָלץ. פלעגט דער טאָרף פארטשאַדן די קעפּ
פון די קינדער, ביז גאָר אָפט פלעגט מען די קינדער מוזן אוועקטראָגן פאר־
חלשטע אהיים.

די כתות (קלאַסן) זיינען ניט געווען איינגעטיילט לויט די פעאיקייטן
פון תלמיד, נאָר לויטן עלטער. דאָך האָט א יינגל מיט גאָר גוטע פעאיקייטן
זיך געקענט אריבערקריגן אין א העכערער כתה, וואָס האָט אָפט געמיינט אוועק־
גיין צו א נייעם מלמד. ווייל בדרך כלל האָט יעדער מלמד געלערנט מיט
קינדער פון גלייכן עלטער.

דאָס לערנען איז פאָרגעקומען אָן יעדער מינימום פון לאָגיק. מיט קינ־
דער פון זעקס יאָר האָט מען שוין געלערנט אַזעלכע חומש־פרשות, וואָס זיינען
ערשט פּאַסיק פאר דערוואַקסענע צו וויסן וועגן דעם. געשיכטלעכע טיילן אין
חומש און אפילו דאָס אויסמאָלן דעם משכן מיט די קונסט־כלים אין אים
פלעגט שטאַרק פארכאַפּן די פאַנטאַזיע פון קינד, דערפאַר אין די פרשות, וואָס
זיינען ניט געווען פאר זייער עלטער, פלעגן די קינדער באַשיטן דעם רבין מיט
פראַגעס, אויף וועלכע זיי האָבן קיינמאָל ניט געקראָגן קיין ענטפער, און נאָר
גערייצט די צו פריאיקע און ניטיקע רייפקייט.

דאָס לערנען נביאים און כתובים האָט מען אין גאַנצן כמעט פארנאַכ־
לעסיקט אין יענע יאָרן אין די קליינע שטעטלעך. איך גלייב ניט אויב עס איז
געווען איין מלמד, וועלכער האָט געקאָנט ריכטיק אויסטייטשן און געבן
פארשטיין ריכטיק און קלאָר א קאַפּיטל פון ישעיה צו זיינע תלמידים. דאָס רוב
עלטערן האָבן זיך ווייניק געקימערט מיט, ווי און וואָס מען לערנט מיט זייערע
קינדער אין די יאָרן פון 5 ביז 9—10. נאָר ווען די קינדער האָבן אָנגעפאַנגען
לערנען גמרא, דאַן האָבן די עלטערן זיך אָנגעפאַנגען צו אינטערעסירן מיטן
זוכן א גוטן און באַוווסטן גמרא־מלמד. שפּעטער פלעגן זיי נעמען די קינדער
צו א פארהער פון צייט־צו־צייט, כדי אויסגעפינען וועלכן פּראָגרעס זיי האָבן
געמאַכט. און עס איז קיין וווּנדער ניט וואָס מען פלעגט טרעפן א סך צווישן
לומדים מופלגים און רבנים, וועלכע פלעגן ציטירן א פּסוק פון תנ״ך ניט פון
מקור, נאָר פון — גמרא. און וואָס גרעסער דער למדן אַלץ ערגער איז זיין
עברי געווען.

דאָס לערנען פון קינד אין חדר איז געווען פריידלאָז. די איינציקע
פרייערע טעג זיינען געווען אין דער חנוכה־וואָך און דער טאָג פון ל״ג בעומר.

אין די חנוכה־אָוונטן פלעגן די רביים נעמען די קינדער אין בית המדרש,
הערן דעם חזן זינגען. אנדערע פלעגן אויך מאַכן א שטיקל שמחה, טיילן

די קליינוואַרג גוטע זאַכן און דערציילן וועגן נס פון חנוכה. ל״ג בעומר איז געקומען ווי דער אמתער דערלייזער. די לאַנגע זומער־טעג פלעגן שוין ציען צום גאַס, צום טייך, נאָר דער רבי איז געווען אָנגעכמורעט, טרויעריק, געלעגן נאָך אויף אים דער גאַנצער ווינטער. אמאַליקע יידישע יסורים,ליידן, טויט האָבן געדריקט אויפן רבין און אויף אַלע ארומיקע. האָט מען געמוזט זיין אומעטיק, דער רבי האָט אַזוי געהייסן. איז אָבער געקומען דער טאָג ל״ג בעומר איז די שטרענגקייט אָפּגעטאָן געוואָרן, דער אומעט פאַרשוווּנדן. דער רבי האָט גענומען זיין חדר, זיך ארויסגעלאָזט צום גרינעם וואַלד, צום טייך, וואָס האָט שוין איבערגעבליט, אין שאָטן פון גרינס, וואַסער און בלומען, ווו מען האָט אויך געמעגט, מיט דער דערלויבעניש פון רבין, שפּילן, לויפן, טאַנצן און אפילו שיסן פון אויסגעשניצטן פייל־און־בויגן, וואָס יעדן טאָג וואָלט עס גאָר געווען „מעשה גוי״.

* * *

אין עלטער פון צען יאָר האָט מען מיך אוועקגעגעבן לערנען ביים בעסטן גמרא־מלמד אין שטעטל, ר׳ אליהו איצע שמחה׳ס. ער איז געווען א מופלג בתורה און געהאַט א וווּנדערלעכע קראַפט צו דערקלערן לייכט און פאַרשטענדלעך דעם הארבסטן ענין. ער האָט מיט אונדז געלערנט גמרא מיט אַלע תוספותן, אָן שווערע פּלפּולים, נאָר פשוט, ניט אנשטאָפּנדיק די קעפּ פון זיינע תלמידים מיט הייסע לופט, פאַרפּלאָנטערטע קשיות און תרוצים. און איך דאַרף דאָ מודה זיין, אז נאָך יאָרן לערנען אין ישיבות איז מיר פון אַלעמען געבליבן ניט מער ווי די גירסא דינקותא, וואָס איך האָב אין די דריי יאָר, ביז בר־מצווה, געלערנט ביי דעם דאָזיקן רבין.

ווי אַלע מלמדים מיינע האָט אויך אליהו איצע שמחה׳ס געהאַט נאָך א באַשעפטיקונג, ער איז געווען כמעט א סוחר: יעדן מאַרק־טאָג פלעגט ער אויפקויפן אייער. פלעגן מיר דעם מאַרק־טאָג שוין ווייניק וואָס לערנען און אויף מאָרגן פלעגן מיר, זיינע תלמידים, זיין די צוהעלפער ביים אויסזאָרטירן און איינפּאַקן די אייער אין קאַסטנס.

דער דאָזיקער רבי האָט מיר געהאַלטן פאַר איינעם פון זיינע בעסטע תלמידים, זיך בארימט מיט מיין קענען. כאָטש קיין מתמיד בין איך ניט געווען, איז אָבער דער אופן פון זיין לערנען דערגאַנגען צו מיר און כ׳האָב ארויסגעוויזן א גוטע תפיסה, אַלעמאָל געוווסט אויף קלאָר דעם דורכגעלערנטן שיעור.

אויסער דאָס לערנען פון גמרא, וואָס איז געווען דער עיקר, האָט מיין פאָטער נאָך געוואָלט איך זאָל אויך קענען „וועלטלעכע קענטעניש״. האָב איך עס געלערנט צוויי מאָל אין וואָך, צו איינציקע שעה, ביי א לערער, א מאָ־דערנערן מלמד. די וועלטלעכע קענטענישן זיינען באַשטאַנען אין לערנען

שרייבן און לייענען יידיש, א ביסל חשבון און דאָס וואָס מען האָט דאַן גערופן שרייבן לאַטיין — א צוזאמענמישעכץ פון גערמאַניש פארשפיצטע בוכשטאַבן. דאָס לעצטע האָט מען געלערנט אויף קענען אויפשרייבן אַן אדרעס, אויב מען וועט אמאָל דאַרפן. איין זומער האָב איך געקראָגן לעקציעס אויך אין רוסיש, און דאָס שוין מיט סדר און סיסטעם, פון א גימנאַזיסט, וואָס איז געווען אויף וואַקאַציע אַהיים.

מיין באַליבסטע ארבעט איז געווען: פונאנדערנעמען דעם גרויסן וואַנט־זייגער, וועלכער פלעגט תמיד שטיין, און מיט דער הילף פון א שווערן געוויכט, צוגעבונדן צו די אנדערע געוויכטער, פלעגט דער זייגער, א ביסל משופּעדיק אויפגעהאַנגען, ווידער אָנהייבן גיין פאַר א קורצער צייט. הכלל, איך בין געווען א בצלאל בזעיר אנפּין. און מענטשן פלעגן זאָגן, אז מיט אזעלכע גאָל־דענע הענט, ווער ווייסט וואָס פון אים וועט נאָך אויסוואַקסן. און עס איז אויסגעוואַקסן — א ישיבה־בחור.

אין אָט דער צייט האָט דער מענטש פון מיטל קלאַס געליטן מער פון די אנדערע קלאַסן. א בעל־מלאכה מאַכט זיינע קינדער פאַר בעלי־מלאכות: שניידערס, שוסטערס, סטאָליערס, שמידן א.א.וו. דער נגיד מאַכט זיי פאַר דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, אַפּטייקער. אָבער דער מענטש פון מי־טעלן קלאַס מאַכט ניט זיינע קינדער פאַר בעלי־מלאכות, ווייל עס פּאַסט אים ניט. געבן זיי לערנען האָט ער ניט די מיטלען דערצו. ער קען אפילו זיי ניט אויסלערנען איינע פון די מלאכות נקיות, ווי א זייגערמאַכער אָדער א גאָלד־שמיד, ווייל די מלאכות קען מען נאָר לערנען אין די גרויסע שטעט, און דאָס דאַרף דויערן עטלעכע יאָר. מען מוז אנדערע מאָל אויך צוצאָלן. און ווו איז עסן, קליידער און א דירה? ארומגיין ליידיק איז אויך קיין פּלאַן ניט. בלייבט איבער דאָס בעסטע — א ישיבה־בחור. א דירה אין בית מדרש אָדער ביי א קרוב אין קיך; עסן: טעג, אויב ניט — הונגערן, און דערווייל איז מען אוועק פון די אויגן. א תכלית פאַר שפּעטער? דאָס וועט גאָט זאָרגן. און, אגב, ווער ווייס וואָס פון אזא איינעם קען ארויסקומען? א למדן צי גאָר א גדול בתורה. הזהרו בבני עניים שמהם תצא תורה! אָרעמע עלטערן און אָרעמע קינדער, זיי פאַרגעסן אָדער זיי ווייסן ניט אז פּראַקטיש דאַרף מען דעם לאָזונג אנדערש לייענען: הזהרו בבני תורה, שמהם יצאו עניים.

מיין בר מצוה האָט מען כמעט ווי ניט באַמערקט. געוויס, מען האָט מיר אויפגערופן צו דער תורה, געגעבן מפטיר, אָבער קיין שמחה ניט געמאַכט, במילא קיין דרשה ניט געזאָגט, אלץ איז אראָפּ אָרעם־שטיל. דערפאַר אָבער גלייך נאָך דעם איז געוואָרן א גערודער ארום מיר: איך בין שוין ג׳ צו דאַנקען דערוואַקסן געווען צו אוועקוואַנדערן לאכסניה של תורה ערגעץ, ווו מען קען עסן טעג, שלאָפן אויף א בית־מדרש באַנק, הונגערן ווייט פון טאַטע־מאַמעס

אויגן און — ווער ווייס, אפשר טאַקע אויסוואקסן א למדן, א גדול בתורה, מיט ווענעמענס נאָמען ס׳וועט פאַרקלינגען א וועלט...

וווהין פאָרן? דאָס האָט קיינעם ניט געאַרט. ווייניק בתי־מדרשים, ווייניק ישיבות אין ליטע! די ברירה איז ביי מיר, איך קען אויסקלייבן ווו מיין „האַרץ ציט". האָב איך באשלאָסן פאָרן קיין שאַוול. מיינע מאָטיוון: עס איז א גרויס שטאָט, פול תורה און השכלה, אויך האָב איך דאָרט א מומע, מיין מו־טערס שוועסטער, וועלכע איז, ווי מען דערציילט זיך אָן אין אונדזער שטוב, זייער רייך, במילא וועל איך דאָך שוין אויך זיין באזאָרגט, אויך מיט גשמיות. פרעגן דער מומען, שרייבן איר א בריוול — דאָס איז די מאָדע ניט געווען. וואָס איז, מען דאַרף מיר דען באזאָרגן? איך בין דאָך שוין א דערוואַקסענער מענטש, בר מצוה געוואָרן, און ווידער פאָר איך דאָך ניט אַהין צו דער מומען, צוליב עסן, באקוועמלעכקייט, איך פאָר דאָך לשם תורה לערנען, און אז ניט די מומע פעלן דען יידן אין שאַוול...

גלייך אויף מאָרגן נאָך פסח האָב איך אָנגעפאַנגען איינפּאַקן מיינע זאכן, אין גרינעם קעסטל, וועלכער איז איבערגעבליבן פון מיין פארשטאָרבענעם ברודער חיים. קיין גרויסע זיבן זאַכן וואָס איינצופּאַקן איז ניט געווען: אַ שבתדיקן אָנצוג, אַ פּאָר לייוונטענע העמדער, צוויי פּאַפּירענע קראַגנס, ווי עס פּאַסט פאר א גרויסן שוין, תפילין, ציצית, א סידורל — און היידאַ אין וועג אריין. דאָך די צערודערונג אין מיר איז געווען גרויס. דאָס ערשטע מאָל אליין צו אן אומבאקאנטער וועלט. איך בין ארומגעלאָפן דעם טאָג א צעטראָ־גענער, ניט געגעסן, ניט געטרונקען, צעשראָקן. די קלענערע ברידערלעך זיי־נען געשטאַנען ארום מיין קעסטל, אים באַטאַפּט, צו איז ער גענוג שטאַרק, צו וועט ער אויסהאַלטן אויך פאַר זיי, ווען זיי וועלן זיך דארפן לאָזן מיטן זעלבן אין וועג אריין, וואָרום דאָס וועט דאָך זיין אויך זייער וועג, זייער גורל, דער גורל פון יידישע קינדער.

פאַרנאַכט, אז די בויד איז צוגעפאָרן מיך נעמען אין וועג אריין, בין איך נאָך אַלץ געווען צעטומלט, אויפגערעגט, ניט באמערקט ווי מיין קעסטל איז אריינגעלייגט געוואָרן אין וואָגן, ניט באמערקט די צוויי אנדערע פּאַסאַזשירן, וועלכע זיינען שוין געזעסן אין בויד — מיינער א חבר און זיין פּאָטער, — וואָס איז שפּעטער געוואָרן מיין שווער. טאַטע־מאַמע, ברידער זיינען געשטאַנען ארום בויד, אריינגעשטאָפּט נאָך עטלעכע קאָפּיקעס אין האַנט אריין, אָנגעזאָגט צו זיין פאָרזיכטיק אויפן וועג, גערעדט נאָך עפּעס גוטע רייד, וואָס איך האָב שוין ניט געהערט. די בויד האָט גערירט, א לעבן פון לאַנגן נע־ונד׳עווען האָט זיך אָנגעפאנגען.

די בויד האָט זיך געשלעפּט לאַנגזאם, אדורכגעקייקלט זיך די שטעטל־גאָס, געלאָזן הינטער זיך די אָרעמע שטיבלעך און זיך פארנומען צום ברייטן

טראַקט. איך האָב געוואָרפן א בליק צוריק — ניט צו זען מער די פּויער־הייזלעך ביים שטעטל־ראַנד, אָט ווערט אויך דער תיפלה־שפּיץ קליין, קלענער ביז עס פאַרשווינדט אינגאַנצן פון אויג. ארום מיר פעלדער, ברייטע, אויף מרחקים צעצויגענע, וואָס מיין אויג זעט צום ערשטן מאָל. אין האַרץ צע־שפּילט זיך א טיפער אומעט, ס׳שפּאַרט א טרער צו די אויגן, איך באהערש זיך קוים ניט ארויסצוכליפּענען אין געוויין. איך דערפיל מיין חברס האַנט אויף מיין פּלייצע: „איז פאַרן מיר לערנען צוזאַמען?״

— איך האָב דאָרט א ר ײ כ ע מומע, זאָג איך, מיט נאָכדרוק אויפן וואָרט: רייכע.

— אזוי, נו, וועט זי דיר שוין זיכער באַזאָרגן מיט אלץ. מיט מיר פאָרט דער טאַטע. ער קען דאָרטן, אין שאַוול, א סך מענטשן, וועט ער מיר שוין פאַר־זאָרגן.

עס איז געוואָרן טונקעלער. די זון האָט זיך געלאָשן אין מעריב־זייט, א גרויסע, רויטע, וואָס צום ערשטן מאָל האָב איך איר געזען. דער וועג האָט זיך געדרייט, געשלענגלט, די רעדער האָבן איבערגעלאָזן הינטער זיך א דינעם שטויב און זיך פארקייקלט אין א וואַלד אריין. אלע אַראָמאַטן פון פארנאַכ־טיקן וואַלד האָבן זיך אַ טראָג געטאָן צו מיר, צום ערשטן מאָל האָב איך זיי איינגעאָטעמט אזוי פיל, אזוי בשפעדיק. איך האָב זיך אויפגעכאַפּט אין א צע־פּרילינגטן גרויען באַגינען. די פעלדער, מיט פרישע ערשט אויפגעקומענע שפּראָצונגען, זיינען געווען באַגלייט מיט א דינעם טוי. פון ביידע זייטן שאָסיי זיינען געגאַנגען פּויערים, יונג, אַלט, צו די צעפּרילינגטע פעלדער, אַקערן, זייען; פּויערטעס האָבן געטריבן סטאַדעס צו פּיטערונג. אָנגעלאָדענע וועגענער מיט פאַרשיידענע פּראָדוקטן האָבן זיך געשלעפּט פאַר און הינטער אונדזער בויד, געפאָרן אין שטאָט. א פאַכטער, איינגעוויקלט אין טלית און תפילין, האָט זיך געהאָצקעט אויף זיין וועגל, ארומגעשטעלט מיט מילך־קאַנען, געפירט מילך פאַרן שטאָט. מיר האָבן זיך דערנענטערט אין שטאָט אריין, וואָס איז נאָך גע־לעגן אין שלאָף. נאָר דאָ און דאָרט האָבן זיך שוין געעפנט איינציקע לאָדנס, איבער די נאָך פּוסטע גאַסן זיינען געגאַנגען פאַראיינצלטע יידן, מיט גרויסע טלית זעק אונטער די אָרעמס, געגאַנגען צום ערשטן מנין.

פון דער אכסניה, צו וועלכער מיר זיינען פאַרפאָרן, ביז מיין מומעס שענק, ווי איך האָב זיך באַלד דערפרעגט, איז געווען א רעכטע שטיק וועג, כאָטש אין דער זעלבער גאַס. מען האָט מיר אָנגעוויזן צו גיין גראַד, פאַרביי א גרויסן מויער מיט א גאָרטן — געווען דאָרט די שטאָטישע גימנאַזיע — וואָס דערביי איז שוין די מומעס שענק. דערגאַנגען מיטן קעסטל אויף די פּלייצעס צו דער אָנגעצייכנטער הויז, איז מיין האַרץ ווידער פול געוואָרן מיט שרעק: ווער ווייס וואָס פאַר אַ קבלת־פּנים מיך דערוואַרט, וואָס וועט די מומע זאָגן

צום אומגעבעטענעם גאַסט? איך בין געשטאַנען, אָן דרייסטקייט אריבערצושפּאַנען דעם שוועל. פּלוצלונג הער איך א שטים לעבן מיר: „וועמען ייִנגעלע זוכסטו?“ לעבן מיר איז געשטאַנען א מאַן אין די מיטעלערע יאָרן. איך זאָג אים וועמען איך דאַרף. „קום מיט מיר, דאָ איז עס“. דער מאַן שפּאַנט פּאָרויס, איך הינטער אים. ער ווערט פארשוווּנדן אין שטוב, אין איינע פון די פיל טירן, און איך בלייב האַלב אויפן שוועל, וואַרט עמעצן צו זען, אָבער קיין לעבעדיקער נפש. איך גיב א וואָרף א בליק ארום זיך: א גרויס הויז, אָנגעשטעלט מיט טישן און בענק. ביי דער ארייִנגאנג טיר איז אָפּגעצאַמט א קלײנער אַלקער; דער צוים פון געדיכטע שטאַכעטן, א האנט ניט אדורכצושפּאַרן און הינטער די שטאַכעטן א טאָנבאַנק, א טיש, פּאָליצעס, ווו עס שטייען פלאַשן פון אלערליי קאָלירן. אויפן טיש גלעזלעך, גלעזער מיט די דעקן ארויף און פארשיידענע צובייסנס, הערינג, פיש, מילכיק־געבעק, פלייש־קוילעצן. צווישן פּאָליצע־וואַנט און טאָנבאַנק ליגן טונען, פון וועמענס קראַנען עס טריפט אין אונטערגעשטעלטע שיסלען. קיין מענטש ניט צו זען. נאָר פּלוצלונג דערגייט צו מיר א שטילער הוסט. איך נויג אָן דעם קאָפּ און זע, צווישן די טונען א קאָפּ, פארנומען מיט א שוואַרצער פּאַטשיילע, מיטברילן אויפן שפּיץ נאָז, באַוועגט זיך קוים איבער אַ געעפנטן ספר. זאָל עס זיין די מומע; האָט זי מיר ניט באמערקט, אָדער וויל זי ניט מפסיק זיין אין דאַוונען? די מאַמע האָט מיר געהאַט דערציילט, אז זיי זיינען ענלעך ביידע „ווי צוויי טראָפּן וואַסער“, האָב איך אָבער איר געזיכט ניט געזען. צוגיין נענטער האָט געפעלט מוט. בין איך געשטאַנען מיט אונטערגעשלאָגענע פיס, געוואַרט, ווען יעדע מינוט ציט זיך ווי אייביקייטן. „ייִנגעלע, ווער ביסטו, צו וועמען דאַרפסטו דאָ“. — מיט דער דאָזיקער פראַגע האָט זיך דערנענטערט צו מיר א מיידל, וועלכע כ'האָב דערזען ארויסגיין פון א זייטיקער טיר. „מיין מאַמע הייסט רבקה, איך קום פון קראָז, געקומען לערנען דאָ“ — האָב איך ארויסגעשטאַמלט. די מיידל, ווי איך האָב זיך באַלד דערוווּסט, איז עס געווען א דינסט דאָ, שוין לאַנגע יאָרן, געקענט דערפאר די גאַנצע משפחה. האָט זי נאָר א ברום געטאָן: „אזוי, אזוי“ און מיך אָנגענומען ביי דער האַנט, אריינגעפירט אין א צימער ביים קיך, פארוקט מיין קעסטל אונטער א בעטל און גלייך מיר געגעבן עסן, „ביסט דאָך זיכער הונגעריק, נא, עס“, האָט זי מיר אונטערגעטראָגן א גלאָז ווארעם מילך מיט א בולקע. דאָס אלץ איז געטאָן געוואָרן מיט אזויפיל שנעלקייט און אמתדיקער פריינדשאַפט, אז פּלוצלונג האָב איך דערפילט זיך נאַריש מיט מיינע זאָרגן. „געוויס, וואָס איז דאָ געווען צו טראַכטן, געוויס וועט די מומע מיך אויפנעמען ווי אן אייגענעם, מיט ליבשאַפט“ — האָב איך זיך אליין געמאַכט פאָרוואורפן, פאַר מיין צווייפלען נאָך אין דעם. די דאָזיקע אַלע גוטע מחשבות זיינען אָבער פארשוווּנדן באלד, גלייך ווי נאָר כ'האָב אָפּגעגעסן און ארויס צוריק אין

דער גרויסער שענק־שטוב. אין שענק זיינען שוין געווען א סך פאַרשוינען, וואָס האָבן, אויפן פריען פרימאָרגן געגומען א גלעזל, איבערגעשווענקט דאָס מויל. די מומע, פון הינטערן אַלקער, האָט ארויסגעגעבן די גלעזלעך, יעדערן שוין ווייזט אויס געקענט, געוווּסט זיין געשמאַק, צוגעוואָרפן פארבייסנס, מיט געניטשאַפּט אין איר ארבעט. אויף מיר — קיין איינציקן בליק. איך שטיי, וואַרט, רוק זיך צו נענטער, וויל זי זאָל מיך באַמערקן, נאָר זי באַמערקט מיר בכיוון ניט, ווי איך קען גלייך פארשטיין. זי דרייט כמעט דעם קאָפּ אַוועק, מאַכט זיך נאָך מער פארטאַראַמט, פאַרלאָפן, ווי זי איז עס אויף אַן אַמת. אויפן האַרצן ווערט שטאַרק ביטערלעך און בלית ברירה פאַרלאָז איך דעם שענק, פרעג זיך אין דרויסן אויף א נאָנטן בית־מדרש. מען ווייזט מיר אָן צום לאַנדקרעמערשן קלויז און איך לאָז זיך אַהין.

דער עולם דאַוונער איז גרויס. די קלויז, די שטיבלעך איבערפולט פון מתפללים. נאָר געענדיקט איין מנין, שוין פאַנגט אָן דאַוונען א צווייטער. עס זיינען די שני וחמישי טעג און מען זאָגט סליחות. אלץ אזוי גיך, געכאַפּט, יע־דער איילט ערגעץ ווו. און אז די מנינים אלע ענדיקן זיך, בלייבן איבער אין קלויז נאָר ישיבה בחורים, פּרושים און עטלעכע בעלי־בתים. יעדער צעזעצט זיך ביי זיין אָרט, ביי זיין שטענדער, די פּרושים און בעלי־בתים אויבן, ביי דער מזרח־וואַנט, די ישיבה־בחורים ווייטער, נענטער צו מערב־זייט און דער גמרא ניגון צעקלינגט זיך, די לערנער לערנען. נאָר א טייל באמערק איך זיצן ביי די גמרות און לערנען ניט, זיי זיצן צוזאמען, וואַרפן זיך איבער מיט ווער־טער, ווי זיי וואָלטן עפּעס געקרעכנט און געווען צעטראָגן. איך רוק זיך צו זיי צו, הער א פאַרזאָרגטן שמועס, אויך זיי זיינען נאָך נייע דאָ, זאָרגן זיי וועגן זייערע „טעג", וועגן אַן אָרט ווו צו שלאָפן, נאָך ניט איינגעאָרדנט. אז דער זייגער איז געוואָרן ניין זיינען די ישיבה בחורים אַוועק צו זייערע „טעג", עסן פרישטיק, די פּרושים זיינען אריין אין די שטיבלעך פון קלויז, געוואַרט אז משרתים זאָלן זיי ברענגען דעם פרישטיק. זיי, די פּרושים, פלעגן גיין עסן נאָר שבת, אלע טאָג פלעגט מען ברענגען דאָס עסן צו זיי אין קלויז אריין. פלעגט אָבער אָפּט טרעפן אז די טעפּלעך זיינען אין משרת האָנט פארביטן געוואָרן, ניט געוווּסט צו ציפּע האָט געשיקט פאַרן פּרוש ר' שלמה, אָדער יענטע גאָר. זיינען ארויסגעקומען פאַריבלס צווישן די פּרושים. אנדערע ישיבה בחורים, דאָקעגן, האָבן אליין, בכוונה, פארביטן זייערע טעג. אנ־שטאָט גיין אויף דעם אָרט ווו דער שמש האָט זיי אָנגעוויזן, פלעגן זיי אוועקגיין צו אַ בעסערן אָרט, אין אַ רייכערע הויז, ווו זיי האָבן אונטערגעהערט, אז דער שמש האָט געשיקט אַהין א צווייטן. זיי פלעגן לויפן גיכער, אָנקומען שנעלער. און אז דער ריכטיקער, וועמען מען האָט באמת געשיקט פלעגט קומען, פלעגט די באַלעבאָסטע אים אנטקעגן גיין מיט: „ווייזט אויס א טעות, יינגעלע, ביי

מיר עסט שוין איינער". געווען אויך בעלי־בתים, וועלכע האָבן געגעבן געלט אנשטאָט עסן. האָבן זיך ווידער איינגעפונען פּייאיקע, וואָס האָבן געהאַט א טאָג און אויך אָפּנעמען דאָס געלט, וואָס האָט געדאַרפט גיין צו איינעם, וועלכער האָט פארן דאָזיקן געלט טאַקע געדאַרפט אויפהאַלטן זיין טאָג לעבן.

אין בית־המדרש זיינען איבערגעבליבן יענע, וועלכע האָבן נאָך ניט געהאַט ווו צו גיין עסן, ניט געהאַט קיין „טעג" נאָך. די, און איך צווישן זיי, האָבן זיך געדרייט ארום שמש. ער איז עס געווען דער באַזאָרגער פון די טעג. האָט מען זיך געשטופּט ארום אים, געדאַרפט קענען נושא־חן זיין אין זיינע אויגן, חנפענען און אויך זיין חוצפהדיק. די וועלכע האָבן עס געקענט האָבן פאַרכאַפּט די בעסטע טעג, אין די רייכסטע הייזער און אָפּט נאָך א פּאָר טעג מער, דאָס מיינט א פּאָר טעג פון געלט־געבער, אויסער די טעג פון עסן־געבער, וואָס זיי האָבן אויך געהאַט.

איך האָב די אַלע „מעלות" פון כאַפּן און חנפענען ניט געהאַט. אויסער דעם בין איך נאָך אַלץ געווען זיכער אז מיין מומע וועט עפּעס טאָן פאר מיר און אויך אנדערע ווייטערע פריינט, שוועסטער־קינדער, וואָס איך האָב געהאַט אין שאָוול. און עס איז אויך געווען אזוי. אמת, ניט די מומע, ניט די ווייטערע פריינט האָבן מיר געגעבן עסן. א ישיבה־בחור דאַרף עסן טעג, דאָך אָבער האָבן זיי די מערסטע טעג מיר אליין געגעבן און מיר באַזאָרגט די אַנדערע, ביי זייערע באַקאַנטע.

אויף איין אָרט, ביי אַן עלטערן מאַן, האָב איך אנשטאָט דעם טאָג־עסן געקראָגן צען קאָפּיקעס. פלעג איך דעם טאָג אין וואָך ווי ניט איז אדורכ־שטופּן, אָן עסן, אַבי האָבן די צען קאָפּיקעס אויף אנדערע מינימאַלסטע נויט־ווענדיקייטן. אָבער יעדעס מאָל, ווען איך האָב געדאַרפט אויסשטרעקן די האַנט צו נעמען די צען קאָפּיקעס, איז מיין פנים אַנגעגאָסן געוואָרן מיט רויטער שאַנדע. שפיכת דמים ממש. דער בעל־הבית, א זקן, פלעגט מיר יעדעס מאָל פרעגן ווער איך בין, וואָס איך דאַרף, ניט דערקענט מיר. האָב איך יעדעס מאָל געדאַרפט אים דערמאָנען און פלעג ארויס פון אים א צעבראָכענער. „א יונגער יינגל, א מחזיר על הפתחים, א שנאָרער".

געשלאָפן בין איך ביי דער מומען, אויף איין קאַפּצאַנקע (ברעטער־בעטל) מיט אירן א יינגל, יינגער פון מיר מיט צוויי יאָר. אזוי ווי דאָס הויז איז אויך געווען אַן ארייַנפאָר, פלעגן געסט קומען אָפט אין מיטן נאַכט. און אז קיין אַנדער בעט איז ניט געווען, וואָס פלעגט טרעפן זייער אָפט, האָבן מיר געמוזט זיך אָפּטראָגן פון געלעגער, עס אוועקגעבן דעם גאַסט און אליין פאַרקריכן אויף א היי־בוידעם, אויפן הויף.

מיט דער מומעס אומפריינדלעכקייט האָב איך זיך צוגעוווינט. עס איז שוין געווען אין איר נאַטור ניט צו קענען ווייזן א שמייכל, זאָגן א גוט וואָרט.

דער פעטער, וואָס האָט גענומען אַן אנטייל אין עטלעכע צדקה־חברות פון שטאָט, געווען אַן עסקן, ווייל ער איז געווען א פיין באמיטלטער מענטש, איז אָבער ווייט געווען פון א למדן אָדער שוין אָפּגערעדט פון וועלטלעכער ביל־דונג. דאָך האָט ער זיך געהאַלטן פאר א „היינטוועלטיקן", ווי מען האָט עס דאן גערופן און ס'האָט געדארפט אויסדריקן פאָרגעשריטנקייט. זיין „היינט־וועלטיקייט" איז באשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט געהאַט געמאַכט א רייזע קיין אמעריקע, צו זיינע אַהין אויסגעוואַנדערטע קינדער, געזען וועלט, ניט מיד געוואָרן צו דערציילן וועגן די ווונדער פון אמעריקע און דערפאר שטאַרק גע־האַלטן פון זיך.

א גאַנצע וואָך פלעג איך דעם פעטער ניט זען. ער האָט געהאַט א תבואה־געשעפט אַהינטער דער שטאָט. פלעגט אוועקגיין פרי צו זיין מסחר און אין אָוונט, אז איך פלעג קומען צו אים, איז ער שוין לאַנג געשלאָפן. זען פלעג איך אים נאָר שבת, ביים טיש, ווייל איך האָב שבת געגעסן ביי דער משפחה. אָבער אויך דאן, פלעג נאָר איך אים זען, ניט פאַרקערט. ער איז געווען א שטאַרק קורצזיכטיקער, פלעגט ער האַלטן בשעתן עסן פארנורעט די אויגן אין זיין טעלער, נאָר זעלטן זיי אויפגעהויבן, און אויך דאן ניט צו מיין זייט. נאָר זעלטן ווען ער האָט פארלאָרן א פּאָר ווערטער צו מיר און דאָס אויך קיינמאָל ניט אין א פריינטלעכן טאָן, שוין אָפּגערעדט פון זיך נאָכפרעגן, אָדער ברענגען אַמאָל א מתּנה. ער האָט זיך געהאַלטן באַרייזט און קלוג און איך — א יינגל נאָך. וואָס האָט ער צו ריידן מיט מיר? אויך צו זיינע אייגע־נע קינדער האָב איך אים געזען ריידן גאָר זעלטן. מיר האָט ער אָבער כלל ווי ניט באַמערקט.

מיין שווערסטער פּראָבלעם אין די ערשטע טעג איז אָבער דאָך געווען גאָר אַן אַנדערער. סוף־סוף בין איך דאָך געקומען ניט עסן, ניט שלאָפן אין שאַוול, געקומען דאָך זיך קונה זיין תורה, און דערצו האָב איך נאָך געדארפט א רבין, ווער ס'זאָל מיט מיר לערנען. אזעלכע ווי איך זיינען געווען מערערע יינגלעך. אונדזערע רביים האָבן געקענט זיין די עלטערע ישיבה־בחורים אָדער די פּרושים. יעדערער פון זיי האָט אָבער פארלאנגט באַצאָלט פארן לערנען. אויך זיינען זיי ווייט געווען, דער גרעסטער טייל, פון קענען דערקלערן, איבער־געבן זייער וויסן צו א תלמיד, מיט שיטה און סדר, וואָס אין דעם האָב איך זיך זייער געניייטיקט. עס איז געווען די צייט פאר מיין אָנפאנגען לערנען שוין פאַר זיך אליין און עס איז אָפּהענגיק געווען פון לעצטן שריט, פון דעם ווי אזוי מען וועט מיר אוועקשטעלן איצט אין לערנען. די וועלכע האָבן געקענט מיר געבן וואָס איך האָב פארלאַנגט, האָבן געבעטן א גרויסן — פאר מיין אָרעמער קעשענע — שכר־לימוד. ביליג און גוט איז, ווי אלעמאָל, שווער געווען צו קריגן. דורך א צופאַל אָבער האָט זיך אלץ איינגעאָרדנט, נאָך עטלעכע וואָכן, וואָס

בעסער האָב איך גאָרניט געקענט האָפן. צוויי ייִנגלעך אין מיין עלטער האָבן געקראָגן אלס רבין ר׳ מיכל ראבינאָוויץ, אָבער אויך זיי האָבן ניט געקענט באַצאָלן וויפל ס׳האָט זיך געפאָדערט. נאָר ער האָט מסכים געווען צו לערנען מיט דרייען אין איין צייט, פאַרן געהאלט פון צוויי. בין איך עס געוואָרן דער דריטער.

ר׳ מיכל ראבינאָוויץ האָט שוין דאן געהאַט א שם אלס גרויסער למדן, א בחור אן עלוי, א בקי בש״ס און דערצו א גרויסער משכיל, מיט אמתן פּע־דאַגאָגישן טאַלאַנט. מען האָט אים אין שטאָט געקענט ווי א גרויסן למדן און אויך פון זיינע פיינע ארטיקלען אין די העברעאישע צייטונגען. ר׳ יוסף זכריה, דער שאוולער רב און גאון מיט א וועלט־נאָמען האָט שטאַרק געהאַלטן פון אים און ר׳ מיכל איז געווען זיין אָפטער גאַסט. צו קריגן אזא רבין איז פאר מיר געווען גאָר ניט קיין קלייניקייט און איך האָב עס שוין דאן געוווסט ווי געהעריק אָפּצושאצן. שפּעטער איז ר׳ מיכלס נאָמען באקאנט געוואָרן אין דער גאָרער יידישער וועלט.

שאַוול האָט ניט פאַרמאָגט קיין ישיבה, אזוי ווי טעלז, מיר אָדער סלאַ־באָדקע. עס איז געווען א קבוץ פון פרושים, צום גרעסטן טייל שוין מיט סמי־כות אויף רבנות. אויך עלטערע בחורים, וועלכע האָבן שוין פון לאַנג פאַר־לאָזן די ישיבות, געוואָרט איצט אויף רייכע כלות, מיט אַ סך נדן. די ייִנגערע בחורים האָבן געלערנט אין שאַוול צוליב פאַרשיידענע טעמים. אנדערע צוליב השכלה, דאָס זיצן נאָר אין בית המדרש איז נאָר געווען א צודעק, כדי קענען עסן טעג, קריגן די אונטערשטיצונג; אַנדערע ווידער האָבן געלערנט דאָ, ווייל ס׳איז געווען בעסערע מעגלעכקייטן אויף זיך אויסהאַלטן, ווי אין די ישיבות.

כמעט אין יעדן קלויז, בית־מדרש פון שטאָט האָבן זיך געפונען בחורים, לערנער. דער צענטער איז אָבער געווען דער לאַנדקרעמערשער קלויז, וועלכער איז געווען איבערפולט פון פרושים און בחורים. קיין ישיבה איז עס אָבער פאָרט ניט געווען. זיינען במילא אויך ניט געווען קיין משגיחים, וועלכע זאָלן אכטונג געבן אויף דער פירונג פון די לערנער, אויף זייער מאָראלישער אויפ־פירונג, אָדער גאָר נאָכשפּיאָנירן, ווי דאָס איז געווען אן אָפּטע דערשיינונג אין די ישיבות, אויב מען לייענט ניט א ביכל. פון לערנען מוסר איז דאָ אויך ניט געווען קיין שפּור. יעדער האָט זיך געפילט פריי, געקומען לערנען אין קלויז ווען ער האָט געוואָלט, אוועק ווען ער האָט געוואָלט און זיך געפירט ווי ער האָט געוואָלט — אַבי נאָר ניט בפרהסיא, אז די בעלי־בתים, זיינע ברויט־געבער זאָלן עס זען. האָבן טאַקע צענדליקער פון די לערנער דאָ געשלונגען השכלה, געלייענט מענדעלע, מאַפּו, סמאָלענסקין, געלייענט יידיש, העברעאיש, און ניט איבערגעקליבן קיין בוך.

אין שאַוול איז געווען א רוסישע גימנאַזיע, ווו עס האָבן שוין געלערנט א באַדייטנדער צאָל יידישע שילער. ווי שטאַרק עס איז געווען דער דראַנג צו וועלטלעכע וויסן ביי די ישיבה־בחורים, פּונקט אזוי שטאַרק איז געווען דער ווילן ביי די גימנאַזיע־שילער צו ברענגען וויסן אויף דער יידישער גאַס. האָבן די יידישע גימנאַזיסטן געגעבן אומזיסטע שטונדן צו די ישיבה־בחורים, געלערנט מיט זיי רוסיש. זיינען שוין דאָס רוב בחורים געווען מער פאַרנומען מיט השכלה, מיטן לייענען די רוסישע קלאַסיקער, לערנען מאַטעמאַטיק, ווי מיטן לערנען גמרא.

מיין דאָרשט צו לייענען איז דאָ אויפגעקומען מיט איינמאָל. ביי טאָג ביי דער גמרא און די נעכט אוועקגעגעבן ביי ביכער. די צרה איז נאָר געווען וואָס כ׳האָב ניט געהאַט קיין אייגן ווינקל, ווו צו זיין מיטן בוך אליין, ווי אנדערע האָבן עס געקענט. ביי דער מומען אין שענק, ווו איך האָב געוווינט, איז מיר אָפּט אויסגעקומען צו שלאָפן מיט פרעמדע מענטשן אין זעלבן צימער, האָט מען קיין לאָמפּ ניט געקענט אָנצינדן; אָדער מען פלעגט מיר גאָר פאַרטרייבן אויפן היי־בוידעם און ווידער האָט מען ניט געקענט ברענען קיין פייער. איך האָב מקנא געווען מיין חבר, דער וואָס איז געקומען צוזאמען מיט מיר אין בויד, ווייל ער האָט געהאַט עפּעס א שטיקל אייגן ווינקעלע, א בוידעם־שטיבל. אַהין פלעגן זיך אָפּט, באַזונדערס אין שבתים, צוזאמענקלייבן חברים, לייענען, דיסקוטירן, לערנען, וואָס מען האָט געוואָלט. געווען אויך שוין אזעלכע, וועלכע זיינען ארויס אין גאנצן לתרבות־רעה, פלעגן אפילו פאררייכערן א פּאַפּיראָס שבת, געטאָן וואָס דאָס האַרץ האָט געגלוסט און שאַ־שטיל. נאָכן זיין ביי מיין חבר, נאָך א היציקע דיסקוסיע, וועגן געלייענטע ביכער, קומענדיק צוריק צו מיין מומעס שענק, צו דער פארפּרעסענער שווייגעדיקייט, אין נאַכטיק פינצטערן צימער, ווו איך האָב ניט געטאָרט אָנצינדן א ליכט — איז מיר געווען זייער פיינלעך אויף דער נשמה און כ׳האָב געזוכט מיט אלע מעגלעכקייטן פּטור צו ווערן פון דער דאָזיקער לאַגע.

אויפן צווייטן לערן־זמן האָב איך געקראָגן א קוואַרטיר אין א קינדערלאָזער היים. דער מאן איז געווען א טרעגער. זייער היים — צוויי צימערן: זייער שלאָף־צימער און אַן עס־צימער, אין וועלכן עס איז געווען א גרויסער אויוון, א טיש מיט עטלעכע שטולן, א הויכער קאַמאָד און א סאָפע — מיין געלעגער. קומענדיק ביינאַכט פלעג איך שוין געפינען מיינע בעלי־בתים שלאָפנדיק. פאָרזיכטיק, זיי ניט אויפצוּוועקן, פלעג איך פארשטעלן דעם לאָמפּ און לייענען דורך האַלבע נעכט. שלעכט איז נאָר געווען אין די פרייטאָג־צו־נאַכטן. די שבת ליכט און גרויסער לאָמפּ פלעגט באַלד אויסגיין. די איינציקע באַלייכטונג איז געבליבן א קליין נאַפט־לעמפּל, אויף א ווינקל פון הויכן קאַמאָד (שאַף). לייענען ביים טיש, אָדער אויפן געלעגער ביי דער דאָזיקער

ליכט איז געווען אוממיגלעך. איז געווען נאָר איין עצה: צושטעלן א שטול, זיך אָנשפּאַרן אָן קאַמאָד און אזוי, שטייענדיק, לייענען. די פרייטאָג־צו־נאַכטן זיינען געווען מיין פּרייסטע צייט פון לערנען גמרא. פלעג איך די דאָזיקע נעכט אדורכשטיין אזוי אויפן שטול, לייענען ביז אין באַגינען אריין. אראָפּ־נעמען דעם לעמפּל צום טיש — האָב איך ניט געקענט לייכט פועלן ביי זיך צו טאָן אזא עבירה. און וואָלט מיין דאַרשט צו לייענען שוין איבערגעשטיגן מיין עבירה־שרעק — וואָלט איך גלייך פאַר אזא מעשה פאַרלאָרן מיין דירה און נאָך זיכער מיט חרפה ארויסגעטריבן געוואָרן פון שטאָט. האָב איך זיך געפּייניקט און געפּריוט, וואָס כ׳האָב כאָטש אזוי די מיגלעכקייט צו אריינכאַפּן וויסן. אין דעם ווינטער האָב איך אדורכגעלייענט די בעסטע רוסישע קלאַסי־קער און דעם גרעסטן טייל יידישע און העברעאישע ווערק.

קיין רבין האָב איך שוין מער ניט געהאַלטן, נאָכן ערשטן זמן לערנען ביי ר׳ מיכל ראבינאָוויץ. מיט זיין הסכמה האָב איך אָנגעפאַנגען לערנען פאַר זיך, שוין אָן א רבין. נאָר אפילו איצט, ווען איינשפּאָרנדיק דעם קליינעם שכר־למוד, איז דער מאַטעריעלער מצב ניט לייכטער געוואָרן. געלעבט, ווי דעם ערשטן זמן, אין דחקות, ניט געהאַט געַנוג אויף דאָס נויטווענדיקסטע. צוויי פון מיינע „טעג״ זיינען געווען מער ווי א האלבע שעה גאַנג פון בית־המדרש, ווייט אויסערן שטאָט. מיט צעריסענע שיך און ניט וואַרעמע קליידער, איז אין שטאַרקע ווינטער־אָוונטן מיר שווער געווען צו גיין אַהין. פלעג איך אויפגעבן צוויי מאָל אין וואָך דאָס עסן אין די אָוונטן. דער זקן, וועלכער האָט אין ערשטן זמן מיר אויסגעהאַלטן מיט צען קאָפּיקעס א וואָך, איז נפטר געוואָרן. האָב איך שוין אויך ניט געהאַט די קליינע וואָכנטלעכע אונטערשטיצונג. דער ווינטער האָט זיך געשלעפּט צווישן האַלב הונגער און ליידן. דער איינציקער טרייסט איז געווען דאָס לערנען, סיי בייטאָג אין קלויז, גמרא, סיי — און נאָך שטאַרקער — ביינאַכט, דאָס לערנען און לייענען, וואָס, ווי יעדע פאַרבאָטענע זאַך, האָט געצויגן און געמאַכט פאַרגעסן פון שווריקייטן, פון טאָג־טעגלעך הונגער און זאָרג. ענדלעך איז געקומען ערב־פּורים, האָט מען מיר געשריבן פון דער היים צו קומען, ארויסהעלפן אין מצה־באַקן, אין „פּאַדראַד״, (מצה־בעקעריי), וואָס דער פאָטער פלעגט יעדן יאָר איינאָרדענען אין אונדזער הויז.

נאָך א יאָר זיין אין דער פרעמד האָב איך זיך איצט געלאָזן צוריק אהיים. דער וועג איז געווען א שלעכטער, ווי אין דער צייט פון יאָר, צווישן ווינטער און פרילינג. די בלאָטע האָט דערגרייכט ביז איבער די רעדער. דער פערד איז צוגעשטאַנען, ניט געקענט ווייטער ציען. אין מיטן נאַכט האָט אָנ־געפאַנגען שנייען, אַ נאַסער צעפּרעסנדער שניי. די קעלט האָט זיך אריינגעביסן דורך די דינע קליידער און ווען ניט די הילף פון א פאַרבייפאָרנדיקע פור, מיט שטאַרקערע פערד און לייכטערן געשפּאַן, וואָלט איך זיכער קיין לעבעדיקער

ניט דערפאָרן. נאָך מער ווי 24 שעה, אַנשטאָט 12, וואָס די רייזע האָט געווייַנלעך געדויערט, זייַנען מיר אָנגעקומען אין שטעטל אַרייַן. מיט גרויס מי — מיט וואַרעמע פלעשער, פּערענעס — האָט מען מיר דערוואַרעמט צום לעבן.

אויף מאָרגן גלייַך נאָך פּורים פלעגט אונדזער הויז, יאָר־יערלעך, פאַרוואַנדלט ווערן, פון אַ ברויט־און חלה־בעקערייַ, אין אַ מצה־פּאַדראַד. די מאַמע פלעגט זיך אוועקלאָזן אויף אַ וואָך־לאַנגער, שווערער נסיעה קיין שאַוול, איינקויפן מעל. דער טאַטע פלעגט דערווייַל צוגרייטן דאָס הויז, כשרן דעם אויוון, ארויסטראָגן אַלע שטוביקע זאַכן, אַריינשטעלן טונען אויף וואַסער, גרויסע וועלגער־טישן, — דאָס הויז, דער נאָרמאַלער לעבן איז איצט צע־בראָכן געוואָרן. אַזוי גיך ווי די מאַמע איז צוריקגעקומען מיטן מעל, האָט זיך אָנגעפאַנגען די אַרבעט מיטן גאַנצן טעמפּאָ. דער טאַטע איז געווען דער זע־צער, איך — דער שטופּלער. אַ צענדליק געדונגענע מענטשן האָבן געקנאָטן, געוועלגערט. שיט מעל און גיס וואַסער, אין שטענדיקן געשרייַ, טומל — אַ פאַבריק ממש. דער אַרבעט־טאָג איז געווען אַ לאַנגער, פון מיטן נאַכט ביז צען־עלף בייַנאַכט. די אַרבעט — אַ שווערע. אַ מצה־פּאַדראַד איז געווען דער פּיאָנער פון היינטיקן אויסמאַטערנדיקן קייט־סיסטעם: עס לויפט פון אָנ־פאַנגער ביזן פאַרפּאַקן פאַרטיקע מצה פון האַנט צו האַנט, אָן אָפּשטעל, אָן אָפּרו. די טייג טאָר דאָך ניט אין מינוט אויפגעהערט ווערן צו קנעטן איר, אויב ניט ווערט עס חמצדיק, עס פאַנגט אָן זייערן. כדי די אַרבעטער זאָלן זיך קאָנען האַלטן אויף די פיס, אין דער שווערער אַרבעט, פאַרטרייבן די מידקייט — פלעגט דער פאָטער זיי אויפמונטערן צו זינגען יידישע לידער. די בלעכן אויף די וואַלגער־טישן האָבן געקלאַפּט, די זינגער האָבן געקלונגען. צו מצה־באַקן פלעגן קומען גאַנצע משפחות, אויסקלייבן, אָדער גאָר העלפן ביים אָפּבאַקן זייערע אייגענע מצה — און אַלץ האָט געפּילדערט, געשריען, פון גראָען באַגינען ביז טיף איז דער נאַכט אַרייַן. די קינדער האָבן זיך געוועלגערט, זיך געדרייט אונטער די פיס, ניט געגעסענע, ניט געטרונקענע. שלאָפן פלעגט מען די פּאָר נאַכט־שעהן ערגעץ ביי אַ שכן. די מאַמע האָט זיך באַמיט אויפ־פּאַסן ווי ניט איז די קינדער, אָבער ס׳איז געווען איבער אירע קרעפטן.

גוט איז געווען אַז ס׳איז אָנגעקומען שבת. דער טאַטע האָט קיין כוח ניט געהאַט אייַנצוזיצן ביים פרייטאָג־צו־נאַכטיקן טיש. די מאַמע, די קינדער פלעגן זיך באַלד נאָכן עסן צעפאַלן אין די בעטן, אָפּשלאָפן דעם גאַנצן שבתדיקן טאָג, אַרייַננעמען רו און כוחות פאַר דער ווייטערדיקער וואָך.

אַזוי האָט די דאָזיקע עבודת פרך אָנגעהאַלטן דעם גאַנצן חודש, ביז אַ טאָג ערב פּסח, קוים באַוויזנדיק צוצוגרייטן דעם יום־טוב. ביים ערשטן סדר פלעגט דער פאָטער זיצן אין דער ווייכער הסב־בעט, האַלב געזעסן, האַלב געלעגן און האָט שוין גאָר אמתדיק געפּילט די גאולה פון אַרבעט און פון יאָך.

# אין נע־ונד נאָך תורה און נאָך „טעג“

טעלזער ישיבה איז נאָך אַן אויפשטאַנד און נעמט מיר ניט אָן. — צוריק קיין שאַחל. — מיין פעטער אין טלית און תפילין, פאָרנדיק מיט מילכיקס אין שטאָט. — אין קעלם, די ישיבה פון מוסר. — עפּיזאָדן פון א טאָג־עסערס׳ גוטע און שלעכטע „טעג“. — אין דער גרויסער סלאַבאָדקער ישיבה און צוריק קיין שאַחל. — צום ערשטן מאָל פּנים אל פּנים מיט דער מענטשלעכער נויט. — אין קורשאַנער בית המדרש און ביים רייכן פעטער. — צווישן צערטלעכע פרויען־בליקן. — געדאַנקען וועלכע פירן אַוועק פון דער גמרא.

איך ווייס ניט ווי אזוי ס׳איז צו מיר געקומען דער געדאַנק און די תשוקה צו וועלן פאָרן לערנען אין טעלז. כאָטש דער דרך הלימוד פונעם טרוקענעם פּלפּול האָט מיר קיינמאָל ניט געוואונען. די אלע לופט־שלעסער, וועלכע זיי פלעגן אויפבויען, האָט א בח״ר, א בקי דאָס געקענט פונאנדער־וואַרפן מיט א רש״י אָדער א תוספות. און אין יאָרן שפּעטער האָט זיך ארויס־געוויזן, אז די אלע בחורים, די פּלפּוליסטן, קומענדיק אין קאָנטאַקט מיטן פּראַק־טישן לעבן, מיט דער רעאַליטעט, האָבן דעם פּלפּול אין גאַנצן פארגעסן; זיי זיינען פארבליבן פּוסט און האָבן גאָר פּשוט קיין בלאַט גמרא ניט געקענט אָפּלערנען. אָבער דער בקי איז אלעמאָל געבליבן דער למדן. דער חדוד, דאָס שאַרפן דעם מוח מיט קונציקע איינפאלן און קאָמבינאַציעס און פּלפּול, זיינען מער ניט געווען ווי אבסטראַקטע געדאַנקען. און איך האָב עס קיינמאָל ניט געקאָנט פארטראָגן. כ׳האָב אויך פיינט געהאַט דעם לימוד המוסר, וואָס האָט פארמרהשחורהט דעם יוגנט און פארטריבן פון זיי דעם שמחת־החיים, — און כ׳האָב אויך פיינט געהאָט בתכלית השנאה די שטרענגע דיסציפּלין פון די משגי־חים, זייערע שפּיאָנירן ביינאַכט אויף די קוואַרטירן צו כאַפּן א בחור מיט א טריף פּסול ביכל. ס׳איז מיר ניט געווען צום האַרצן — בפרט נאָכדעם, ווי איך האָב געלעבט ביי א פּאָר יאָר אין דער פרייער שאַוול, אין א סביבה פון בחורים משכילים, און געלייענט וואָס איך האָב געוואָלט, פריי און אָן שרעק.

און דאָך, ווייסנדיק דעם גרויסן קאָנטראַסט פון איין סביבה צו דער צווייטער, האָט פאר מיר טעלז געהאַט אזא גרויסע צוציאונגס־קראַפט, אז איך האָב באַשלאָסן צו פאָרן אהין. איך האָב אָנגעפאנגען צו מאַכן אלע נייטיקע הכנות. געקראָגן אַ רעקאָמענדאַציע־בריוו פון אונדזער מרא דאתרא, ווייל אָן דעם האָט מען ניט אָנגענומען אין דער ישיבה, צוליב די גרויסע אומרוען וועלכע זיינען לעצטן ווינטער פאָרגעקומען אין דער ישיבה.

אין דעם ווינטער פריער איז אין דער טעלזער ישיבה געווען אויסגעבראָכן א „האָפקע״ (סטרייק לויטן ישיבה־לשון), מען האָט געבראָכן פענצטער, לאָמפן, געריסן מוסר ספרים און זיי געוואָרפן אין בית הכסא. רעוואָלטירט האָבן די אַנטי־מוסרניקעס. די ידיעה וועגן דעם סטרייך האָט זיך צעטראָגן אין גאַנצן לאַנד, אין אלע ישיבות און בתי מדרשים. איז די הנהלת־הישיבה שוין געווען שטאַרק איבערקלייבעריש מיטן אָננעמען נייע בחורים, נאָך דעם ווי די אָנפירער פון סטרייק האָט מען ארויסגעשיקט, און מען האָט אָנגעזאָגט אז קיינער טאָר ניט קומען, מען וועט ניט אָננעמען אָן א פריערדיקער אָנפראגע. די תשובה אויף מיין אָנפראַגע איז געווען א נעגאַטיווע. דער תירוץ איז געווען: מען האָט שוין דעם זמן אָנגענומען איינעם פון מיין שטעטל, וועלכער האָט זיך געווענדט פריער פון מיר און אונדזער שטעטל צאָלט צו ווייניק פאר דער ישיבה, אז מען זאָל קענען אָננעמען צוויי. קען אָבער זיין אז דאָס איז נאָר געווען דער אָפיציעלער תירוץ, ווי אָן ענטפער אויפן רבס בריוו, דער אמת האָט אויך געקאָנט זיין, אז איינעם וואָס האָט געלערנט אין שאַוול, ניט אין א ישיבה, האָט מען געקענט חושד זיין אין „גערכאפטקייט״, און אזא האָט מען ניט געוואָלט האָבן, באַזונדערס אין א טומלדיקער צייט. ווי ס׳זאָל ניט זיין: מיין פאָרן קיין טעלז איז אָפגעפאלן און איך האָב באַשלאָסן פאָרן צוריק קיין שאַוול.

מיין קוואַרטיר, וועלכע איז געווען אָן אומזיסטע, האָב איך שוין מער ניט געקראָגן. צו דער מומען צוריק בין איך שוין אָבער אויך ניט געגאַנגען. איינמאָל געהאַט דערשפירט די פרייהייט — האָב איך איר שוין מער ניט געוואָלט אויפגעבן. בין איך פארקראָכן ערגעץ פאר א ביליגן אָפּצאָל. אויך האָב איך ניט געקראָגן אַלע ביז איצט־געהאַטע „טעג״. א ניי־באַקומענעם טאָג האָב איך געמוזט, נאָכן ערשטן מאָל אָפּעסן פרישטיק אויפגעבן. ווי איך האָב זיך שוין ניט געהאַט צוגעוווינט צו עסן ביי פרעמדע טישן, האָב איך אָבער ניט געקענט פארטראָגן, אז אויף דעם דאָזיקן נייעם „טאָג״ האָט מען מיר גֶעגעבן דעם ערשטן פרישטיק אין קיך. האָב איך באַשלאָסן גלייכער הונגערן, איידער שוין אזוי פאַרשעמט ווערן. און פאָרן דאָזיקן שטאָלץ האָב איך באמת באַצאָלט מיט הונגער. יעדער מאָנטאָג איז געווען ביי מיר א פולשטענדיקער יום־כפור. קיין אנדער „מאָנטאָג״ האָב איך ניט געקראָגן.

פאר מיין שטאָלצקייט האָב איך טייער באַצאָלט. נעכט האָב איך זיך געלייגט שלאָפן א הונגעריקער. איך פלעג זיך שעהן לאנג ארומוואַרפן פון איין זייט אויף דער צווייטער אויף דער האַרטער קאַפּצאַנקע און קוים זיך דערוואַרטן אויפן מאָרגן. זייער פרי פלעג איך אַרויסגיין און זוכן צו באַגע־גענען מיינעם אָן אָנקל, א פּאַכטער, וועלכער פלעגט יעדן פרימאָרגן קומען אין שטאָט אָנגעלאָדן מכל טוב: מילך, פּוטער, קעז און אנדערע אַרטיקלען, מיט דער האָפענונג, אז אפשר וועל איך קריגן עפּעס פון אים.

די שטיצע פון מיין היים איז אויך ניט געווען רעגולער און זייער בצמצום. איך האָב זיי ניט געוואָלט באַלעסטיקן. מיין לעבן איז געווען פול מיט צער און יסורים. מערערע הונגעריקע טעג ווי זאַטע. כ׳האָב באַשלאָסן דעם קומענדיקן ווינטער צו פאָרן קיין קעלם. זי איז נאָנט צו מיין שטעטל, אלע טאָג קומען בעלי־עגלות פון אונדז, וועל איך קענען קריגן ציטנווייז א פּעקל אכילה און ווען גאָר שלעכט — וועל איך קענען קומען צופוס צוריק אהיים.

* * *

קעלם איז געווען א פרום־פאַנאַטיש קליין שטעטל. אין קעלם האָט גע־האַט געווירקט ר׳ שמחה זיסל, דער תלמיד מובהק פון ר׳ ישראל סאַלאַנטער, שאַפער פון דער מוסר־באַוועגונג. איך בין אָנגעקומען קיין קעלם שוין א סך יאָרן נאָך ר׳ שמחה זיסלס טויט. זיין השפּעה איז אָבער געבליבן אַ ירושה אין שטעטל גאָר שטאַרק. די חשובסטע בעלי־בתים, אזוי ווי דער גרעסטער טייל פון ישיבה׳שן קבוץ האָבן אָנגעהערט צו די מוסרניקעס, כאָטש מען האָט קיינעם פון די בחורים ניט געצוואונגען דערצו. בין מנחה למעריב פלעגן צענד־ליקער מוסרניקעס זיך פאַרקלייבן אינעם מוסר־שטיבל, וואָס איז געווען א בית־מדרשל פאַר זיך, ניט ווייט פון שטאָטישן בית־מדרש, זיך פאַרטיפן אין מוסר. קיין פרעמדע פלעגט מען אַהין ניט אריינלאָזן און צו דער גאַס פלעגט נאָר דערגיין דער טרויעריקער מוסר־ניגון און דער געקנאַק פון דאַרע פינגער. ר׳ יוסף זכריה, שאַוולער רב, זאָל זיך האָבן אויסגעדריקט אמאָל: די מוסרני־קעס פאַרשפּאָרן זיך פון פרעמדע אויגן, ווי פּאָקוס־מאַכער, וואָס האָבן זיי דאָרט צו באַהאַלטן, ווי זיי וואָלטן עמעצן געוואָלט אָפּנאַרן?...

אין שטעטל האָט זיך געפילט א הייליקע געדריקטקייט. די ישיבה־בחורים האָבן זיך געפילט ניט פריי. פון א השכלה ספר איז מען דאָ געווען אָפּגעהיט. מורא געהאַט פאַרן קלענסטן חשד. יעדערער האָט געלעבט מיט זיין אייגענעם שאָטן, ווייל דער גייסט פון ר׳ שמחה זיסלען האָט זיך געפילט אומעטום.

אין קעלם, פונקט ווי אין שאַוול, איז געווען מיין ערשטע זאָרג — די זאָרג פון א ניי־אָנגעקומענעם ישיבה בחור — טעג.

דעם ערשטן פרייטאָג־צו־נאַכט, ניט האָבנדיק נאָך קיין שטענדיק אָרט ווו צו עסן שבת, האָט דער שמש מיר ארויסגערופן נאָך פארן ענדע דאוונען, געעפנט די טיר פון א שטיבל אין קאָרידאָר און אָנגעוויזן מיט געשריי אויף איינעם פון די דאַוונער: „ביי דעם באַלעבאָס וועסטו עסן שבת“. אין שטיבל איז געווען האלב־פינצטער, באלויכטן נאָר פון צוויי ליכט ביים עמוד, וועלכע זיינען פארשטעלט געווען פון בעל־תפילה. דער געדראַנג איז שטיבל גרויס, די מתפללים שאָקלען זיך, וויגן זיך איינער לעבן צווייטן, היינט גיי ווייס וועמען דער שמש האָט דאָ געמיינט מיט „ביי דעם יידן“. נאָר דער שמש האָט אָפּגע־זאָגט זיינס און שוין ניטאָ מער. וואַרט איך. דער וועלכער האָט „מיך גענומען“ וועט דאָך זיכער זוכן זיין אורח אויף שבת. נאָר אָט האָט מען שוין אָפּגעדאוונט, דער עולם צעגייט זיך, די לעצטע גייען ארויס דריי יידן מיט אַמאָל — גיי איך נאָך, פון ווייטן, אלע דרייען. זיי גייען, ריידן, קוקן זיך אפילו ניט אום אויף מיר. איינער רייסט זיך אָפּ פון דער געזעלשאַפט, גייט אראָפּ צו זיין הויז. בלייבן צוויי. איך זע אז דער אוועקגייער דרייט זיך ניט אום, ווייזט אויס ס׳פעלט אים קיינער ניט, איז ער ניט מיין איינלאַדער, גיי איך נאָך די צוויי. ענדלעך צעשיידן זיי זיך אויך. „א גוטן שבת, א גוטן שבת“ און איינער פאַר־שווינדט אין אַ טיר אריין. בלייב איך שטיין: נאָכגיין, ניט נאָכגיין? אפשר איז עס בכלל א טעות און מיין איינלאַדער זוכט מיר גאָר אין שטיבל? איך פאַנג אָן גיין צוריק, ערשט דער לעצטער גייער רופט מיר נאָך: בחורל ווו לויפט איר, קומט מיט מיר, איר זייט מיין אורח . . . אין שטוב איז ליכטיק, שבתדיק. די באַלעבאָסטע טראָגט דעם „גוט שבת“ אנטקעגן. איר פּנים שיינט. שיינט דעם בעל־הבית פּנים אויך און ער זינגט איר א געצאצקעטן אשת־חיל, ווארפט איר בליקן מיט גוטסקייט, מיט ליבשאַפט, מיט פרומער פרייטאָג־צו־נאַכטיקייט, ווו מצווה און הנאה זיינען געפּאָרט. דער טיש איז גרייט מיט גוטע מטעמים און מיין אַפּעטיט איז אויך ניט צו פארזינדיקן. עס איך זיך איין מוציא חלה, א צווייטע, א דריטע ביז, — דער בעל־הבית גיט מיר ארוק אונטער דעם שוואַרצן ברויט־לאַבן: „איר האָט עס אזוי ליב חלה?“ האָב איך שוין פאַר־לאָרן דעם אַפּעטיט אויך צו די חלה. אויף מאָרגן פרי האָב איך שוין קיין ברויט אויך ניט געגעסן צו זאַט, געזעסן ביים טיש א פארשעמטער, א פאַר־קלעמטער.

די צווייטע וואָך האָב איך שוין געהאַט א שטענדיקן שבת, ביי אן עלטערן בעל־הבית, א בעל אכסניה און תבואה הענדלער. זיין בליק, זיין פארהאלטן זיך האָט אָנגעוואָרפן אין שטוב מער אומעט ווי מורא. די באַלעבאָסטע איז געווען א נידעריקע, א ברייטע, מיט א פארזאָרגט פּנים — שפּורן פון א ניט־צופרידן לעבן. אירע אויגן זיינען געווען ליכטיקע און גוטע. אריינקומענדיק דעם ערשטן פרייטאָג־צו־נאַכט אין שטוב האָב איך אָנגעטראָפן אויף א בחור

פון א יאָר צוואַנציק — דער יינגסטער זון — מאָדערן געקליידט, איינגעזעצט אין א ווינקל פון שטוב, מיט א ספר אין האַנט, וועלכן ער האָט געהאלטן אין איין עפענען, פאַרמאַכן און ווידער עפענען. עס איז געווען לייכט צו באַמערקן אז ער איז נערווירט, איילט זיך ערגעץ און וויל שוין וואָס גיכער איבערקומען דאָס עסן, פטור ווערן פון טאַטעס שהיות, פון זיינע צעצויגענע שלום־עליכמס צו די מלאכים און געקינצלטן אשת חיל, וואָס איין גאָט ווייס ווען ער האָט דערביי אין זין געהאַט. אז מען זעצט זיך שוין צום טיש, דער פאָטער מאַכט קידוש, גיט יעדערן א מוציא, פאַררוקט ער די אויגן אין טעלער, רעדט ניט א וואָרט, ניט צו די שטוביקע, ניט צו זיין אורח. נאָר דער זון זיצט דערביי און זעט צו דער אורח זאָל עסן צו זאַט, שאַרט אים אלע ווילע צו א שטיק חלה; די מוטער טוט דאָס זעלבע.

די אלטע ליידט זייער פיל פון איר מאַנס קמצנות. און א געלעגנהייט ארויסצוווייזן איר גוט־הארציקייט קומט צו די סעודה שלישית. ווינטער אָוונט, נאָך הבדלה, ווען דער אלטער איז פארנומען מיט אליהו הנביא און דעם סאמאָוואר מאַכן, דאַן נעמט זי מיר אריין אין א חדר מיוחד און שטאָפּט אין מיר פון כל טוב.

אין איינעם א זונטאָג האָט דער שמש מיר אוועקגעשיקט עסן צו אַ קירזשנער. „גייט אַהין, ס'איז א גוטער „טאָג" און א שטענדיקער". עס איז ניט געווען קיין רייך הויז, אָבער גוטע מענטשן, און עסן — די והותר. זיי האָבן זיך באַמיט צוצוגרייטן פארן ישיבה־בחור, וואָס נאָר זיי האָבן געקענט. גלייך צום ערשטן פרישטיק האָט מיך אויפגענומען דעם קירזשנערס אַלטע מוטער, שרעקלעך שמוציק־אָנגעטאָן און ניט ביים גאָר קלאָרן זינען. אין שטוב איז דער שמוץ ארומגעגאנגען א נאַקעטער. אין טעלער זופּ, וועלכן די אַלטע האָט מיר צוגעטראָגן, האָבן געשטעקט אלע פינגער אירע. א קליינער יינגל, א אידיאָט, מיט א באַטנופּטע העמד איז געזעסן און געגראבלט פון לאָבן ברויט.. וואָס טוט מען? ניט עסן? זיי וועלן זיך פילן פארשעמט. עסן? — דער ביסן גייט ממש ניט אין מויל. אזוי גיך ווי די אלטע איז ארויס אין קיך האָב איך אונטערגערוקט דאָס עסן דעם יינגל און ער — מיט איין שלונג איז עס ניט געווען. מער בין איך ניט געקומען. ניט געקענט.

מיין בעסטער „טאָג" אין קעלם איז געווען ביי בנציון נעמאָקשטער. א ייד א פשוטער, נאָר רייך און א גרויסער בעל־צדקה. געהאַט א טראַנספּאָרט־געשעפט און אַן ארייגפאָר־הויז. זיין פרוי איז געווען זעלטן מיט איר פרומקייט און מענטשלעכער גוטסקייט. זיי האָבן געגעבן עסן פינף בחורים און אלע אין זעלבן טאָג. עס איז געווען א טאָג פון פאַראַד און יום־טוב פאר דער גאַנצער פאַמיליע. די בעסטע און געשמאַקסטע עסנס זיינען געקאָכט געוואָרן. די באַלעבאָסטע מיט די טעכטער, אָנגעטאָן אין ווייסע שירצן, האָבן סערווירט,

אונטערגעטראָגן און דערמונטערט יעדערן צו עסן וואָס מער. עס איז געווען דער איינציקער טאָג און דאָס איינציק הויז ווו גלייך פון אריינגיין האָט מען זיך געפילט פריי, היימיש, ממש ווי געקומען צו דער מאַמעס טיש. נאָר קעלם בכלל איז געווען באַרימט ווי אַן אָרט פון גרויס הכנסת אורחים. יעדע הויז, אפילו גאָר אָרעמע, האָבן געהאַלטן א ישיבה־בחור ביי זייער טיש איין טאָג אין וואָך, קיינעם און קיינמאָל ניט ארויסגעלאָזן הונגעריק.

אין דעם דאָזיקן ווינטער, אין קעלם, האָבנדיק א זאַטערן לעבן, איז אויך מיין לערנען געווען מיט גאָר א סך מער התמדה, ווי דעם לעצטן זמן אין שאַוול. די מוסר־באַוועגונג האָט מיר ניט אָנגעלאָקט, כאָטש ביכער, ווי אין שאַוול, האָב איך דאָ ניט געלייענט, אָדער נאָר זעלטן און דאָס זייער קאָנספי־ראַטיוו, באַהאַלטנדיק זיך שטאַרק פאַר א פרעמד אויג. דערפאַר האָב איך אָפּגעגעבן מיינע גאַנצע טעג און האַלבע נעכט צו דער גמרא. אין שטוב איז מען זייער געווען צופרידן, געקראָגן גוטע גרוסן, אז איך לערן מיט התמדה און וואַקס א רב בישראל.

* * *

פינף־און־צוואַנציק יאָר שפּעטער, אין 1924, בין איך ווידער געווען אין קעלם, אויפן וועג פון אפריקע, צו מיין היים־שטעטל, און געטראָפן כמעט אַלץ ווי געווען, וואָס עס אנבאַטרעפט דעם פאַרפרומטן גייסט פון מוסר. איך בין אָנגעקומען אין א מאַרק־טאָג, די גאַסן זיינען געווען אָנגעפּאָרן פון פויערים, פּלוצלינג דערזע איך ווי ס'שטופּט זיך דורכן בלאָטיקן מאַרק א קליינינקער יידעלע, אָנגעטאָן אין טלית און תפילין. אויף מיין פראַגע: ווער איז דער משוגענער, וואָס מען לאָזט עס אים אזוי ארומשפּאַצירן און גויים מאַכן אים נאָך א וועג, נעמען גאָר אראָפּ די היטלען? — אויף דער דאָזיקער פראַגע איז געקומען א בייזער געברום פון אלע ארום מיר, כאָטש צו לינטשן, פאַרוואָס איך וואַג צו באַליידיקן דעם קדוש. דער מענטש איז געווען איינער פון די באַ־קאַנטסטע מוסרניקעס, ר' אליה'לע.

קעלם האָט זיך אין די פינף־און־צוואַנציק יאָר קוים געהאַט געביטן. געווען די זעלבע פרומקייט און אויך די זעלבע יידישע גוט־האַרציקייט.

* * *

איך ווייס ניט פון וואַנען עס האָט זיך ביי מיר גענומען — א יינגל פון א יאָר 15, א שוואַכער און א מאָגערער —דער ווילן און דער כוח אונטערצו־נעמען אזעלכע שווערע אוואַנטיורעס, ווי דאָס וואַנדערן פון איין מקום תורה צו א צווייטן? מעגלעך, דער באַוווסטזיין, אז אומעטום דערוואַרט מיר הונגער, קעלט, נויט און עלנד, איז אויב שוין יאָ ליידן, פאַרוואָס ניט זיין אין א גרויסע שטאָט און אין א גרויסע ישיבה? דאָס וואָרט „ישיבה" האָט פאַרמאָגט זייער א גרויסע מאַגישע קראַפט פאַר מיר. איך האָב געגלויבט אז נאָר די בחורים,

וועלכע האָבן געהערט שעורים ביי די גרויסע, באַרימטע ראשי־ישיבות — נאָר די קענען לערנען. אויך די שטענדיקע לויב־רייד פון איינעם פון מיינע שטעטל־שע חברים, וועלכער האָט געלערנט אין סלאָבאָדקע, האָט אין מיר ארויסגע־רופן קנאה. אגב, האָב איך געטראַכט, אז איך האָב גאָרניט וואָס אָנצוווערן: אדרבא, מיינע פערספעקטיוון זיינען געווען גאָר גוטע. ערשטנס האָב איך אין קאָוונע מיינע א קוזינע, וועלכע וועט געוויס עפּעס טאָן פאַר מיר. צווייטנס, א שטעטלשער בעל־הבית, א מחותן אין אונדזער משפּחה, האָט דאָרטן א זון, און ער גיט מיר מיט א בריוו צו אים. דריטנס, איינער אַן אַרבעטער, וואָס איז אין אונדזער הויז געווען קוואַרטיר און אויך זיך געשדכנט צו מיינע א קוזינע, האָט אין קאָוונע א קוזינע. ער וועט שרייבן צו איר און פאַרזיכערט מיר, אז זי וועט טאָן אַלץ וואָס איז מעגלעך פאַר מיר...

די אָ פּונקטן האָבן נאָך מער פאַרשטאַרקט אין מיר דעם רצון צו פאָרן קיין סלאָבאָדקע. מיין פאָטער, זייענדיק שטענדיק פאַרנומען מיט דעם עול פון פרנסה, פאַרדרייט און פאַרצרה׳ט מיט לייען און באָרגן, האָט ניט געהאַט די מעגלעכקייטן פאַר די נויטיקע שטיצע, און האָט אַלץ איבערגעלאָזן צו מיר. און אזוי ווי דער רבש״ע האָט געזאָגט צו אברהמען: כל הארץ לך נתתיך, ופרצת ימה וקדמה, צפונה ונגבה — אזוי האָט מיין פאָטער געזאָגט צו מיר: גיי, מיין קינד, ווו דיין האַרץ גלוסט... און איך האָב גענומען מיינע כלי־גולה — דעם באַוווסטן גרינעם קעסטל מיט מיינע בעבעכעס און זיך געלאָזט אין וועג אריין.

אָנשטאָט פאָרן דירעקט מיט דער באַן איבער שאַוול, וואָס אזא וועג דאַרף קאָסטן צופיל פאַר מיין קעשענע, האָב איך זיך אַרומגעלאָזן ווי די יידן פון מצרים, — ארום און ארום. מיין ערשטע סטאַנציע איז געווען מיט דער פור ביז ראַסיין, דאַן צו באַראַק, פון דאָרטן גייט א דאַמפּער קיין קאָוונע. אויך איז געווען אין מיין חשבון, אזוי ווי כ׳האָב א טאַנטע אין ראַסיין, וועמענס טאָכטער טאַקע ס׳דאַרף עס מיך אויפנעמען איז אין סלאָבאָדקע, איז דאָך גוט פריער צו זען די טאַנטע מיטן פעטער, אירע עלטערן, זאָלן זיי הייסט עס, מיר געבן אָ בריוו צו איר, און אפשר אויך וועלן זיי מיר מיטגעבן אָ פּאָר רובל, ווי עס פירט זיך ביי לייטן. די טאַנטע האָב איך ניט געקענט, דערפאַר דעם פעטער זייער גוט. יעדן יאָר, אין פריזיוו־צייט, פלעגט ער קומען צו אונדז, העלפן ארויסנעמען יידישע בחורים פון דינסט, ווייל ער איז געווען קנעפּל שבקנעפּל מיטן נאַטשאַלניק פון אויעזד (קרייז). פאַרשטענדלעך איז עס געווען ניט אומ־זיסט און ער פלעגט פון אזא פּריזיוו און פון אזעלכע ארויסנעמעניש גוט פאַר־דינען. געווען א לעבעדיק, פריילעכער ייד, בנאַטור א גוטהאַרציקער און אויך ניט קיין אָרעמאַן, פלעגט ער זיך לייכט וואַרפן מיט א קערבל, קומענדיק צו אונדז אין פּריזיוו־צייט; במילא האָב איך געהאַט רעכט אָנצונעמען אז ער

וועט מיר ניט ארויסלאָזן ליידיק. געקומען אַהין, אין א באַגינען, האָב איך אָנגעטראָפן כמעט דעם זעלבן בילד ווי קומענדיק דאָס ערשטע מאָל צו דער שאַוולער מומען: אויך די מומע האָט געהאַלטן דעם באַברילטן נאָז פאררוקט אין א דיקן קרבן־מנחה־סדור, — געדאַוונט. דער אונטערשייד איז נאָר געווען אין דעם, וואָס די מומע, אזוי באלד ווי זי האָט מיך דערזען, האָט זי ארויסגענומען דעם קאָפּ פון סדור און באוויזן א שמייכלדיקן פנים, פול מיט צופרידנקייט מיט מיין קומען. באלד איז אויך געקומען דער פעטער, פון דאוונען מיטן ערשטן מנין; עס איז ארויסגעקומען זייער יינגערע טאָכטער און אלע האָבן אָנגעפאַנגען זיך באשעפטיקן מיט מיר.

ראַסיין איז געווען א ביסל גרעסער פון מיין געבאָרן־שטעטעלע, דאָך גאָר אָן פארגלייך קלענער פון שאַוול און איך האָב, אזוי ארום, קיין אינטערעסאַנטע זאַכן מיטן זען איר ניט אַנטדעקט. א שטעטל — אין סטיל פון אַנדערע ליטוויש־יידישע שטעטלעך — שטיל, רואיק, שלעפעריק... ווייל אויך ראַסיין, ווי מיין שטעטעלע קראָז, איז געווען ווייט פון א באן און פון ווייטן שאָסיי. א צוואנציק מייל אוועק פון שטעטל האָט געפלאָסן דער ניעמאַן, דער ליטווישער גרעסטער טייך, אויף וועלכן עס זיינען געגאַנגען גרויסע דאַמפערס: אָט אזא דאַמפער האָט עס מיר געזאָלט אוועקפירן קיין קאָוונע.

דער טאָג איז ענדלעך פארלאָפן. דער אָוונט האָט זיך אָנגערוקט מיט דער טונקלקייט פון שווארצע וואָלקנס וואָס האָבן פארדעקט דעם הימל. ס'האָט זיך געקלבין אויף אַ שטורעם; און אז ער איז אָנגעקומען האָט ער נאָך מער טיפער געמאַכט די פינצטערקייט אין דרויסן און אין מיין הארצן. איך האָב זיך געזעגנט מיט מיין מומען און קוזינע. דער פעטער האָט מיר באַגלייט און שוין זיצנדיק אין בויד דערלאנגט ער מיר א קליין פעקל, — אוודאי מיט וואָס איבערצוכאַפּן דאָס האַרץ אין וועג. דער גרויסער רעגן, וועלכער האָט אָנגעהאַלטן אייניקע שעה האָט מיר אזוי דורכגעווייקט, אז ס'איז ניט געבליבן א טרוקענער פאָדעם אויף מיין לייב. כ'האָב דערפילט הונגער און פארצערט דעם האַלבן לאַבן שוואַרץ ברויט מיטן שטיק קעז, וואָס כ'האָב געפונען אין פעקל. פאַר מיר איז עס געווען אַ גיהנום־נאַכט. ציטערנדיק פון קעלט, אָנגעפילט מיט אימה, אז איך זאָל ח"ו ניט קראַנק ווערן, האָב איך אויסגעקוקט מיינע אויגן אויף דעם פרימאָרגן. דער קאַלטער ווינט, וועלכער קומט פאַר זון־אויפגאַנג האָט מיר דורכגעבלאָזן און שטייף געמאַכט אַלע מיינע גלידער. איך האָב געמוזט האָבן געפאַלן אין א קאָמא, וואָרום ווען דער בעל־עגלה האָט מיר א שלעפּ געטאָן און געהייסן ארויסקריכן פון בויד, האָב איך אים אָנגעקוקט מיט ווילדע אויגן ניט משיג געווען ווו איך געפין זיך און וואָס מיט מיר טוט זיך. ווען מיינע חושים האָבן ווידער אָנגעפאנגען פונקציאָנירן, האָב איך זיך אָבער ניט געקענט באַוועגן. מיין גאַנצער קערפּער איז געוואָרן שטייף.

מיט שווערקייטן האָט מען מיך ארויסגעהויבן פון בויד. מיינע פיס זיינען געווען ווי געליימט און איך האָב ניט געקענט שטיין אויף זיי. די וואַרטנדיקע פּאַסאַזשירן ביים דאַמפּער, וועלכע דאָס רוב איז באַשטאַנען מאחינו בני ישראל, זעענדיק די נאַסע אויסגעווייקטע קליידער אויף מיר און דאָס ציטערן פון מיין קערפּער האָבן פארשטאַנען, אז דער נעכטיקער רעגן האָט מיר געבראכט צו מיין איצטיקן צושטאַנד, און האָבן מיר געהאָלפן ארויפזעצן אויפן דאַמ־פּער. דאָ האָבן זיי מיר אוועקגעזעצט ביים קעסל אום מיך צו דערוואַרעמען. אויף יעדער סטאַנציע זיינען צוגעקומען מענער און פרויען מיט פּעקלעך און קלומיקעס, אזוי, אז עס איז ניט געווען קיין אָרט, פאַר ענגשאַפט, ווו זיך א קער צו געבן. די זון, וועלכע איז געשטאַנען אין מיטן הימל און מחיהדיק געוואַ־רעמט, אויך די היץ פון קעסל — האָבן ביסלעכווייז אָנגעפאַנגען צו ווירקן אויף מיין שטימונג און גלייכצייטיק ארייגברענגען חיות אין מיינע אָפּגענומענע אברים. מיינע אויסגעטריקנטע בגדים האָבן לייכטער געמאַכט מיינע באַווע־גונגען און דער מאָגן האָט אָנגעפאַנגען פאָדערן זיין חוב. איך כאַפּ מיר צו דעם פּעקל, אפשר איז נאָך דאָרטן פאַראַן עפּעס מיט וואָס צו שטילן דעם הונ־גער. איך געפין אָבער גלייך אויס, אז די ברויט און די קעז זיינען דורך דעם רעגן צוזאמענגעגאָסן געוואָרן אין א קאַשע, וועלכע איז בלויז גוט פאַר א בהמה. אויך ביי די פּאַסאַזשירן איז קיינעם ניט געבליבן פון זייערע צוגעגרייטע אכילה אויפן דאַמפּער, און איך האָב געמוזט וואַרטן ביז די קומענדיקע סטאַנציע, ווו ווייבער זיינען געשטאַנען מיט קערבּ פול מיט בייגל און פארשיידענע געבעקס.

א קראַנקער, א הונגעריקער און א צעבראָכענער בין איך אָנגעקומען דאָנערשטאָג אָוונט אויפן אַדרעס, וואָס אונדזער קוואַרטיראַנט האָט מיר גע־געבן. די פרוי, מיר דערזעענדיק, האָט זיך דערשראָקן פון מיין אויסזען. איך האָב איר געזוכט צו בארויקן מיט דעם, אז מיין רייזע איז געווען א שווערע און האָט מיך אויסגעמאַטערט און מיטן זיך אויסרוען וועט אַלץ פאַרבייגיין. איך האָב באקוקט די דירה און זיך גלייך איבערצייגט אז דאָ איז ניטאָ פאַר מיר קיין אָרט צו פאַרבלייבן לאַנג. איך פאַרעָנג געוויס אַן אַנדערן. און וואָס גיי־כער איך וועל אוועקגיין אלץ בעסער וועט זיין. צוגעביסן א ביסל האָט די פרוי גלייך צוזאמענגעשטעלט פון שטולן און בענקלעך פאַר מיר א געלעגער. זייענ־דיק מיד און אויסגעמאַטערט בין איך גלייך אנטשלאָפן געוואָרן. ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט איז שוין געווען שפּעט, נאָך 11 אזייגער. גיין אין ישיבה קיין סלאַבאָדקע האָט קיין זין ניט. דער מרחק איז א גרויסער. דערצו איז עס פרייטאָג, ווען מנחה דאַוונט מען נאָך 12 אַזייגער און די בחורים צעגייען זיך צו זייערע קוואַרטירן. איינער האָט צו פאַרריכטן זיין העמד, א צווייטער זיינע הויזן און א דריטער — אפילו די שיך. יעדערער האָט זיך זיין ארבעט; און עס איז אויך די ספירה־טעג ווען בחורים קענען זיך ניט אָפּשערן איינעם דעם

צווייטן די האָר אין די זייטיקע בית־מדרש שטיבלעך, ווו זיי בלייבן אַ ביסל לענגער. מיין גאנג וועט זיין אומזיסט. האָב איך באשלאָסן צוווארטן ביז מאָרגן נאָך האלבן טאָג, ווען מען קען אלעמען געפינען אין בית־המדרש.

בין איך דערוויל אוועק אויפזוכן מיין קוזינע, איר אָפגעבן א גרוס פון אירע עלטערן און, אַגב, אויסצוגעפינען, וואָס פאַר אַ הילף קען איך דערוואַרטן פון איר. נאָך לאנגע נאָכפרעגענישן האָב איך לסוף איר ווינונג געפונען. באלד ביי מיין אריינקומען האָט מיר א שוידער ארומגענומען. א קליין צימערל, וועלכער דינט אויך אלס שלאָפצימער, עס־צימער און קיך — אלץ צוזאמען. א קליין קינד ליגט אויפן בעט און פארגייט זיך אין וויינען. ביים אויוון שטייט א הויכע מאָגערע פרוי, דאָס פנים פארמרהשחורהט, פון אירע אויגן קוקט פאַרצווייפלונג און פארביטערונג. די שפורן פון איר אמאָליקער שיינקייט איז נאָך אָבער אביסל פארבליבן. זי קוקט מיך אָן פארוווּנדערט און לויפט צו צום קינד און זוכט אים איינצושטילן, ווארפנדיק צעשראָקענע בליקן אויף מיר. איך זאָג איר, אז איך בין אירער א קוזין און גיב איר אָפ א גרוס פון אירע עלטערן און פרעג זיך נאָך אויף איר מאַן. און, אגב, דערצייל איך איר די כוונה פון מיין קומען דאָ. זי זיצט אויפן בעט, וויגט אין איר שויס דאָס קליין קינד, הערט מיך אויס, שאָקלט מיטן קאָפ און שוויגט. איך מערק אז אויף איר פנים בייטן זיך די קאָלירן און אירע אויגן ווערן פול, טרערן הויבן זיך אָן צו רינען. מיט א פאַרשטיקטע שטימע, כליפענדיק, דערציילט זי מיר דעם טרויעריקן און ביטערן מצב אין וועלכן זיי געפינען זיך איצט. איר מאַן האָט א קליינע לעדער־קרעמל, זיין קאָנטאָ ביי פרענקלען אין שאַוול איז אָפגעשטעלט געוואָרן, ווייל ער האָט ניט געקענט צאָלן א וועקסל צום טערמין. איצט זיינען זיי אינגאַנצן רואינירט. און אויב ניט די פעקלעך פון שפייז און שטיצע פון אירע עלטערן, וואָלטן זיי פשוט געשטאָרבן פון הונגער. איך שטיי א פאַרקלעמטער, זוך ווערטער מיט וועלכע איר צו דערמוטיקן און טרייסטן, אָבער איך געפין ניט קיינע. עס איז א גרויסער רחמנות אויף אונדז ביידן; אויף איר, וואָס איר לעבן איז אזא געדריקטער און פאַרצווייפלטער, אויף מיר — וואָס מיינע גרויסע האָפענונגען זיינען פלוצלונג צערונען געוואָרן.

ווי איך האָב פארלאָזן מיין קוזינעס חדר׳ל און ווי לאַנג איך האָב ארומגעבלאָנדזשעט איבער קאָוונער גאַסן ווייס איך ניט. איך האָב זיך געשלעפט ווי א נאַכט־וואנדלער. איך האָב קיינעם ניט געזען פאר מיינע אויגן, נאָר פון צייט־צו־צייט זיך אָנגעשטויסן אויף מענטשן, וואָס האָט מיך אויפגעוועקט פון מיינע רעיונות, הערנדיק געשרייען און זידלערייען. אנדערע האָבן מיך אפילו ברוטאַל א שטופ געטאָן.

איך האָב דעריבער אויפגעגעבן מיין ווילן אויסצופירן מיין צווייטע שליחות, פון טרעפן זיך מיט מיין לאַנדסמאַנס זון און אים אָפגעבן דעם בריוו פון

זיין פאָטער. פאר דעם טאָג האָב איך געהאַט געוווּג! אגב, האָב איך אויך מורא געהאַט טאָמער, ח״ו, וועט זיך איבערחזרן אן ענלעכע געשעעניש, וועלכע האָט מיר אזוי פיל געזונט געקאָסט. ס׳איז שוין אויך געווען שפעט, און א מידער האָב איך זיך גענומען שלעפּן צוריק צו מיין קוואַרטיר.

אויף מאָרגן נאָכן עסן בין איך אוועק קיין סלאָבאָדקע. צום ערשטן מאָל האָב איך געזען די שטאָטישע גאַסן. זיי זיינען געלעגן שבתדיקע, רואיקע, פול מיט יידישע געמיטלעכע שפּאַצירער. צום ערשטן מאָל בין איך געווען אין א גרויסער שטאָט. א לאַנגער האָלץ בריק האָט געפירט איבערן ניעמאַן, קיין סלאָבאָדקע, ווו די הייזלעך זיינען געשטאַנען קליינע, נידעריקע, אָנגעבויגענע איינע אויף די אנדערע און דאָך שענער, ליכטיקער ווי אין מיין אייגענער שטעטל און די וועלכע איך האָב ביז איצט געהאַט געזען. געסל אין געסל געשלענגעלט, פאַרביי יידיש שבתדיקע פענצטער בין איך דערגאַנגען צו דער גלעזער גאַס, צו דער גרויסער סלאָבאָדקער ישיבה, „כנסת ישראל״.

אין וועלכע ישיבה א ישיבה־בחור זאָל ניט אָנשלאָגן — אומעטום איז ער באלד צווישן אייגענע, צווישן חברים פון היים און פון לערנען, וועלכע מען האָט שוין געטראָפן אין אנדערע ערטער. אויך דאָ האָט מיר באלד ארומ־גערינגלט היימישקייט. חברים האָבן זיך פאררוקט מיט מיר אין א ווינקל, אויסגעפרעגט, זיך אויסדערציילט און געפּלאַנט פּלענער ווי אזוי מיר איינצו־אָרדענען. אלע פּלענער זיינען זיך אָבער באַלד צעפאַלן: אויף ישיבה׳שער אונ־טערשטיצונג אליין איז ניט מיגלעך צו אויסקומען; טעג עסן אין קאָוונע קען מען ניט, ניט עס איז דער איינפיר דאָ, ניט עס איז מעגלעך; אין סלאָבאָדקע איז שווער צו קריגן טעג, עס איז אן ארבעטער־פאָרשטאָט, ווייט ניט קיין רייכע יידן; ביי די עלטערע רייכערע, וואָס זיינען פאַראַן — עסן שוין אנדערע; געפינען טעג אין קאָוונע איז ניט שווער, אָבער ס׳איז אוממיגלעך צו גיין דריי מאָל אין טאָג איבערן בריק, א לאַנגן וועג. די אלע וועלכע לערנען דאָ קריגן, ווער מער, ווער ווייניקער, שטיצע פון אהיים. און דאָס האָב איך ניט געקענט דערוואַרטן. נאָך א שלאָפלאָזע נאַכט, פול מיט ביטערע חלומות, האָב איך זיך זונטאָג פרי געטראָפן מיטן משגיח. די משגיחים אין אלע ישיבות זיינען געווען שטרענגע, האַרטע יידן. צי האָט מען אזעלכע דירעקט אויסגעזוכט, אָדער ווייל די ארבעט איז געווען א שווערע, די נויט פון די בחורים, וועלכע זיי האָבן ניט געקענט נאָכקומען, אלעמאָל גרויס זיינען זיי אונטער דער שטענדיקער נויט און כסדרדיקע בקשות צו זיי פאַרהאַרטעוועט געוואָרן, — דאָס איז שווער גע־ווען צו זאָגן. ווייזט אויס זיינען ביידע זאכן געווען אמת. פון משגיח עפּעס צו קריגן איז ניט געווען פון די לייכטע זאכן. בין איך אוועק צום ראש־הישיבה אליין, וואָס צו אים איז מען, בדרך כלל, נאָר געקומען ריידן אין לערנען. ער זאָל עס זען ווי ווייט דער בחור איז ראוי אָנגענומען צו ווערן אין ישיבה, אָבער

ניט ריידן מיט אים וועגן דברי חול, וועגן חלוקה (געלט־אונטערשטיצונג), וואָס דאָס האָט באַשטימט דער משגיח אַליין. דאָך, נאָכן ריידן אין לערנען, אַז מיין וויסן האָט אים צופרידנגעשטעלט און ווייזנדיק אים דעם בריוו פון אונד־זער רב, האָב איך אויך פאַרוואָרפן אַ וואָרט וועגן דעם, אַז מיין מאַטעריעלער מצב וועט מיר שווער קענען געבן די געלעגנהייט צו פאַרבלייבן דאָ. די חברים האָבן פון זייער זייט זיך אויך משתדל געווען. נאָך טעג־לאַנגע פאַרהאַנדלונגען מיטן משגיח איז געלונגען צו קריגן אַ צוזאָג אויף אַ געהעריקער חלוקה, וואָס האָט געקענט קלעקן אויף באַצאָלן פאַר קוואַרטיר און נאָך עפּעס אַ קלייניקייט. אויף לעבן איז עס געווען ווייט צו ווייניק און אַפילו אויף שטאַרבן ניט צופיל. קוים דורכגעוועזן אַ חודש, געהערט אייניקע ווונדערלעכע שעורים פון „אַלטן“ וועלכע האָבן מיר שטאַרק באַצויבערט, סיי מיט דער פאָרעם, סיי מיט זייער טיפקייט, האָב איך שוין געהאַט גוט דערפילט ווי ווייט ריכטיק עס איז דער זאָג: אם אין קמח אין תורה. דער מאָגן האָט אַלץ שטאַרקער געמונען די אויבער־האַנט איבערן קאָפּ, ניט צוגעלאָזן זיך פאַרטיפן אין לערנען. איך האָב פּרוּ־בירט זיין אַ מתמיד, לערנען ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין, זיך אויסצייכענען, אַלץ כדי קריגן אַ גרעסערע אונטערשטיצונג, כדי קענען בלייבן, אָבער אָן דער־פאָלג. עס זיינען דאָ אין סלאַבאָדקע גרעסערע מתמידים פון מיר און אוודאי גאָר אָן פאַרגלייך גרעסערע קענער פון מיר. מיט מיין לומדות האָב איך דעם משגיח נאָך ווייט ניט געקענט געווינען פאַר אַ גרעסערע חלוקה.

איך האָב זיך געפונען אין אַ קלעם: פאַרבלייבן דאָ איז אוממעגלעך, פאָרן אין אַן אַנדער ישיבה איז שוין צו שפּעט, אין מיטן זמן. און די ערגסטע זאַך איז, אַז איך האָב ניט מיט וואָס אַוועקצופאָרן. איך דערציילן מיינע שטעטל־שע חברים דעם טרויעריקן ענין און בעט זיי מיר אויסצוהעלפן מיט אַ הלוואה. זיי ברעכן זיך די קעפּ און שעמען זיך מיר אויסצוזאָגן דעם אמת, אַז אויך זיי האָבן ניט. זיי הייסן מיר קומען שפּעטער, זיי וועלן זען וואָס זיי קענען טאָן פאַר מיר. און זיי האָבן יאָ געטאָן: מיר געבראַכט אַ קליינע סומע געלט, וואָר־שיינלעך געקראָגן פון דער קופּת הישיבה. מען האָט באַהאַנדלט צווישן זיך די פראַגע ווו אַהין צו פאָרן, און עס איז געבליבן: שאַוול. דער שכל: אפשר וועל איך קענען דאָרטן פאַרבלייבן, און אויב ניט וועל איך קענען פאָרן צוריק אַהיים מיט די בוידן, וועלכע קומען יעדע וואָך קיין שאַוול. קומענדיק צום באַן־סטאַנציע און וועלנדיק קויפן אַ בילעט, געפין איך, אַז איך האָב ניט גענוג געלט פאַר אַ בילעט ביז שאַוול. וואָס טוט מען? מיינע חברים האָבן אָבער אַ פּלאַן: פאָרן ביז קיידאַן מיט אַ פור, און פון דאָרטן מיטן באַן איז שוין אַ סך ביליקער, אַמווייניקסטן אַ דריטל. גערעדט און געטאָן. איך האָב געבראַכט מיין קעסטל צו דער אכסניה אין סלאַבאָדקע פונוואַנעט די בעלי־עגלות פאָרן אָפּ נאָך קיידאַן, זיך באַדונגען מיט איינעם די שכר־הנסיעה, און גלייך נאָך מעריב אַרויסגעפאָרן.

ווידער אין א בויד, אן איבערלאָדענע מיט סחורה, אן אָנגעשטאָפּטע אויף דעם מיט פּאַסאַזשירן, צוזאַמענגעקוועטשטע ווי הערינג אין א טון. קומט באַרג אַרויף, שרייט דער פורמאַן: זכרים (מאַנסלייט) אַראָפּ פון וואָגן! גייט מען אַראָפּ, קוים וואָס מען פּלאָנטערט אַרויס די פיס, וואָס זיינען אָפּגענומען פון לאַנגגן זיצן, ווילן ניט גיין, ביז מען גייט זיך איין, צעטרייסלט מען דעם גליווער פון די ביינער און מען גייט מער וויפל מען פּאָרט. די נאַכט איז קיל, אויס־געשטערנט שיינט אַראָפּ דער הימל, מען פילט ממש ווי די תבואות אויף די פעלדער וואַקסן, גייען אויף אין שוואַנגערשאַפט. וואָס מיר צרות און ווען מיר אַ בילעט, די וועלט איז אַן אידיליע און לעבן איז סיי ווי כדאי. נאָר אָט שטעלט מען זיך אָפּ אין א קרעטשמע, די פּאַסאַזשירן זעצן זיך אַרום א לאַנגגן טיש, לענען אונטער די פאַרשמאַכטע הערצער, יעדער וויפל כוח און געלט ער האָט. אויך מיר ווילט זיך א הייסע גלאָז טיי, אָבער אַז ס׳איז ניטאָ פאַר וואָס.. און וואַסער איז דען שלעכט? קלאָר, פריש, מחיהדיק וואַסער, וואָס שטייט אין א פעסל ביים טיר, פאַר פערד און מענטש. טרינק איך זיך אָן מיט אומזיסטן וואַסער און בין שוין ווידער גרייט אין וועג אַריין.

— וואַרפט זיך אַרויס מיטן קליינגעלט — איז געקומען א בייזער קול פון פורמאַן, וועלכער איז שוין געשטאַנען אַן אונטערגעגאַרטלטער ווידער ביים בויד, אַרומגערינגלט פון זיינע מיטפאָרער. דער איינפיר פון דאָזיקן פורמאַן איז געווען צו נעמען די רייזע־געלט ביי אָט דער קרעטשמע, נאָכן טרונק בראַנפן, אין מיטן וועג, און אַז ס׳איז געקומען צו מיר, כ׳האָב אָפּגעצאָלט אין זיין פלאַטשיקער לאַפּע אַריין די עטלעכע קאָפּיקעס, ווי אָפּגעמאַכט, האָט ער די האַנט ניט אַראָפּלאָזנדיק א ברום געטאָן: „דאָס איז פאַר דיין גוף, און ווו איז פאַר דיין קעסטל?״

— וואָס מיינט — האָב איך געשטאַמלט — פאַר מיין קעסטל? — יע־דער פּאַסאַזשיר האָט דאָך רעכט מיטנעמען זיין האַנט־באַגאַזש! נאָר איידער איך האָב נאָך צייט געהאַט זיך אַרומקוקן איז מיין קעסטל שוין געשטאַנען אויפן מיטן וועג און דער פורמאַן, — א שמיץ די פערד און געפאָרן. איך האָב אָנגעפאַנגען נאָכלויפן, אַריינטענהנען, שרייען. פּאַסאַזשירן האָבן זיך אַריינגעמישט, געמוסרט אים, נאָר ער ביי דאָס זייניקע: „דער גוף קען אַריין אין וואָגן, דער קעסטל בלייבט דאָ, אָדער ער באַצאָלט פאַר אים״. ניט געווען קיין עצה, געמוזט באַצאָלן. נאָר איצט קוקט שוין ווידער די נאַכט ניט אַראָפּ צו מיר אַזוי פריידפול: אין קעשענע זיינען געבליבן געציילטע פּרוטות, ווער ווייס צי כ׳וועל ניט מוזן בלייבן אין אַ פרעמדער שטאָט, אליין, אָן געלט און ניט קענען אפילו פאַרזעצן די רייזע מיטן באַן פון קיידאַן. איך ליג א צוזאַ־מענגעדריקטער אין פור, אין שרעק און פאַרצווייפלונג. צייל מיט די פינגער

אין קעשענע די פּרוטות, צײל, צײל איבער און דער חשבון פֿאַרפּלאָנטערט זיך. נאָר אָט איז װידער אַ באַרג, קריכט מען װידער ארויס פון בויד. צײל איך אי־בער גראָשן פאַר גראָשן, לײג יעדער באַזונדער איבער אין דער צװײטער קע־שענע. 15 אומזיסטע קאָפּיקעס ארויסגעריסן פון מיר פאַרן קעסטל, איין גאָט װײס װי איך װעל קענען פאַרזעצן מײן נסיעה. נאָר לױט מײן חשבון איצט קומט אױס אַז ס׳װעט דאָך קלעקן. איך קאַלקולירר אריין מיין בטחון צו די פאַר גראָשן אין קעשענע און מיט בטחון שטימט עס, — האָפנטלעך װעל איך קענען דער־גרייכן שאַװל.

אָנגעקומען אין קײדאַן, אַ פיר שעה פאַרן באַן־אָפּגאַנג, האָב איך איבער־געלאָזן מיין קעסטל ביי א פורמאַן, װאָס פירט פּאַסאַזשירן צום באַן, א דריי קילאָמעטער פון שטאָט, און זיך אװעקגעלאָזן אויפזוכן דעם בית־מדרש, װי דער שטייגער פון א ישיבה־בחור. דעם װאָלף ציט אין װאַלד, דעם ישיבה־בחור צום בית־מדרש־באַנק. אין בית־המדרש איז געװען ליידיק פון מענטשן, דאָ און דאָרט נאָר, פאַראיינצלטע אין װינקעלעך, זיינען געזעסן עטלעכע פּרו־שים, געלערנט אָן קול. מיד פון װעג, האָב איך זיך אויסגעצויגן אויף א באַנק און איינגעשלאָפן. איך כאַפּ זיך אויף, ביטער, דער זייגער װייזט שוין א שעה נאָכן באַן אָפּגאַנג. לויף ארויס אין גאַס, טרעף דעם ערשטן יידן מיט א פראַגע: װיפל איז דער זייגער? — דער זייגער, — זאָגט זיך דער ייד פּאַװאָלינקע אי־בער מיין פראַגע — װאָס גייט דיר אזוי בחורל אין װיסן דעם זייגער? — קומט א יידישער ענטפער. איך לויף צום פורמאַן, זע מיין קעסטל, דערװיס זיך אז ס׳איז נאָך צייט צום באַן, דער בית־מדרש זייגער איז פּשוט געשטאַנען. צו מיין פאַרװוּנדערונג הער איך אָבער א נייע געשיכטע: אזוי װי מיין קעסטל איז געשטאַנען אויפן פור, האָט ער — טענהט מיין פורמאַן — ניט געקענט אװעק־פאָרן מיט אַן אנדער פּאַסאַזשיר, ערגעץ אין א דערבייאיקן אָרט, טאָ װעל איך אים מוזן באַצאָלן פארן שאָדן... אָנגעקומען צום װאָקזאַל, געקויפט א בילעט און ארויף מיט מיין קעסטל אויף דער פּלאַטפאָרמע, ערשט מיין פור־מאַן הינטער מיר: „איר װעט זיין אזוי גוט באַצאָלן דאָפּלט, פאַר מיין שאָדן צוליב אייער קעסטל, װאָס איך האָב געדאַרפט היטן“. איך טענה אנטקעגן, דערקלער, אז ס׳האָט מיט נסים מיר געקלעקט אויפן בילעט, ערשט ער רייסט דעם קעסטל פון מיר. יענער פורמאַן האָט דעם קעסטל אראָפּגעװאָרפן אין מיטן װעג צוליב 15 קאָפּיקעס, װאָס האָט אים ניט געקומט, דער רייסט פון מיר דעם קעסטל, װיל עס אװעקנעמען צוליב 15 קאָפּיקעס, װאָס קומט אים געװיס ניט... װערט א גערייסעריי אויף דער באַן־סטאַנציע, קומט אָן דער זשאַנדאַר (באַן־פּאָליציסט), הערט אויס װאָס כ׳דערצייל אים און פסקנט צום פורמאַן: „סטופּיי, נעם װאָס דיר קומט און פּאַשאָל װאָן“. אזא קלאָרן פּסק־דין קען זיך שוין דער פורמאַן ניט אנטקעגנשטעלן...

דעם דאָזיקן זומער אין שאַוול האָב איך שוין ווייניק געלערנט און נאָך ווייניקער געגעסן. אָנגעקומען שפּעט אין זמן, זיינען די מערסטע „טעג״, ווו איך האָב געגעסן מיט א האלב יאָר צוריק, שוין געווען פאַרנומען דורך אנדערע ישיבה־בחורים. מיינע פריינד, וועלכע האָבן שוין געמיינט, אז זיי האָבן זיך באַפרייט פון מיר — כאָטש איך בין זיי קיין לאַסט אויך פריער ניט געווען — האָבן איצט שוין גאָר קיין אַכט ניט געלייגט אויף מיר. נאָכן האָבן געזען די סלאָבאָדקער ישיבה, דעם אופן פון לעבעדיקן לערנען דאָרט, האָט איצט דאָס לערנען פאַר זיך דאָ פאַרלאָרן יעדע אַנציאונג. געקומען אין מיטן פון זמן, זיך אדורכגעמאַטערט די פּאָר חדשים און אוועקגעפאָרן פרי, באַלד ווי נאָר מיגלעך, צוריק אהיים. מיין פריער צוריקקומען האָט ניט ארויסגערופן קיין פאַרווונדערונג אין שטוב, פונקט ווי ס'האָט זיי ווייניק אינטערעסירט די אלע טלטולים וועלכע איך בין אדורכגעשטאַנען דעם זמן, — געווען דאָך שוין אין סלאָבאָדקע, געקומען צוריק. מיין פאָטער איז געווען צופיל פאַרנומען אין דאגות חיונה, אין שטוב זיינען געווען קלענערע קינדער פון מיר, האָט מען מיר שוין געהאַלטן פאַר א גרויסן, א בחורל וואָס קען שוין טאַקע לערנען, ווייס ער מן־הסתם וואָס ער טוט. „ניט געזאָרגט, יידישע קינדער, וואָס האלטן זיך ביי דער הייליקער תורה, גייען ניט פאַרלאָרן...״ און מען האָט ניט געזאָרגט וועגן מיר, געוויס וועל איך זיך שוין מיין שטעטל ווי ניט איז באשטיין, דערגייין צו א תכלית, ווערן א למדן בישראל, חתונה האָבן מיט א סך געלט, ווי דער שטייגער איז און טאַטע־מאַמע וועלן נאָך האָבן נחת פון זייער זון...

אין אָט אזא אטמאָספערע איז געווען שווער צו בלייבן אהיים, ניט ווידער אוועקוואַנדלען ערגעץ פון טאַטע־מאַמעס אויגן, אזוי גיך ווי דער יום־טוב איז אַריבער און אלע מיינע חברים האָבן זיך אָנגעפאַנגען פונאַנדערפאָרן אין ישי־בות צוריק. שווער געווען צו רויבן דעם גלויבן פון טאַטע־מאַמע. ווו פאָרט מען אָבער, אז אין די גרויסע ישיבות, ווי טעלז, סלאָבאָדקע האָב איך דאָך שוין געהאַט דערפאַרונג, אז אָן אונטערשטיצונג פון שטוב וועל איך זיך דאָרט ניט קענען איינאָרדענען, און אויף אזא אונטערשטיצונג האָב איך ניט געקענט האָפן; פאָרן צוריק קיין שאַוול האָב איך ניט געוואָלט שוין, ניט דאָס לערנען דאָרט און אוודאי שוין ניט די אומפריינדלעכע אטמאָספערע פון מיינע פריינט האָבן מיר געצויגן אַהין; דער דרך פון קעלמער מוסר איז מיר ניט געווען צום הארצן. ווי אומעטיק, פאַרטראַכט און שטענדיק פאַרטאָן אין זיך איך בין ניט געווען, האָב איך אָבער דאָך ניט געוואָלט מאַכן דערפון א שיטה, א לעבנס־פילאָסאָפיע, ווי די מוסרניקעס האָבן עס געטאָן. נאָך לאַנגע איבערלייגענישן מיט זיך אליין, בין איך געקומען אויפן פּלאַן צו פאָרן קיין קורשאַן, א קליין שטעטל, ארום א שעה פאָרן מיטן באַן פון שאַוול.

אין קורשאַן האָב איך געהאַט צוויי פעטערס, מומעס, שוועסטער פון מיין

מוטער און זייערע גרויסע משפחות. די דאָזיקע מומעס און פעטערס האָב איך געקענט, פון דער צייט ווען איך האָב געלערנט אין שאַוול, ווו זיי פלעגן אָפט קומען האַנדלען, קויפן און פארקויפן סחורה. איין פעטער, פון א יאָר פופציק, איז געווען א למדן, א קלוגער, א הדרת־פּנימדיקער. געווען א מקורב מיטן רב, זיין דער פאַרזאָגער פון בלאַט גמרא און זייער אָנגענומען אין שטאָט. חיונה האָט ער געצויגן, ווי מיין פאָטער, פון א בעקעריי. ער האָט אָבער אליין ניט געבאַקן, כמעט ווי זיך ניט געמישט אין דער בעקעריי, נאָר איינגעקויפט דאָס מעל, האָלץ, געטאָן די אויסערלעכע ארבעט. מיטן באַקן און פארקויפן האָט זיך פארנומען די מומע, זייערע זעקס טעכטער און א זון. ער איז ניט געווען קיין נגיד, אָבער א איש אמיד, געמאַכט א פיינעם לעבן. צוויי פון די טעכטער, פאר וועלכע דער פאָטער האָט שוין שטאַרק געזאָרגט מיט שידוכים, האָבן געהאַט זייערע אייגענע קלייטלעך, ווי דאָס רוב דערוואקסענע מיידלעך אין דעם שטעטל. דער צווייטער פעטער, אין די פערציקער יאָרן, איז געווען א פשוטער, א פריילעך לוסטיקער און זיך שוין געשניטן אויף א נגיד. גע־האַנדלט מיט תבואה, פלאַקס און וואַלד. באַשעפטיקט מענטשן ארום זיך. ער האָט געהאַט צוויי זין און דריי טעכטער. דער עלטסטער זון, א יאָר צוואַנציק, האָט ביז מיין אָנקומען אין קורשאַן געהאַט געלערנט אין דער טעלזער ישיבה, איצט איז ער געבליבן אהיים, צוגעהאָלפן שוין דעם פאָטער. די עלטערע טאָכטער האָט געהאַלטן א קלייטל אין גאַס, פארדינט שוין אליין. די אנדערע קינדער זיינען נאָך געווען קליינע.

בכלל איז קורשאַן געווען אַן פאַרגלייך א רייכערע שטעטל ווי מיין גע־באָרן־אָרט און ווי א סך אנדערע שטעטלעך אין ליטע. דאָס שטעטל, וואָס ליגט ביים טייך ווענטאַ, האָט געהאַט ארום זיך גרויסע וועלדער. האָבן יידן דאָ אַרענדירט וואַלד, געשניטן, צוגעשטעלט געהילץ אין ווייטערע ערטער, ווי אויך שוועלן פאר די באַן־רעלסן צו דער רעגירונג. א סך הונדערטער פויערים זיינען דאָ געווען באַשעפטיקט ביים שניידן, ארויספירן און אנדערע וואַלד־ארבעט; געווען אָנגעשטעלט ביי די יידישע וואַלד־אַרענדאַרן. יעדע ענדע וואָך, ביים קריגן אויסגעצאָלט פאר דער אַרבעט, פלעגן די פויערים אריינ־קומען אין שטעטל, איינקויפן אלע נויטיקע זאַכן פאר זייער וואָכנטלעכן גע־ברויך, אין די יידישע קרעמלעך, וועלכע עס האָבן מיינסטן געהאַלטן דערוואַק־סענע מיידלעך, ווי א מעלה צו א שידוך, האָבן געלייזט געלט, גוט פאַרדינט. א מעלה צו שידוכים איז עס אויך טאַקע געווען. מיידלעך האָבן דאָ גענומען מענער ישיבה־בחורים, ווייל לערנער און די שטעטל איז געווען פול מיט לומ־דים, אלע גוטע בעלי־פרנסה, תורה ורייכקייט במקום אחד.

אין א פאַרנאַכט האָט א בעל־עגלה מיך אראָפּגעלאָזן ביי דער הויז פון מיין רייכערן פעטער. די מומע איז מיר אַנטקעגן געגאַנגען מיט גאַסט־

פריינדשאַפט, זיך נאָכגעפרעגט אויף דער משפּחה און ווי אַזוי איך בין דאָ פלוצלונג אַראָפּגעפאַלן. איך האָב פאַרשוויגן דעם אמת, געזאָגט אַז איך בין נאָר אין וועג קיין טעלז, זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ פּאָר טעג. איך האָב גע־וואַרט אַז די איינלאַדונג פאַר מיין בלייבן דאָ זאָל קומען פון זיי, ניט איך זאָל זיך אָנוואַרפן. מיין סטראַטעגיע האָט דאָס מאָל געטראָפן אין פּינטל אַריין. גלייך באַלד זיינען זיך די קוזינעס, דער צווייטער פעטער זיך צונויפגעקומען און מיר געגעבן אַ פריינדלעכן קבלת פּנים. און ווי עס ווייזט אויס האָב איך אויס־געוווּנען ביים פעטער מיט מיין קענטשאַפט, און ביי די קוזינעס מיט מיין אויפ־פירונג. אויף שבת איז אָנגעקומען אַהיים פון וואַלד דער רייכער פעטער מיטן זון. אונטער דער השפּעה פון די טעכטער זיינען די פעטערס געקומען צו מיר מיטן פאָרשלאָג איך זאָל ניט פאָרן קיין טעלז, בלייבן דאָ לערנען אין בית־המדרש. איך האָב זיך אַ ווײַלע געלאָזט בעטן און אָנגענומען דעם פאָרשלאָג...

אין בית המדרש האָב איך שוין געפונען צוויי בחורים, וועלכע האָבן אויך געלערנט גאַנצע טעג. איינער איז געווען אַ הויכער, זייער אַ שיינער. פון וואַנעט ער קומט האָט ער קיינעם ניט פאַרטרויט. ווייזט אויס אַז ער איז געווען אַ „נעלם", אַ ניט־פאַרשריבענער אין די רעגירונג־ביכער און ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן פון שטיין צום פּריזיוו, אָדער פאַר אים האָט זיך נעהאָט גע־שטעלט אַ „מלאך", אַ צווייטער, וואָס האָט דערפאַר גענומען געלט, און ביז די שטעטל זיינע וועט פאַרגעסן, אַז ער האָט געדאַרפט זיך שטעלן, האָט ער עס דאָ געפונען אַ באַהעלטעניש. אַזעלכע האָט מען געקענט טרעפן אין כמעט אַלע שטעטלעך. אַ טייל פון זיי זיינען געווען גוטע לערנער, נאָר אויסבאַהאַלטן אַפילו דאָס, געווען נחבא אל הכלים, ניט געוועלט מען זאָלריידן וועגן זיי; געקומען אין אַן אָרט, געזעסן אין בית המדרש און געלערנט, ביז מען האָט זיי אַ ביסל דערקענט, — זיינען זיי ווייטער געפאָרן. דער צווייטער שטענדי־קער לערנער אין בית־המדרש איז געווען דער זון פון רב, ר' שמואל משה שאַפּיראָ (שפּעטער רב אין באָבּרויסק), פון גרעסטן יחוס אין ליטע, אַ מזג־טוב, באַליבט און געערט פון אַלעמען אין שטעטל. זיין דריטער זון איז געווען אַ קרענקלעכער, דערפאַר האָט ער אים געהאַלטן ביי זיך, געלאָזט לערנען אין בית־המדרש, ניט געשיקט אין קיין ישיבה. מיר זיינען באַלד געוואָרן גרויסע פריינד, געלערנט און פאַרבראַכט צוזאַמען, געוואָרן איינגייער אין זייער הויז און, במילא, איז אויך שוין געוואַקסן מיין פּרעסטיזש אין די אויגן פון די פעטערס און מומעס, נאָר באַזונדערס פון די קוזינעס. עפּעס אַ קלייניקייט! אַ בחור פאַרברענגט יומם ולילה אין הויז פון רב, לערנט דאָרט, בחברותא מיטן רב'ס זון און איז, שוין דורך דעם אַליין, געליבט אין אַלעמענס מיילער. שוין אָפּגערעדט אַז מיין פעטער דער ניט־למדן האָט שטאָלצירט מיט מיר, נאָר אַפילו דער למדן, דער בלאַט־זאָגער, וואָס איז אַליין געווען אַן אַריינגייער ביים

רב און געלויבט פון אים, אפילו ער האָט זיך געיחוסט מיט מיר. וועגן עסן טעג איז שוין מער קיין רייד ניט געווען, איך האָב געגעסן ביים רייכן פעטער, נאָר אפילו קוואַרטיר, וואָס דאָס האָט געוואָלט דער פעטער, דער למדן, איך זאָל זיין ביי אים, — איז אויך אויסגעפאַלן אויפן גליקלעכן טייל פון רייכן...

דער דאָזיקער ווינטער איז געווען דער ערשטער פריידפולער אין מיין ישיבותן לעבן, דורך אלע יאָרן פון נע־ונד: זאַט און צופרידן, ארומגערינגלט פון פריינד און פריינדשאפט, פון צערטלעכע פרויען־בליקן, פון די קוזינעס, געאַכט ביי יענעם און דערהויבן ביי זיך אליין, צום ערשטן מאָל אין פיר און א האלב יאָר. עס איז געווען א ווינטער אין וועלכן ס'האָט זיך דערהוילט מיין גוף, מיין לערנען זיך פארטיפט, אויסגעברייטערט מיינע קענטעגישן, אָבער, צו גלייכער צייט, האָט מיין געדאַנק, אויסגערוט און דערהוילט, אָנגעפאנגען זען זאכן קלאָרער, בולטער. פריי פון „טאָג"־זאָרג, איז אויפגעקומען אין מיר דער אַלגעמיינער חשבון פון מיין לעבן: ווּהין ציל איך, צו וואָס גיי איך און ווּ וויל איך דערגיין, וואָס איז דער זין פון מיין זיין, דער תכלית פון מיינע אלע שוין גוטע טעג און פון די הונגעריקע „טעג"; וויל איך באמת ווערן א גרויסער למדן? און וואָס וועט שוין זיין אז איך וועל עס ווערן? אָט רוקט זיך אונ־טער די צייט פון מיליטער־דינסט. כדי זיך באפרייען דארף מען מאַכן א מום אין אייגענעם גוף, זיך מאַכן קורצזיכטיק, אָדער גאָר אָפּשלאָגן א פינגער פון האַנט, אז קיין געלט זיך אויסצוקויפן פון מיליטער איז ניטאָ און אוועקגיין דינען איז אוודאי ניטאָ קיין ווילן. און אז מען שטייט שוין אַדורך דעם פריזיוו איז וואָס? חתונה האָבן. קריגן צוגעזאָגט עטלעכע הונדערט רובל נדן מיט עטלעכע יאָר קעסט ביי אַ באַנקראָטירטן קרעמערל. לבסוף ווערן א דרדקי מלמד און די ווייב א קרעמערקע. אין בעסטן פאַל ווערן א שוחט, א רב שוין, — אייביק אָפּהענגיק פון פרעמדן חסד, פון קהל. צום ערשטן מאָל זיינען אויפגעקומען אין מיין מוח פראַגן, אויף וועלכע איך האָב ביז דאַן זיך ניט פארטראַכט און וועלכע האָבן שוין ניט געפירט צו דער גמרא אויף א לאַנגער צייט. איינס איז שוין געווען זיכער: גענוג וואָגלעניש, גענוג הונגער און אפילו זאַטקייט ביי פרעמדע טישן. איך פאָר מער אין ערגעץ ניט, כ'בלייב אהיים.

דער דאָזיקער ווינטער איז געווען דער לעצטער אלס ישיבה־בחור, דער ערשטער גוטער אין מיין לעבן און ווייט ניט דער לעצטער אין מיין נע־ונד־לעבן.

# אין גײעג נאָך רײזע־געלט

אין קרײז פון אויטאָדידאַקטן. — אין דיסקוסיעס װעגן ציוניזם. — די װעלט איז ברײט און גרויס, װו נעמט מען אָבער אויף א בילעט צו איר. — אמעריקע איז ביליגער װי קײן אפריקע, קײן לאָנדאָן נאָך ביליגער. — װידער נאָך הילף בײ מײנע קרובים. — א חתונה אין שטעטל. — מתנגדישע „גוטע יידן". — חסידות האָט ניט אָנגעשלאָגן אין ליטע. — א מענטשלעך האַרץ איז שלעכט אַלעמאָל.

דעם זומער זײנען געבליבן אין שטעטל נאָך עטלעכע צו מיר, װײזט אויס אויך צוליב די זעלבע סבות. האָט זיך אויפגעקליבן א קרײז, פון צװעלף פּערזאָן: פיר יונגעלײט, װעלכע זײנען אין דער צײט געװעזן אײדעמס אויף קעסט, און אַכט בחורים, פון װעלכע איך בין געװען דער ייִנגסטער. דער דאָזי־קער קרײז האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ געמיש פון פאַרשײדענע טיפּן און פאַרשײדענע כשרונות, ידיעות אין לומדות און השכלה. האַלב־אינטעלעקטואַלן, אויטאָדידאַקטן. צװישן די זײנען געװען צװײ בחורים גאָר באַזונדער שוין אויס־געצײכנטע. דער ערשטער, מרדכי אוריה דעם חזנ׳ס, אַן עלטערער בחור, װאָס האָט שוין געקענט גוט רוסיש, דײטש און העברעאיש. זײן ת׳פּס זײן איז געװען א שװערע, דערפאַר האָט ער געהאַט א כּוח פון א ניט־מיד װערנדיק מתמיד. ער האָט געקענט לערנען און לערנען אָן אויפהער. אויסלערנען די רוסישע גראַמאַטיק אויף אויסװײניק און געדענקען יעדן כּלל איז געװען פאַר אים פאַר־בונדן נאָר מיט שװערער אַרבעט, װאָס ער האָט גענומען און אַדורכגעפירט. און אז אויסגעלערנט — איז עס שוין געבליבן אויף שטענדיק.

דער צװײטער אין דעם קרײז, װאָס איז געװען א מוסטער מיט זײן װיסן, איז געװען אלתר. אויך ער איז געקומען, װי געװײנלעך, פון ישיבה אַרויס. אָבער איצט האָט ער זיך געהאַט איבערגעגעבן אינגאַנצן צו השכלה. זײן פאָ־טער איז געװען א רויכװאַרג סוחר, פאַרבראַכט א גאַנץ יאָר אין רוסלאַנד און פלעגט קומען נאָר אויף ימים טובים אין שטעטל, צו דער משפּחה. שפּעטער

האָט ער פארקויפט זיין הויז, זיך אריבערגעצויגן מיט דער פאַמיליע אין קורסק. דאָרט האָט אלתר געלערנט רוסיש שוין מיט א סיסטעם, וואָס ער האָט ניט געהאַט די מיגלעכקייט צו טאָן אין שטעטל. געצויגן האָט אים אָבער צו דער דייטשער ליטעראַטור, איז ער פון קורסק געפאָרן שטודירן קיין דייטשלאַנד. שוין אין שטעטל אָבער, האָט ער געקענט גוט דייטש, זיך אליין געלערנט, ציטירן שטיקער פון היינע און געטהע אויף אויסנווייניק. אויסער זיין וויסן האָט ער אויך געהאַט א גרויסן כוח־הדיבור און אַ מאַגנעטישע צוציאונג־קראַפט, עפּעס פון דעם וואָס מען רופט אַן אָראַטאָר מיט פערסאָנאַליטעט. ווו ער האָט זיך נאָר געפונען איז באַלד געווען א רעדל אַרום אים, יונג און אַלט ארומגעשטעלט און ממש געשלונגען זיינע ווערטער, געדאַנקען, וואָס זיינען געקומען פיין ארויסגעזאָגטע, פאָרמירט מיט פּסוקים און ציטאַטן פון היינע׳ס לידער און געטהע׳ס פּאָעזיע.

צווישן די יונגעלייט איז דער אויסגעצייכנסטער געווען קלמן מגיד. א למדן מופלג, אַ זעלטענער רעדנער און א נוח לבריות. שפּעטער איז ער געוואָרן דער רב אין שטאָט. געווען אַן איבערגעבענער ציוני, פון די „מזרחי״־פירער אין ליטע.

דער זומער איז אַוועק אין צופרידנקייט. בייטאָג פלעגט מען לערנען אין בית־מדרש, זיך באָדן אין שטעטלשן טייך, שפּאַצירן אין וואַלד און אין די אָוונטן זיך צונויפקומען ביים דיין אין הויז, פירן פלאַמיקע דיסקוסיעס. עס איז געווע גלייך נאָכן צווייטן קאָנגרעס. דער ציוניזם האָט שוין געהאַט דערגרייכט אין די ווייטסטע ווינקעלעך פון דער יידישער צעשפּרייטקייט. די יוגנט איז געווען ענטוזיאַסטיש. די אייביקע משיח־בענקשאַפט האָט דאָ אָנגעפאַנגען קריגן קאָנקרעטע אויסווירקונג־מיגלעכקייטן; די אויסזיכטלאָזיקייט פון דער יוגנט האָט אונטערגעהיצט די פאַנטאַזיע, אז אָט נעם, פּאַק דעם פּעקל און לאָז זיך אין וועג צו גאולה. מתוך געווען האָט מען זיך נאָר איבער עטלעכע רעזאָלוציעס, וואָס דער קאָנגרעס האָט אָנגענומען. יעדער האָט עס געשטיצט לויט זיין אייגענעם ווילן און שכל. די דיסקוסיעס פלעגן דערגיין צו אזעלכע היציקע גוואַלדן, אז קוים אַ טעפּל קאָכיקע טיי, וואָס די דיין׳טע פלעגט אונטערטראָגן, פלעגט עס קאָנען איינשטילן.

דער דאָזיקער זומער איז געווען פאר מיר א פריידיקער, פון לייענען, לערנען און געזעלשאפטלעכער אנטוויקלונג. ערשט מיטן אָנקום פון די ימים־נוראים, ווען די הימלען איבערן שטעטל ווערן פארצויגן מיט וואָלקנס, די בלאָטע אונטער די פיס גרויס, דער אומעט צעשפּילט זיך אין יעדער הארץ, איז אויך מיין האַרץ פול געוואָרן צוריק מיט די פראַגן, וועלכע זיינען שוין א האלב יאָר געזעסן אין מיר. כאָטש ניט געפּייניקט, כאָטש פון דער פריילעכער געזעלשאַפט פארשלאָגן, זיינען זיי אָבער טיף אין מיין אונטערבאַוווסטזיין געבליבן

שטעקן. אונדזער פריילעכע געזעלשאפט איז זיך אויך צעפאַלן, די בחורים זיינען טיילווייז אַוועק צוריק אין ישיבות, אנדערע צו קליינע שטעטלעך, ווו ס׳האָט נאָך געגאָלטן לעגאַטעס (אַן איינציקער זון, וואָס קען זיך באַפרייען פון דינסט), כדי פאַרמיידן דעם פריזיוו. די יונגעלייט האָבן אָנגעפאנגען אריינגיין אין יאָך פון פאַמיליע־לעבן, ארויסהעלפן זייערע פרויען אין די קרעמלעך, אָדער בייהילפיק זיין זייערע שווערס. ערשט איצט האָב איך דערפילט די גאַנצע געדריקטקייט אין דער אייגענער היים, דערזען ווי טאַטע־מאַמע גייען ארום פאַרזאָרגטע, פאַר׳יאוש׳טע וואָס קענען ניט חתונה מאַכן מיין איינציקע שוועס־טער, פאר וועלכער עס איז שוין געקומען די צייט פון חתונה און ניטאָ קיין גראָשן נדן. די אטמאָספער אין שטוב, די געדריקטקייט, האָט געיאָגט אין גאס ארויס, אין בית־מדרש, אפשר זיך פאַרטיפן אין לערנען. אָבער פלוצלונג איז אויך די וועלט, ווו איך האָב זיך אלעמאָל געקענט ראַטעווען, ווו איך האָב אלע־מאָל געפונען טרייסט און פאַרגעסונג, אויך די וועלט איז שוין איצט געלעגן א צעבראָכענע, א טרייסטלאָזע: איך האָב געזען נאָר ווערטער, דעם אינהאַלט און תוך פון דאָס געלערנטע איז מער ניט דערגאנגען צום מוח און, במילא, ניט בארויקט. שאָקל איך זיך ביים שטענדער מיט פארמאכטע אויגן, אַן ניגון, חלום — וועגן ווייטע לענדער, וועגן אוועק פון טרויער, פון דערדריקטקייט. ערגעץ ווו האָב איך דאָך געלייענט און געהערט איז פאראן א גרויסע וועלט, אַ ברייטע, אַ נייע מיט ריזיקע מיגלעכקייטן. דער חלום שאַפט פליגל, טראָגט מיך ערגעץ צו ווייטע, אומבאקאנטע חלום־לענדער, צו ראַטעווען פון נויט זיך און משפחה, צו זיין פאר זיי דער פאַרוויסגייער צו א גליקלעכערן לעבן.

דער געדאַנק פון עמיגרירן האָט מיר אינגאַנצן איינגענומען. פארגעסן אז כ׳בין נאָך א יינגל פון קנאַפּע אכצן יאָר, א שוואַכער, אָן א מלאכה און וויל זיך לאָזן אין א פרעמדער וועלט, ניט האָבנדיק דאָרט קיין פריינט, קיין באַ־קאנטע. עס איז געווען אָבער נאָר דער איינציקער אויסוועג, האָב איך באַ־שלאָסן עס אדורכצופירן. די איינציקע פראַגע איז נאָר איצט געווען: ווו נעמט מען אויף הוצאות?

אין א שטיבל, א פארזונקענע ביז די פענצטער אין דער ערד, א ירושה פון דער באָבען, האָט געלעבט מיין פאָטערס עלטערער ברודער. די חורבה־הייזל איז געווען א צעוואלגערטע, א גרויסע, וואָס נאָר איין טייל איז, צייט איך געדענק, באוווינט געווען פון מיין פעטער און זיין משפחה, פון א שכן, אַן איינבינדער, אַן אלמן מיט אַן אלטער שוועסטער און, להבדיל, א ציג, וואָס האָט דאָ געהאַט ממש דעם גערוימסטן אָרט, א האלבע חורבה. מיין פעטער אליין, בנימין, מיט אויסגעקרומטע פיס, איז געווען א יודע ספר און פאַר־בראַכט זיין גאַנץ לעבן אין מעמל (פרייסן), ווו ער איז געווען א מלמד, א בעל־תפילה און אפשר גאָר דער שמש פון דער דאָרטיקער שוהל. אהיים פלעגט

ער נאָר קומען איין מאָל אין יאָר, אויף פסח. האָט די מומע, זיין פרוי, גע־הארעוועט די גאַנצע יאָרן אויף חיונה, וואַשן וועש, זיין אַ קנעטערקע ביי בע־קערס, אָדער פליקן פעדערן פאר גבירישע היימען, ביי א קליין נאַפט־לעמפל, דורך ווינטערדיקע נעכט. זיי האָבן געהאַט א טאָכטער אין מיין שוועסטערס עלטער און אויך געהאַט די זעלבע זאָרג, ווי איר חתונה צו מאַכן. דערפאַר זיי־נען זייערע צוויי זין געווען שוין כמעט ווי מענטשן פאר זיך. ווייל דער פאָ־טער איז אהיים ניט געווען, האָבן זיי פרי אויפגעהערט לערנען, ניט געשלעפט זיך אין ישיבות. דער עלטערער איז געוואָרן א מאַרק־מענטש, א הענדלער, דער יינגערער איז באַלד אוועק לערנען א פאַך. איך פלעג ליב האָבן אריינ־קומען ווינטער אין דער דאָזיקער חרובער הויז, זיצן אין די פאַרנאַכטן אין דער אָרעמער היים און נאָכקוקן די שאָטנס אויף די אויסגעקרומטע ווענט. אין דער דאָזיקער חורבה פלעגט די נאַכט אריינפאַלן פריער, ווייל אויך בייטאָג איז געווען האַלב־פינצטער, פלעג איך זיצן איינגעוויקלט אין טונקלקייט, אָנגעשפּאַרט אָן גרויסן אויוון, — א ירושה פון דער באָבעס אמאָליקער בע־קעריי — און חלומען מיינע חלומות. איצט בין איך אריינגעקומען אַהער, שוין געטריבן פון גאָר אַן אנדער מין חלום — דער חלום פון מיין רייזע. דעם פעטערס עלטערער זון, דער מאַרק־מענטש, האָט שוין געהאַט פאר דער צייט פון זיין האנדלען גענוג אָפּגעשפּאָרט, אז איצט, ווען עס איז אָנגעקומען די צייט פון זיין שטעלן זיך צו מיליטער, האָט ער באשלאָסן אוועקצופאָרן קיין אפריקע און געהאַט גענוג געלט אויף דעם. בין איך עס געקומען צו אים פרעגן וואָס אזא רייזע דאַרף קאָסטן. איך האָב עס געפרעגט ארומיק, פארשטעלט, ניט ווענלדיק ארויסרופן ביי מיין קוזין א חשד, אז אויך איך, דער ישיבה־בחור, קלייב זיך צו „אנטלויפן" פון לערנען און פון דער היים. די סומע וועלכע ער האָט מיר געזאָגט, אז די רייזע דאַרף קאָסטן — 150 רובל — איז פאר מיר ממש געווען אַן אסטראָנאָמישע. דערהערט ער מיין פאַרוווּנדערונג, וואָס די רייזע דאַרף עס קאָסטן אזוי טייער, דערלייגט ער נאָך: „און דאָס נאָר די שיפס־קאַרטע, ווו איז נאָך אויסקליידן זיך, מען קען דאָך ניט אריינפאָרן ווי א שלעפּער אין א ניי לאַנד, היינט באַצאָלן פאַרן אריבערפירן די גרענעץ און א בילעט פון קייפּטאָן קיין יאָהאַנעסבורג! אָן צוויי הונדערט רובל איז גאָר ניטאָ וואָס אָנצופאַנגען טראַכטן וועגן אזא רייזע". די חלומות מיינע האָבן אָנגעפאַנגען אויסוועבן, אָבער אויף זייער אָרט זיינען שוין געשטאַנען איצט אין מיין מוח רעאַלע ציפערן און א נאָך מער פארשטאַרקטער באַוווסטזיין, אז איך מוז פון דאַנען אוועק.

ריידן מיטן טאַטן וועגן דעם האָט ניט געהאַט קיין זין. ער וואָלט זיכער געווען קעגן דער גאַנצער זאַך און אויב אפילו שוין אונטער מיין דרוק נאָכגעגעבן, וואָלט ער סיי ווי מיר ניט געקענט העלפן, אזא סומע, אָדער אפילו

וועלכע ניט איז, האָט ניט געקענט קומען אין באטראַכט פון זיינע מיגלעכ־קייטן. איך האָב באשלאָסן פאָרן קיין אמעריקע, ווו די רייזע־הוצאות זיינען קלענער ביז א העלפט ווי קיין אפריקע. דער פאָטער, האָב איך געוווסט, איז שוין שטאַרק אין חובות און וועט אפילו אזא סומע ניט קענען אויפברענגען, איז געבליבן ביי מיר — די משפחה! צוועלף פעטערס, דאָס רוב ניט קיין אָרעמע מענטשן, זיי זאָלן נאָר וועלן קאָנען זיי מיט לייכטיקייט צוזאמענלייגן די סומע. די פראַגע איז נאָר: ווי קומט מען צו זיי, כדי האָבן א שמועס, דער־ציילן זיי מיין פלאַן און ווילן? שרייבן צו זיי, בין איך זיכער געווען, האָט ניט קיין ממשות. אין מיין משפחה האָט מע ניט געהאַלטן פון אזעלכע זאַכן ווי ענטפערן אויף א בריוו, ווער שמועסט נאָך אויף אזעלכע בריוו. פאָרן אָבער צו זיי, כדי בעטן זיי אויף הוצאות, דערצו האָט מען דאָך אויך געדאַרפט האָבן הוצאות... ביז צופעליק גאָר איז געקומען די געלעגנהייט פון זיך אליין. אין איין טאָג קומט אָן אן איינלאַדונג צו א חתונה, פון רייכן פעטער אין קאָרשאָן, זיין טאָכטער האָט חתונה מיטן בן הרב. אזא געלעגנהייט איז ווי מן השמים פאר מיין פלאַן, דאָ וועל איך האָבן אלע פעטערס אין איין מאָל, אויף איין אָרט. מיינע עלטערן און שוועסטער זיינען ניט געפאָרן, נאָר איך בין שוין מיט א וואָך פריער אָנגעקומען ווי א הויפט־מחותן...

אין פעטערס שטוב האָט זיך געטומלט, גע׳רעש׳ט, עפעס אַ קלייניקייט, מען גיט אויס די ערשטע טאָכטער און אין אזא יחוס אריין! האָט מען זיך געוואָלט באווייזן, אויב זיי קענען זיך ווייזן מיט לומדות און יחוס, טאָ דאַרף כלה׳ס צד זיך באַווייזן מיט גבירות, דאַרף אַלץ געמאַכט ווערן מיטן ברייטן האַנט, די בעסטע פישן און פליישן, קאפעליעס מוזיק, א חתונה פאר גאָט און פאר לייטן. לויפט די מחותנעסטע א פארטראָגענע, א צעשמייעטע, מען פאַר־לאָזט זיך ניט אויף קעכינס, אומעטום וויל מען זיין אליין, אכטונג געבן, אריינ־קוקן. דער פעטער איז סתם אויסער זיך, שטופט זיך אין די פעדערן, וויל ער גלאַנצן מיט גבירות, אז די שטעטל זאָל עס געדענקען. פאַלט געלט פון אלע זייטן, מען קאַרגט ניט, אַבי מיט לייטן גלייך און נאָך מיט א סמיציק. עס דאַרף זיין אי אַלטמאָדיש, פארן חתן־צד, פאר די רבנים, וואָס וועלן זיך אָנפאָרן פון דער גאַנצער מדינה, אי מאָדערן, פאר די קינדער, פאר דער יוגנט, ווי עס פאַסט שוין פאַר גבירים. זיינען אויך די קוזינעס פאַרלאָפן, מען נייט זיך קליידער און דווקא אין שאַוול, ניט ביי היימישע שניידער. די קליידער זיינען נאָך ניט אָנגעג־קומען, איז מען אין איין ציטערניש, טאָמער חס ושלום פאַסט עס ניט, וועט מען דארפן צורעכטמאַכן, און דאָ איז שוין די חתונה אויפן נאָז, מען וועט ניט באווייזן פאָרן נאָך אמאָל קיין שאַוול. מיר האָט מען אויפגענומען גאָר פריינד־לעך, באזונדערס די קוזינעס. נאָר צופיל צייט האָט מען דאָך ניט פאר מיר, איך פלאָנטער זיך אונטער די פיס דערווייל, געקומען א קאפעלע צו פרי. דער

איינציקער וואָס האָט געהאַט צייט גענוג פאַר מיר איז געווען דעם חתן׳ס ברודער. געקומען אין זייער הויז, פון פריינדשאפט, האָט ער מיר ארומגעכאַפּט, זיך אָפּגעשלאָסן מיט מיר, ווי אלטע גוטע חברים, פון פאראיאָרן, ווען מיר האָבן געלערנט צוזאמען. מיין עניין, וואָס ס׳האָט מיר אייגנטלעך געבראכט צו דער חתונה, האָב איך ניט געוואָלט אים פארטרויען. א שוואַכער ווי ער איז געווען און איבערגעבן שטאַרק צו מיר, האָט דאָס אים געקאָנט פארשאפן יסורים, האָב איך עס ניט געוואָלט, זיכער ניט אין די טעג פאר דער חתונה, ווער רעדט נאָך אז העלפן קען ער מיר סייווי ניט.

אין רבס הויז איז שוין אויך געווען לעבעדיק, אויפגערוימט, שוין אָנגעפאָרן געסט, רבנים, וואָס האָבן צייט גענוג און קענען זיין פון די ערשטע צו א שמחה.

צווישן די פרי־אָנגעקומענע געסט פון מיין משפחה איז געווען אן אָנקל, מיין מוטערס אַ ברודער, מיט זיינער א שנור און ייִנגערער טאָכטער. זיי זיינען דאָ געקומען סיי אויף דער חתונה, סיי זיך שוין געזעגענען, זייענדיק גרייט אויפן וועג קיין אמעריקע. דער פעטער איז געפאָרן צו זיינע קינדער, די שנור מיט צוויי קינדער צו איר מאַן. מן הצד האָב איך דערוויל אריינגעהאָרכט אז מיין פעטער פירט מיט זיך א גאנץ היפשן קאַפּיטאַל. איך האָב אָבער געוווסט ווי אכזריותדיק ער האָט זיך באַצויגן צו זיינע קינדער, נאָך זיין פרויס טויט און ניט געהאַט די דרייסטקייט צו ריידן מיט אים וועגן הילף פאר מיר, אָדער גאָר וועגן דעם, אז ער זאָל מיר מיטנעמען מיט זיך. האָב איך געטראַכט וועגן א פאַרמיטלער. דער בעסטער האָט געקענט זיין מיין פעטער דער בעקער, וואָס איז געווען א קלוגער, האַרציקער און געאַכט פון אלעמען אין דער פאַמיליע. האָב איך געזוכט א געלעגנהייט צו כאַפּן אים אין א פרייע צייט, זיך אדורכריידן. אין אַן אָוונט האָט ער מיר געבעטן אים באגלייטן צום רב. אויפן וועג האָב איך אויסגעגאָסן פאר אים מיין גאנץ ביטער הארץ, דערציילט דעם מצב פון שטוב און אז מיין איינציקע עצה איז אוועק פון דאַנעט און וואָס גיכער. ער האָט עטלעכע מאָל זיך אָפּגעשטעלט אין גאַנג, געטראַכט, געריבן דעם שטערן, איך האָב געזען אז ער פארטיפט זיך מיט זיין גאנצן שכל אין מיין לאגע. און לסוף צוגעזאָגט ריידן מיט די פעטערס גלייך נאָך דער חתונה.

פרייטאָג־פרי, די כלי־זמרים האָבן א שפיל געטאָן, זיך אוועקגעלאָזן איבערן שטעטל, אָפּשפּילנדיק ביי יעדן געהויבענעם מחותן אין שטוב, אַלץ איז שוין פארטומלט אין פרייד, נאָר מיר איינעם איז זויערלעך אויפן האַרצן: די אָנקלס זיינען נאָך ניטאָ. זאָל עס מעגלעך זיין זיי זאָלן אינגאַנצן ניט קומען? ערשט האַרט פארן גיין צו דער חופה האָבן זיך אראָפּגעלאָזן צוויי פעטערס. צו די צוועלף פעטערס פעלט נאָך אלץ, נאָר בעסער אזוי איידער גאָרניט. זאָלן

זיי כאָטש אָנפאַנגען מיטן צוזאַמענלייגן מיינע הוצאות, וועט שוין די אנדערע זיכער נאָכקומען.

דער חופּה־מאַרש ציט זיך דורכן שטעטל צום בית־מדרש. די כלי־זמרים גייען פאָרויס, חתן־כלה הינטער זיי און די שטעטל באַגלייט. עס איז א געשטופּעריי, מענטשן קאָפּ אויף קאָפּ, יעדער וויל דווקא זען מיט די אייגענע אויגן, ווי דער חתן וועט אָנטאָן דער כלה דעם רינג, צעברעכן די גלאָז, פּונקט אזוי ווי זיי וואָלטן ערשט געזען דאָס צום ערשטן מאָל. באַזונדערס שטופּן זיך כלה־מיידלעך, חתן־בחורים, זיי ווילן זען, לערנען דאַרף מען אַלץ . . . נאָך דער חופּה, חתן־כלה גייען שוין צוזאַמען, באַגלייט פון עולם ביז דער כלה׳ס הויז. דאָ קומען אריין איצט נאָר נאָענטע געסט, די צוזאַמענגעפאָרענע און פון שטעטל. מען דאַוונט אויפן אָרט און מען זעצט זיך אַרום טישן, אָנגעגרייטע פון כל טוב. די אָנגעפאָרענע רבנים זאָגן ת.רה, דער עולם זינגט זמירות, שבע ברכות — ביז מיטן נאַכט אריין.

אויף מאָרגן, גלייך נאָכן דאַוונען, איז זיך צוזאַמענגעקומען א גרויסער עולם, געגעסן, געטרונקען און זיך משמח געווען, אזוי ביז נאָך מיטאָג, ווען עס קומען אָן בעיקר די יוגנט, חברים פון חתן און כלה. מיטן אָנקום פון אָוונט, מוצאי־שבת, האָבן די מענער זיך אָפּגעזונדערט אין א באַזונדער צימער, פאַר־בראַכט אין געזאַנג און טאַנץ, ווען די פרויען, אין א באַזונדער צימער, האָבן געטאָן דאָס זעלבע, אונטער באַגלייטונג פון מוזיק, אזוי ביז שפּעט אין דער נאַכט. אויף מאָרגן בייטאָג איז געווען די סעודת עניים, פאַר שטאָטישע אָרע־מע מענטשן און בעיקר אָנגעפאָרענע אָרעמעלייט. נאָך האַלבן טאָג האָט זיך אָנגעהייבן דער „רומפּל״, א גרויסער מאָלצייט, מיט טענץ, געזאַנג, וואָס האָט זיך געענדיקט מיטן חתנס דרשה און דאָס אויסרופן די דרשה־געשאַנקען, וואָס ביידע צדדים גיבן צו דער יונגער פּאָר.

דורך אָט דער גאַנצער צייט, אויף וויפל מיינע קוזינעס האָבן ניט געזוכט מיר אויפצופּאַסן, צו פריינדלען זיך, בין איך דאָך ארומגעגאַנגען כאבל בין חתנים, פאַרטראָגן אין מיין אייגענער וועלט, פון זאָרג וועגן הוצאות, ניט האָבנדיק קיין געלעגנהייט און דרייסטקייט צו ריידן מיט מיינע פעטערס און זיך פאַרלאָזנדיק אויפן צוזאָג, אז מען וועט שוין ריידן פאַר מיר.

קוים דערוואַרט זיך נאָך דער חתונה בין איך אַוועק צום פעטער דעם בעקער. פון זיין פּנים האָב איך גלייך דערקענט די לאַגע: די צוויי שאַוולער פעטערס זיינען אַוועק צוריק אהיים נאָך שבת־אָוונט, ניט זאָגנדיק קיינעם א זיי־געזונט; דער פעטער וואָס פאָרט קיין אמעריקע האָט זיך ניט געלאָזט ריידן. ער האָט ניט קיין געלט. עס האָט אפילו ניט געהאָלפן — דערקלערט מיר דער פעטער — מיין זוכן צו באַווירקן אים ער זאָל דיר מיטנעמען אלס צוקונפטיקן איידעם. זיין ענטפער איז געווען: די קינדער זיינען נאָך יונג און ווער ווייס

אויב זיי וועלן זיך וועלן דאָרט, אין דער גרויסער וועלט, אז זיי וועלן עלטער ווערן. נאָר דער פעטער טרייסט מיר, ווי געוויינטלעך: „דער הימל איז נאָך ניט אויף דער ערד, דיין פאָרן איז ניט קיין פראַגע פון טעג, וועל איך נאָך זיין אין שאַוול, ריידן מיט די אַנדערע פעטערס. און דער דאָ, וואָס פאָרט קיין אמעריקע, איז דאָך באקאנט ווי א שלעכטער מענטש, גלייכער טאַקע ניט אָנקומען צו אים".

ווידער צערונען אלע האָפענונגען. אויך אמעריקע איז צו טייער פאר א קבצן. אָבער לענדער אויף גאָטס ערד פעלן ניט, וועט מען פאָרן ניט אזוי ווייט, איבער ימים. ענגלאַנד איז אויך א מדינה. אמת טאַקע, קיין אמעריקע ציט, אַהין האָבן זיך שוין אריבערגעקליבן גרויסע יידישע ישובים גאַנצע, מיט דער צייט וועט דאָרט זיכער זיין דער גרעסטער יידישער צענטער, אָבער אַן אָרעמאַן טאָר זיך אַזוינס ניט גלוסטן, קיין לאָנדאָן קאָסט דאָך ניט מער ווי א דרייסיק רובל און ווער ווייסט, אפשר וועט עס זיין א שפּרונג־ברעט צו אמעריקע, קיין אפריקע, לאָמיך נאָר ארויס, די צרה נאָר — וואָס אויך די 30 רובל איז דערווייל ניטאָ.

שוין פון לענגער האָב איך געוווסט, אז מיין געוועזענער חבר, דער שפּראַכן־קענער, אלתר, געפינט זיך אין ענגלאַנד. האָב איך געקראָגן זיין אדרעס און זיך איבערגעשריבן מיט אים. זיין ענטפער וועגן מיין קומען איז געווען: „קום! פון הונגער איז דאָ נאָך קיינער ניט געשטאָרבן". ערשט שפּע־טער האָב איך זיך דערוווסט ווו זיין לאַקאָנישער זאָג האָט געצילט. ס׳האָט געזאָלט מיינען, אז מען שטאַרבט ניט פון הונגער נאָר פון שאַנדע און אזוי ווי ס׳איז א פרעמדע וועלט, ווו מען קען זיך וויניק, איז ניטאָ פאר וועמען זיך צו שעמען, מען קען טאָן אלץ. ווי ווייט ס׳איז דערגאַנגען ביי מיין חבר דער „אלץ טאָן" האָב איך זיך ערשט דערוווסט אין לאָנדאָן.

ווו נעמט מען די דרייסיק רובל אויף פאָרן קיין ענגלאַנד? — דאָס איז איצט געווען די פראַגע. בלייבט ווידער זיך ווענדן צו די פריינט, ווי אלעמאָל אין א צרה. דאָס מאָל זיינען דווקא די פריינט מיר אונטערגעקומען ווי פון זיך אליין. מיינע א קוזינע איז דורכגעפאָרן די שטעטל, צו גאַסט ביי אונדזער א געמיינזאמע מומע. איך דערצייל איר מיין ווילן און זי באַט זיך אָן מיר ארויסצוהעלפן מיט עטלעכע רובל אליין און וועגן רעסט וועט זי אדורכריידן זיך מיט דער מומען, צו וועלכער זי פאָרט, בתנאי איך זאָל מיט פאָרן.

די מומע איז געווען א רייכע פאַכטערקע, ווייט אוועק פון שטעטל, צווישן צוויי ווייט צעלייגטע פעלדער. מיר זיינען ארויסגעפאָרן ארום 3 אזייגער בייטאָג און ערשט ביי זון־אונטערגאנג זיינען מיר פארפאָרן אין א דאָרף, ווו א פאָר צענדליק כאַלופּקעס זיינען געווען פונאַנדערגעוואָרפן אויף ביידע זייטן פון שטויביקן וועג. מענטש און בהמה, אויסגעשפּאַנטע פון זומערדיקן

לאַנגן ארבעטס־טאָג, האָבן געצויגן אַהיים, צו נאַכטיקער רו. מיר האָבן געפרעגט אויף דער מומען און די פּויערים האָבן אָנגעוויזן מיט די היטלען אין די הענט אויף א כאַטע ביים האָריזאָנט, ווייט ארויס פון דאָרף. אז מיר זיינען אהין דערפאָרן איז צוגעפאלן די נאַכט, אונדז אריינגעזומען אין זומערדיקער שטי־לער נאַכטיקייט. ארום דער מומעס הייזל זיינען געשטאַנען צענדליקער בהמות. גראָבע גויה׳ס זיינען ארומגעגאַנגען מיט בייכיקע עמערס, געצויגן דעם קלאָר ווייסן מילך פון די פולע קיעשע אייטערס, צוזאַמענגעגאָסן אין דערביי־שטייענ־דיקע צעבערס און עס אַוועקגעטראָגן צו א קעלער, ווו דאָס מילך איז געמאָסטן געוואָרן, אויסזאָרטירט, וועלכעס אויף פאַרזייערן, וועלכער אויף מאָרגן פרי אין שטאָט אריין. אין שטיבל איז געשטאַנען א דיקער רויך, זיך געביסן מיט שאַרפקייט אין די אויגן ביז טרערן, זיך דערקליבן אין האלדז, געשטיקט צו הוסטן. אין א ווינקל האָט זיך געפלעמלט א פאַרשטיקט פייערל, אָנגעמאכט דעם רייך, וואָס ניט האָבנדיק איבער זיך קיין קוימען, ווי אין אלע פויער־הייזלעך, האָט עס געזוכט אן אָרט צום טיר, צו די שפּאַלטן אין פענצטער דורך וועלכן זיך ארויסצוקריגן צו פרייער לופט. ארום אונדז איז פינצטע־רער רויך, נאָר דורכן רויך ווייזן זיך דינע פינטעלעך — קעז, וואָס טריקנט זיך אין דאָזיקן רויך, צוגעפרעסט מיט שטיינער, אויף צוויי לאנגע ברעטער. מיט האַלב־פארמאכטע אויגן שטופּן מיר זיך פאָרויס, קלאפּן זיך אָפּ אָן א וואנט, דערטאַפּן א טיר. אין א גרויסע האלב־ליידיקע שטוב, באלויכטן פון א קליין נאַפט־לעמפּל, וויגט זיך אום א שאָטן אין ווינקל. דער שאָטן איז פארטאָן אין זיך, הייבט זיך אויף — קאַפּאָטע, באָרד און פּאות — שפּאַצירט אונדז פארביי, זעט אונדז ניט, ווי אין אנדערע וועלטן וואָלט ער אריינגעטאָן געווען. שטייען מיר פארגליווערטע, אין שאָטן פון קליינעם נאַפט־לעמפּל, צוגעשפּאַרטע צום וואַנט און ווארטן. פּלוצלונג גיט זיך אן עפן א שפּאַלט פון א טיר, א קאָפּ און א האנט גיט זיך זיך א וויג צו אונדז, — די מומע ווינקט אונדז ארויסצוגיין. מיר טוען אזוי, גייען איר נאָך. זי פארמאכט לאַנגזאַם די טיר הינטער זיך און פירט אונדז אָן ווערטער אין א צווייטן צימער אריין. דאָ איז שוין ליכטיקער. אויפן טיש איז אויפגעשטעלט עסן. די קינדער ליגן שוין צעלייגט אין די בעטן, וועלכע געפינען זיך אין זעלבן צימער. איך פרעג זיך אויפן פעטער, בין זיכער אז ער איז ערגעץ אין הויף, און לאָז זיך ארויס צו אים, כדי איבערלאָזןביידע פרויען אליין, די קוזינע זאָל קענען שוין דער־ציילן דער מומען דעם אינהאַלט פון מיין קומען.

דעם פעטער האָב איך אָנגעטראָפן אין זיין גרויסן סאָד, וואָס ארום הויז. ער איז מיר אַנטקעגן־געגאַנגען מיט געעפנטע אָרעמס, ארומגעכאַפּט מיט אזא שמחהדיקייט, וואָס האָט באלד געלאָזט פילן, אז עפּעס איז פאראן א מיין אין דעם. און ווי א דאָרפס־ייד איז ער טאַקע באלד, אָן איבעריקע

דיפּלאָמאַטיע, צוגעטראָטן צום ענין: אזוי ווי דער ישיבה־בחור, וועלכער איז ביז איצט געווען מלמד פאר זיינע קינדער, איז אוועקגעפאָרן פון אים, טאָ זאָל איך איבערנעמען די קנעלונג מיט זיינע קינדער. נאַטירלעך וויל ער עס ניט אומזיסט, וועט מיר געבן עטלעכע רובל פארן זמן. דערציייל איך שוין מיין פעטער וועגן פּלאַן פון אוועקפאָרן, אז איך בין שוין ממש אין וועג און בכלל, ווי קום איך צו זיין א מלמד פאר זיינע קינדער, אז אָט האָב איך געזען פריער אין זיין הויז עפּעס א ייד זיך ארומדרייען, געוויס א תלמיד חכם, פארוואָס טאַקע זאָל ער ניט אונטערלערנען מיט די קינדער, וויבאַלד ער געפינט זיך סייווי דאָ? ווערט אָבער דער פעטער גאָר אַן אויפגעבראַכטער: וואָס מיינט אוועקפאָרן, און ווו איז די איילעניש? קענסט מיר ניט זאָגן די גליקן וואָס ווארטן דיר דאָרט? און וואָס אנבאטרעפט דעם צדיק וועלכן דו האָסט געזען אין שטוב, — איז, ערשטנס, פאָרט ער מאָרגן פרי אוועק צוריק אין שטאָט אריין, און, ווידער, ווי קען מען גאָר איינפאַלן בעטן אזא איש־קדוש צו זיין מלמד ביי מיינע קינדער?!

די מומע האָט גערופן צום אָוונט עסן און דערמיט פארענדיקט אונדזער געשפּרעך.

ביים טיש בין איך געוואָר געוואָרן ווער עס איז דער איש־קדוש, ווי מיין פעטער האָט גערופן דעם פאר׳מוח׳טן מאַן, וועלכן מיר האָבן אָנגעטראָפן ביי אונדזער אריינקומען אין שטוב.

גערופן האָט מען דעם יידן ר׳ איצעלע און דער פעטער ווי די מומע האָבן ניט אויפגעהערט שעפּצן זיין נאָמען מיטן צולייג: קדוש, צדיק, געטלעכער מאַן, זייענדיק איבערפולט מיט זכיה־געפיל, וואָס זיי האָבן אים אונטער זייער דאַך.

ר׳ איצעלע איז געווען פון דעם מין מתנגדישע רביים, ליטווישע גוטע יידן — אויב מען קען אזוי זאָגן. אין אונדזער טייל ליטע האָט דער חסידיזם ניט אָנגעשלאָגן, ווי אין פּוילן, פּאָדאָליע, ווייסרוסלאנד. ליטע, די אמאָליקע ווילנער און קאָוונער גובערנעס, זיינען געבליבן נאָך אלץ אונטער דער אמאָליקער השפעה פון ווילנער גאון. דאָ איז תורה לערנען נאָך געווען דער עיקר. געבליבן טרוקענע יידן, ליטוואַקעס, וואָס זיינען שפּעטער געוואָרן דער סינאָנים פאר קאלטן שכל. די חסידיש האַרציקע התלהבות איז אַהער ניט דערגאנגען; אפילו דער חב״ד (חכמה, בינה, דעת), די שיטה אין חסידיזם, וואָס איז שוין געווען מער געבויט אויפן פארשטאַנד ווי אויף געפיל, — וואָס האָט אפשר יאָ געדארפט נעמען דעם ליטווישן תורה־מוח, אויך די דאָזיקע שיטה האָט נאָר געהאַט פאַראיינצלטע אָנהענגער אין ליטע — ווייל עס איז געקומען פון דער חסידישער אַטמאָספער ארויס, געצויגן איר קערנדיקע זאַפטיקייט פון בעל־שם־טוב, פון דעם אורשפּרינגלעכן, הארציקן חסידות. זיינען אין ליטע

ניט געווען קיין „גוטע יידן״ אין דעם אורשפּרינגלעכן זין, ניט געווען קיין רביים, ווי דער גרעסטער טייל חסידים האָבן עס פאַרשטאַנען: רביים, פאַר־מיטלער, צווישן דער און יענער וועלט, פאַרמיטלער צווישן מענטש און גאָט, רביים פאַר וועמען דער חסיד איז זיך געקומען אראָפּריידן פון האַרצן, אָפּלאָדן זיין זאָרג און דאגות, אָנאָטעמען זיך מיט אמונה פון רבי׳ן. ווייזט אָבער אויס אַז די דאָזיקע אינסטיטוציע איז נויטיק, דעם מענטשן איז נויטיק גלויבן. ניט יעדער קען זיך אָבער דערהייבן צום באַגריף פון אַן אַבסאָלוטן און אין־סוף׳יקן גאָט. דער פּשוטער מענטש וויל מער חומרדיקע, מער קאָנקרעטע אטריבוטן פאַר זיין גלויבן, — פאַר זיין גלויבן, כדי זיך דערלייכטערן. און אזוי ווי אָט דער דאָזיקער מענטשלעכער ווילן האָט, בלי ספק, פונאנדערגעבויט די חסידי־שע באוועגונג, איר געלאָזט פאַרכאַפּן גרויסע טיילן פון פאָלק, — האָט, אָט די זעלבע מענטשלעכע נויטווענדיקייט אויך געפונען פּלאַץ אפילו אין מתנגדישן ליטע. די פאָרמען נאָר זיינען געווען אנדערע.

ר׳ איצעלע האָט געהערט צו אָט די ליטוויש־מתנגדישע „גוטע יידן״, וואָס כמעט יעדע ליטווישע שטעטל האָט זיי פאַרמאָגט. זייער השפּעה, באַ־זונדערס אויף פּרויען, איז געווען אָן א גרענעץ. אויב דער רב פון שטאָט, אָדער בכלל א רב, א למדן האָט מען רעספּעקטירט לויט זיין גדלות אין תורה, זיינען אָט די יידן געווען גאָר באזונדער רעספּעקטירט צוליב זייער ערלעכקייט, תמימות און עניוות. דעם רב, דעם למדן האָט מען אונטערשטיצט, געהאָלפן, כדי דערמיגלעכן אים צו זיצן און לערנען. דער ליטווישער ייד האָט ניט דער־וואַרט פון זיין רב, ווי דער חסיד פון רבי׳ן, ער זאָל אים דערפאַר פאַרבינדן מיט גאָט. דעם רב האָט מען ניט געגעבן קיין קוויטלעך מיט א פּדיון. אויך דער ליטווישער „גוטער ייד״ האָט קיין קוויטלעך ניט גענומען, דאָך פּדיונות האָט מען אים געגעבן. מען איז געקומען צו אים אָפּשפּרעכן אַן עין־הרע, פאַר־ריידן אַ רויז, אָדער אַ געשוויר, אָפט זיך טאַקע פאַר אים אַראָפּריידן פון האַרצן אויך, נאָר קיין רבי איז ער פאָרט ניט געווען, קיין כת ניט געשאַפן, ניט איבערגעלאָזן קיין דינאַסטיע, ניט געהאַט קיין געשוואָרענע אָנהענגער און ניט אויפגענומען קיין מענטשן, ווי א סיסטעם, צו מתפלל זיין פאַר זיי.

פלעגט אזא „גוטער ייד״ זיך באווייזן אין א דאָרף, ביי א יידישן ישובניק, איז די פרייד געווען גאָר אָן מאָס; די פאַרערונג צו אים ווי צו א הייליקן מאַן. מען פלעגט אים אויפנעמען מיט הייליקן ציטער, אָפּגעבן א חדר פאַר זיך, אים לאָזן זיך אויסרוען, אָנאָטעמען מיט פרישן לופט, וואָס איז גאָר נויטיק געווען פאַר זיין געזונט, ווייל די דאָזיקע יידן פלעגן דאָך פאַרברענגען דעם גרעסטן טייל פון זייער לעבן אין לופטלאָזע דירות, אין פאַרמאַכטע בתי־מדרשים.

דער ישובניק האָט זיך דערהויבן דורכן אויפנעמען דעם „גוטן יידן״ אין זיין היים. אָפּגעריסן פון יידן, ווייט אויפן לאַנד, צווישן גויים שטענדיק,

קומענדיק נאָר איין מאָל אין יאָר אין שטאָט אריין — אויף די ימים־נוראים — האָט דער ישובניק זיך געפילט שולדיק אין זיין אָנגעהעריקייט צום יידישן כלל: געדאווגט דעם גאנצן יאָר אָן א מנין, ניט געהאַט קיין חברה, ביי וועלכע צוצוהערן א פרק משניות, אָדער זאָגן תהלים בציבור. האָט דער „גוטער ייד" דערפאר, אייגנטלעך, געגעבן דעם ישובניק מער וויפל ער האָט גענומען פון אים. ער האָט אים געגעבן דערהויבנקייט, דאָס געפיל פון חשיבות, פון שטאַרקער פארבונדנקייט — דורך אים — מיטן גאַרן יידישן כלל. און באמת, אין די טעג ווען דער „גוטער ייד" האָט זיך געפונען ביים ישובניק איז דאָס גאנצע הויז פארוואנדלט געוואָרן אין אן אָרט פון תורה, פון לערנען, פון הערן א תורה־וואָרט.

אויף מאָרגן פרי, אז איך האָב מיך אויפגעכאַפּט, נאָך א שלעכט געשלאָפענער נאַכט, איז שוין ר' איצעלע מיטן פעטער געווען אַוועקגעפאָרן אין שטאָט אריין. די מומע איז געווען פארטאָן מיט די קינדער, מיט איר ווירטשאַפט און אויסגעמיטן קוקן אויף מיר. פון ערשטן קוק אויף מיין קוזינע האָב איך גלייך פארשטאַנען אז איר מי איז געווען אומזיסט.

יאָרן זיינען געלאָפן. דער עפּיזאָד איז פאַרגעסן געוואָרן פון מיין זכרון. די מומע איז געוואָרן אן אלמנה. דער פעטער איז צעדריקט געוואָרן אונטער א פור, פאָרנדיק פון איין דאָרף אין א צווייטן. צייט דעם דאָזיקן טראַגישן פאַל האָט די מומע מיך אויפגעזוכט, דורך בריוו, פאר הילף. און אז די צייט איז געקומען האָב איך געהאָלפן חתונה מאַכן איר טאָכטער מיט א ווויל לערנער, וועלכער איז שפּעטער געווען שאַוולאַנער רב. אויך די נייע משפחה האָט זיך געניייטיקט אין הילף: דער, דער רב, האָט פארלאנגט פון זיין פרוי א קינד אלע יאָר, האָט עס צעבראָכן איר געזונט. געווען נייטיק דאָקטוירים, אויסלענדישע קור־ערטער. גאַנצע זעקס־און־צוואַנציק יאָר זיינען אוועק פון יענעם עפּיזאָד, ווען איך האָב פארלאָזן א פארצווייפלטער מיין מומעס דאָרף־הויז און — מיר זיינען געשטאַנען פנים אל פנים: די מומע איז געקומען בעטן א גרעסערע הילף־סומע ביי מיין באזוך אין ליטע. ערשט דאן איז דער עפּיזאָד פון מיט פונקט זעקס־און־צוואנציק יאָר צוריק געקומען מיט דער גאַרער שאַרפקייט אין מיין זכרון. איך האָב איר געגעבן די פאַרלאַנגטע סומע. איך געדענק שוין ניט היינט, נאָר קען גריילעך זיין, אז איך האָב עס איר געגעבן גראָד דערפאר ווייל איך האָב זיך דערמאָנט, ווי זי האָט מיר ניט געגעבן די עטלעכע רובל. א מענטשלעך הארץ איז דאָך שלעכט אלעמאָל, אפילו ווען עס טוט שוין א גוטן טאָט...

# מײַנע טעג אין לאָנדאָן

אונטער פּאָליצײַ־שמירה צוריק פון גרענעץ. — די אויסגעפּוצטע הענקער־דײַטשלאַנד. — אין עמיגראַנטן־לאַגער. — מיט אָפענע האָפענונגען אין אָפּגעשלאָסענע װאַגאָנעס. — לאָנדאָן די פּאַרבאַטענע. — שװער די אײנזאַמקײט צװישן מיליאָנען. — מײַן חבר אלתר א מיסיאָנער. — אויך אין לאָנדאָן קען מען עסן „טעג". — איך װער א טאַפּעצירער. — דאָס לעבן פון דער יידישער ארבעטערשאַפט. — אין געיעג נאָך געלט מיט פערדישע פיס. — אויפן פערטן ציוניסטישן קאָנגרעס. — צװאַנציק חדשים לאָנדאָן.

ניט געקראָגן די נויטיקע הילף פון מײַנע קרובים, — בין איך געצװוּנגען געװען עס צו זוכן בײַ באַקאַנטע, רײַכערע שטעטל־יידן. דער ערשטער װעמען כ'האָב באַזוכט מיט אזא ביטע איז געװען ר' חיים מרדכי פרידמאַן, װעלכער האָט געלעבט אין דער צװײטער הויז פון מײַנע עלטערן.

ר' חיים מרדכי איז געװען אַ פּערזענלעכקײט, װאָס האָט פאַרשײנט דאָס שטעטל. קודם כל איז ער געװען א גדול בתורה. אין זײַנע יונגע יאָרן, װי כ'האָב געהערט דערצײלן, איז ער געװען אזא מתמיד, אז ער פלעגט אָפּט טעג־לאַנג זיך ניט רירן פון זײַן אָרט. זיצן אן אריבערגעבויגענער איבער דער גמרא, ניט זען בכלל װאָס עס קומט פאָר ארום אים. זײַן מוטער פלעגט אים ברענגען עסן אין בית־מדרש, פלעגט זי שטײן שעה'ן לאַנג מיטן עסן, װאַרטן ער זאָל אויפהײבן די אויגן, דערזען זי. נאָר אָפט פלעגט זי אַװעקגײן מיטן עסן צוריק, װײַל אים שטערן פון לערנען האָט זי דאָך ניט געװאָלט. מען האָט דערצײלט, אז ער קען די ארבעה טורים אויסנװײניק.

פאַר מײַן צײַט איז ער שוין געװען אן עלטערער מענטש, געהאַט די צװײטע פרוי און פיר זין מיט איר. דער עלטסטער, נפתלי, איז געװען אַן אַד־װאָקאַט אין פּאָנעװעזש און שפּעטער באקאנט אלס מיטגליד פון דומע; דער צװײטער, דוד, איז געװען א דאָקטער אין זשאַגער; אורי — אן אפּטײקער, און דער ייִנגסטער, בנימין, האָט דעם אוניװערסיטעט ניט געקענט ענדיקן אין

רוסלאַנד, געמוזט אוועק אין מיטן פון שטודיום קיין אמעריקע, ווייל ער האָט געפּאַצט א פּראָפעסאָר פאר זיין פאַרדאַמען די יידן אין זיין געגנוואַרט. אז אלע קינדער פון א הויז זאָלן לערנען אין אוניווערסיטעט, דאָס איז געווען א זעלטנהייט יענע יאָרן. געשען איז עס אונטער דער איינווירקונג פון דער מוטער, וועלכע איז אליין געווען א מאָדערנע פרוי, דערצו אַן אשת חיל, באַפרייט דעם מאַן פון פרנסה־זאָרג, האנדלענדיק מיט די גרויסע פריצים פון ארום. ר׳ חיים מרדכי׳ן איז ניט געווען, ווייזט אויס, גאָר צום הארצן זיינע זינס שטודירן, והראיה: א ווערטל איז ארומגעגאַנגען, וועלכן ער זאָל האָבן געזאָגט: אויף דער וועלט האָב איך פינף זין, אויף יענער וועלט וועל איך זיך נאָר קאָנען בארימען מיט איינעם, מיט משה׳לען. משה איז געווען דער איינציקער זון פון זיין ערשטער פרוי, א לערער אין טעלז, א גרויסער משכיל, אָבער אויך א למדן וועמען ר׳ אליעזר גאָרדאָן, טעלזער רב, האָט אפילו אָנגעטרויט צו דערציען זיינע אייניקלעך.

איך געדענק אים אַן אריינגעטאָענעם שטענדיק אין לערנען. נאָר וועלטפרעמד איז ער ניט געווען. די גרויסע לומדות און פקחות האָט ארויסגעהאָלפן צו זען ווייטער פון שטענדער און שטעטל.

מיטן אויפקום פון ציוניזם איז ער געוואָרן פון די האַרציקסטע הערצלס אָנהענגער. די דרייפוס־אַפערע האָט געמאַכט אויף אים א דערשיטערנדן איינדרוק, כמעט ווי אויף ד״ר הערצל׳ן, וועמען ער האָט פאַרהערלעכט און געאַכט טיף און איבערגעבן. קיין צייטונגען האָט ער ניט געלייענט אליין, ניט געקענט קיין גוי׳אישקע שפּראַכן, האָט ער זיך אָבער געלאָזט דערציילן אַלע נייס פון די, וועלכע האָבן יאָ געלייענט, אין דער ערשטער ריי פון זיין אייגענער פרוי, וועלכע האָט געלייענט גוט רוסיש. זאָגן פלעגט ער, אז דריי זיינען פאַראַן אין שטעטל, וואָס לייענען א בלאַט (א צייטונג האָט אויך געהייסן א בלאַט, א בלאַט צייטונג) און פארשטייען ניט וואָס דאָרט שטייט: זיין פרוי — א רוסישן בלאַט, משה זאַקס — א דייטשן און דער גבאי — א בלאַט גמרא... קריאַת־שמע פלעגט ער זאָגן מיט געשריי, מאַכנדיק משונהדיקע העוויות, דערקלערנדיק עס אזוי: דער אָנזאָג איז: ואהבת את ה׳ אלהיך, זאָלסט האָלט האָבן גאָט, עס „האָלטעט" זיך אָבער ניט, שריי איך אנטקעגן דער חוצפה...

ר׳ חיים מרדכי איז באַקאַנט געווען אין גאַנצן געגנט ארום. פון ווייט פלעגט מען קומען אויסהערן זיין עצה. נאָך זיין טויט האָבן פיל עלטערן געגעבן זיין נאָמען צו זייערע קינדער, אין אַכטונג צו דעם זייער באַליבטן מענטשן און האלטנדיק עס פאר א סגולה, אז אויך זייערע קינדער זאָלן האָבן חכמה, לומדות, ווי ער האָט עס געהאַט.

פון אים האָב איך עס געקראָגן די ערשטע צען רובל, א הלוואה צו קענען אוועקפאָרן קיין לאָנדאָן.

נאָך אַלע שווערקייטן און עגמת־נפש, זיך מאַטערנדיק אַ האַלב יאָר אויף צוזאַמענשלאָגן הוצאות, איז עס מיר דאָך געלונגען. דורך קליינע הלוואות האָב איך אויפגעשלאָגן די נייטיקע פינף־און־צוואַנציק רובל, דאָס מינימום אויף הוצאות־הדרך קיין לאָנדאָן.

מיין הילצערנער גרינער קעסטל, די ירושה פון מיין ברודער, וועלכער האָט מיר געדינט דורך אַלע נע־ונד־יאָרן, פון איין ישיבה אין אַ צווייטער, — דער דאָזיקער קעסטל איז אויך איצט געשטאַנען גרייט, מיך צו באַגלייטן אין אַ וויטן פרעמדן לאַנד אַריין, צום ערשטן מאָל איבער אַ גרענעץ אַריבער. פאַרפּאַקט אין אים די ביסל אָרעמקייט, פאַרבונדן מיט אַ שטריק און אליין זיך אוועקגעלאָזט איבערן שטעטל, בחפזון זאָגן אַ זיי־געזונט צו אַ שטעטל יידן, צווישן וועלכע איך בין געבאָרן און אויסגעוואָקסן. משפחה און גוטע פריינט זיינען אַרויסגעקומען צום פור, באַגלייט ביז ווייט פון שטעטל אַרויס, געווישט אַ טרער פון איבערגעלאָפענעם אויג, פון איבערגעפייניקטער האַרץ, אָנגעוווּנטשן אַלע גוטע ברכות וואָס זיינען נאָר געקומען אויפן צונג און, מיטן צופאַלן פון אָוונט, זיך אומגעקערט צוריק.

די פור, פריי פון נאָכגייענדיקע באַגלייטער, האָט גערירט האַסטיקער, זיך פאַרקייקלט אין דער נאַכט אַריין. נאָר דאָ און דאָרט שיינט אויף אַ וויטער פייערל, פון נאַכטיקע פויערים־הייזלעך אַרויס. די שטילקייט רוישט מיט אומרו, גיסט זיך צונויף מיט אייגענעם אומרו פון האַרץ, מאַכט שווער די מחשבות אין מוח. רויבט דעם שלאָף פון די אויגן. געדאַנקען קוילערן זיך צוזאַמען, טרויער פון אָפּשייד דריקט, אומבאַוווּסטקייט פון גורל פייניקט, פאַרצווייפלונג און ראַזע האָפענונגען מישן זיך צוזאַמען אין קנויל.

מיטן אויפשפּראָץ אויף טאָג זיינען מיר פאַרפאָרן צו אַ פויערים־הייזל, פאַרקראָכן אין באַהעלטעניש פון אַ היי־בוידעם און דאָרט אָפּגעלעגן אַ גאַנצן טאָג. ערשט מיטן צוריק צופאַל פון אָוונט האָבן מיר זיך געלאָזן ווייטער אין וועג. אָפּגעפאָרן אַ שעה, צוויי, קריגן מיר אַ באַפעל פון אונדזער פורמאַן: אַרויסקריכן פון פור. דער פורמאַן קערט זיך צוריק אין שטעטל, דאָ נעמט אונדז שוין איבער אַ באַהעלפער פון דעם, וועלכער וועט אונדז דאַרפן אַריבערשמוגלען די גרענעץ קיין דייטשלאַנד, — דער טויער פאַר אַלע מזרח־אייראָפּעאישע וואַנדערער צו דער נייער פרייער וועלט.

מיר נעמען זיך אַראָפּ פון וועג און לאָזן זיך נאָכגיין דעם פירער. עס איז אַ בייזע חשוון׳דיקע האַרבסט־נאַכט, יאָר 1899. מיר גייען דורך פעלדער פאַרטרונקענע פון האַרבסטיקן רעגן, פאַרקריכן אין בלאָטיקע טייכלעך, שטרויכלען איינער אָן צווייטן, בלאָטע גליצט אונטער מידע פיס, מען פאַלט, מ׳הויבט זיך, מ׳קריכט אויף אַלע פיר. די נאַכט קוקט שוואַרץ ווי אַ פאַרברעכער און מיר — ווי פאַרברעכער אין דער פינצטערניש פון נאַכט. טויט־מידע דער־

קריכן מיר צו צו א פּויערים־הייזקע, ביים ראַנד פון א שיטערן וועלדל. די פּינצטערניש פון א בוידעם, אַן אויסגעבעטן מיט היי, גיט א שלונג אריין. ווי מיד מיר זיינען צילעווען מיר דאָך די אויגן דורך די שפּאַרונעס פון בוידעם און דערבליקן פלעמלעך סיגנאַלן, וועלכע לעשן און צינדן זיך, — סיגנאַלן פון דער גרענעץ־וואַך.

גרויער פרימאָרגן איז אויפגעגאנגען, אריינגעדרונגען דורך די שפּאַלטן פון בוידעם. אין יידישע היימען איז איצט געווען שבת פרימאָרגן. מיר זיינען דאָ געלעגן, דריי נפשות, צונויפגעדריקטע אין שמוץ, פארבלאָטיקטע, מיט טרייסלענדיקע הערצער, נאָכשפּיאָנירנדיק די שומרים ביי דער גרענעץ.

ארום דריי אזייגער בייטאָג האָט מען אונדז איינציקווייז אראָפּגעפירט פון בוידעם, אריינגעבראַכט אין שיטערן וועלדל, פארלייגט זיך בגנבה הינ־טער בוימער און געוואַרט ס'זאָל ווידער ווערן פינצטער, די שומרים זאָלן זיך בייטן, ס'זאָלן קומען די גרענעץ־וואַכליט, וועלכע זיינען שוין געווען אונ־טערגעקויפט אונדז אריבערצולאָזן די גרענעץ. פּלוצלונג אַ שיסעריי ארום אונדז. געשען א דורכפאַל: א קליין שגצל האָט געטראָגן פון שטיבל א קאַן מיט טיי, אונדז צו דערוואַרעמען און באַגעגנט א פּאַטרול. אין געציילטע מינוטן איז דער וועלדל געווען ארומגערינגלט. מען האָט אונדז געבראַכט צום גרענעץ־אָפּיצער. נאָך א קורצן פאַרהער האָט מען אונדז פאַרנאַכט אריינגעטריבן אין דער תפיסה פון גרענעץ־שטעטל, ניישטאָט.

די שטעטל־יידן, געוווינט צו אזעלכע זאַכן, האָבן זיך ניט געמיט צו באזוכן אונדז, דאָך צוגעשיקט די שירים פון שבתדיקן עסן: ברויט, הערינג, פיש. אין תפיסה־צימער, וואָס איז געווען אין קעלער פון פּריסטאַוו (פּאָליציי־שעף) האָבן מיר אָנגעטראָפן אויף נאָך צוויי ארעסטירטע, ניט־יידן. די מעבל פון תפיסה־צימערל: א לאַנגע נאַרע און אַן עמער אין ווינקל. אין דער איי־זערנער טיר איז געווען א פארגראַטעטע פענצטערל, וואָס האָט אריינגעלאָזן א קאַרג ליכט. האַלב־ליגנדיק, האַלב־זיצנדיק זיינען מיר איבערגעקומען די נאַכט. האָבנדיק פּאַספּאָרטן און זייענדיק אלע דריי פון דער זעלבער שטאָט, האָט מען אויף מאָרגן פרי אונדז אָפּגעשיקט „פּאָ עטאַפּ" (צופוס), געקייטע איינער צום צווייטנס האַנט, צוריק אַהיים. ווי נאָר ארויס פון שטעטל האָבן מיר אָנגעטראָפן אויף א פויערים־פורל, וואָס האָט פּאָר קליינגעלט אונדז געבראַכט ביז טאַוריק. דער באַגלייטנדער פּאָליציסט איז געווען פריינדלעך צו אונדז, וויבאַלד מיר האָבן אים איינגעשפּאָרט גאַנג, באַצאָלט פאַרן פאָרן. דעם זעלבן טאָג האָט מען אונדז אָפּגעשיקט צופוס קיין שקודוויל, ווו מיר זיינען איבער־געשלאָפן אין דער דאָרטיקער תפיסה, וועלכע איז געווען א געטרייע קאָפּיע פון דער ניישטאָטער. באַגינען זיינען מיר ארויס אויפן וועג שוין צום שטעטל, אָנגעטראָפן פורן מיט מאַרק־יידן און — צוריק אין שטעטל. די שטעטלשע

פּאָליציי האָט אונדז געקענט, האָט זי ניט געמאַכט קיין גרויסן ווען, פאַר־שטאַנען אויך, אז אויב דאָס מאָל האָט זיך אונדז ניט איינגעגעבן וועלן מיר דאָך פּרובירן א צווייטן מאָל...

צוויי וואָכן שפּעטער האָבן מיר זיך ווידער, די זעלבע דריי, געלאָזן אויפן זעלבן וועג, וואָס איז אונדז שוין געווען באַקאַנט און דערפאַר אפילו לייכטער אויפן הארצן ביים געזעגענען. שוין געווען רעפּעטירט. אפילו די בלאָטיקע פעלדער, וואָס האָבן געפירט דורך דער נאַכט, פון הויפּט־וועג ביז צום פויערים־הייזל, אפילו דאָס איז אונדז אויסגעקומען לייכטער, ווייל היי־מישער, געוווינטער. אין הייזקע האָבן מיר געפונען אונדזערע זאַכן. מיין גרינער קעסטל, דער געטרייער באגלייטער, האָט דאָ געוואַרט, ווי איבערגע־לאָזן דאָס ערשטע מאָל, געוואַרט, געווען זיכער אין מיין קומען...

די גרענעץ זיינען מיר אריבער ביינאַכט. מיט זון־אויפגאַנג האָבן מיר זיך געפונען אין דייטשלאַנד, ווו א פור מיט אונדזערע זאַכן האָט געוואַרט, אונדז צו נעמען קיין טילזיט, די ערשטע גרעסערע דייטשע גרענעץ־שטעטל.

בסך־הכל זיינען עס געווען געציילטע מיילן, פון איין לאַנד אין צווייטן, לענדער, וואָס זייער גרענעץ האָט זיך געלאָזט אריבערקוקן מיטן פּשוטן אויג, פון איין גרענעץ־שטעטל צום צווייטן און וואָס פאַר אַן אונטערשייד?! א גרע־נעץ אויף אייניקע מיילן און אַן אונטערשייד אויף גאַנצע יאָרהונדערטער. דאָרט — מאַנאָטאָנישקייט, אָרעמקייט, פויערים־הייזקעס, נידעריקע, איינגע־פאַלענע, מיט פענצטער צעבראָכענע, פארשטאָפּטע מיט שמאַטעס, באדעקטע מיט פוילן שטרוי, בלאָטיק און אָפּגעלאָזן, די וועגן גריבער, דאָס לעבן אין אייביקן עלנט; דאָ זיינען געשטאַנען ליכטיקע הייזלעך, אָפּט צוויי שטאָקיקע, די ווענט, פענצטער, טירן אָפּגעפאַרבן, רויט און גרין און ווייס; פאַר די פענצ־טער־שויבן גאַרדינען, די וועגן זויבערע, ריינע, ווי אָפּגעוואַשענע, אָרדענונג און זויבערקייט אומעטום, וואָס פאַרכאַפּט דאָס אויג, דערפרייט דאָס האַרץ. יאָ, דערפרייט דאָס האַרץ. עס איז געווען דייטשלאנד די אויסגעפּוצטע, די זויבערע, — די פאַרשטעלטע, וואָס האָט שפּעטער ערשט געלאָזט זיך דערקענען מיט אירע זויבערע קרעמאַטאָריעס און אויסגעפּוצטע גאַז־קאַמערן. ווער האָט דאַן געזאָלט דענקען, אז אין די אויסגעפּוצטע הייזלעך האָדעווען זיך אַזעלכע שמוציקע מערדער!

* * *

ביים ענדע פון דעם יאָרהונדערט, ווען עס איז שטאַרק געוואָרן די יידי־שע עמיגראַציע פון רוסלאַנד אין די עבר־לים לענדער, האָבן די יידישע קהלות אין דייטשלאנד, דורך וועלכע די עמיגראַנטן זיינען אדורכגעפאָרן, אויפגע־שטעלט זאַמל־צענטרען, עמיגראַנטן־הייזער, אין די גרענעץ־שטעט. די דאָ־זיקע צענטרען זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן מיט דער צושטימונג פון דער

דייטשער רעגירונג, וועלכע האָט טאָלערירט די יידישע עמיגראַציע פון רוס־לאַנד, האָבנדיק דורך דעם גאָר גרויסע פּראָפיטן. יעדער עמיגראַנט האָט גע־דאַרפט אדורכגיין די זאַמל־צענטרען, כדי דערליידיקן די רייזע־פאָרמאַליטעטן: קריגן א געזונטהייט־סערטיפיקאַט אז ער ליידט ניט פון קראַנקהייטן, ווי: ט.ב., טראַכאָמע, וואָס אזעלכע קראַנקע האָט מען אין די נייע לענדער ניט אריינגע־לאָזן; דורכגיין אַן ענטלויזונג, אזא מין שוויץ־באָד און קאַראַנטין פון די זאַכן כדי ניט מיטברענגען אַנשטעכנדע קראַנקהייטן אין די נייע לענדער.

דער זאַמל־צענטער אין טילזיט, ווו מען האָט אונדז אריינגעפירט, איז געווען פאַרבויט מיט א הויכן שטיינערנעם פּאַרקן, אויבן ארויפגעשטאָכן מיט גלאָז־שטיקלעך, מען זאָל ניט קאָנען אריבערקריכן. אזוי האָבן אויסגעזען אלע זאַמל־צענטרס אין דייטשלאַנד. ארויסגיין אין שטאָט, עפּעס קויפן פאַר זיך, זיך טרעפן מיט קרובים — דאָס איז געווען שטריינג פאַרבאָטן. דער טויער איז געווען באַוואַכט ווי א תפיסה. די באַאַמטע — דייטשע יאהודים — זיינען געווען חצופים, עזי־פנים, פאַרגרעבטע נפשות, זיך באַצויגן מיט אכזריות צו די עמיגראַנטן, געקוקט אויף יעדן פון אויבן אַראָפּ, ווי בכלל דייטשע יאהודים אויף „אָסט יודן”. די דאָזיקע באַאַמטע זיינען, פאַרשטענדלעך, געווען די ערגסטע, נידעריקסטע נפשות און האָבן ווייט ניט געהערט צום כלל דייטשן יידנטום, וועלכע האָבן די דאָזיקע אינסטיטוציעס אויפגעבויט און, צום גרעסטן טייל, אויסגעהאַלטן. זיי האָבן זיך באַצויגן אָן יעדער רחמנות צו פרויען, וועלכע זיינען געווען אויפן וועג צו זייערע מענער. אָפט פלעגט מען צוגנבענען זייער באַגאַזש אויפן גרענעץ, ווייל אויך די גרענעץ־אריבערפירער זיינען גע־ווען ווייט פון זיין בית־המדרש־זיצער, פלעגן ארויספרעסן פון עמיגראַנט ביי דער גרענעץ מער וויפל מען פלעגט אָפּמאַכן, ניט אריבערשיקן דעם באַגאַזש. די דאָזיקע באַאַמטע האָבן זיך ניט געקימערט, ניט געזאָרגט ארויסקריגן פון גרענעץ־אריבערפירער דעם באַגאַזש, ניט רחמנות געהאַט אויף קראַנקע, אויף ליידנדע, זיך געהאַלטן שטרענג פאָרמעל, ווי עפּעס באַאַמטע פון זיין מאַיעס־טעט דעם קייסער אליין און ניט, ווי זיי זיינען באמת געווען, אַנגעשטעלטע פון א יידישער הילף־אָרגאַניזאַציע, צו לינדערן דעם ליידנס־וועג פון הילפלאָזע און געפייניקטע. אויפן וועג צו ווייטע פרעמדקייטן זיינען די עמיגראַנטן־הייזער געווען דער ערשטער ביטערער פיל.

אנדערע פלעגן זיך אָפּוואָלגערן וואָכן און חדשים אין די דאָזיקע עמי־גראַנטן־הייזער, שוין גאָר אָפּגערעדט אויב איינער פון די באַאַמטע האָט גע־וואָרפן א שלעכט אויג, עפּעס אַן אומחן אויף אַן עמיגראַנט, — אזא איז שוין געזעסן און געזעסן. איך בין אריינגעפאַלן צווישן די מזלדיקע: נאָך צוויי טעג בין איך אריין אין א גרופּע צום טראַנספּאָרט. אונטער באַגלייטונג פון פּאָליציי זיינען מיר געבראַכט געוואָרן צום וואָקזאַל, איינקוואַרטירט געוואָרן אין

א פירט־קלאסיקן וואַגאָן און אָפּגעשיקט קיין האַמבורג. ניט קיין ווונדער די פּאָליציי באוואכונג: מיר זיינען געווען פרעמדע בירגער, פון א פרעמד לאַנד, וואָס די רעגירונג האָט געוווסט אז זיי האָבן געשמוגלט די גרענעץ... ערשט מיט יאָרן שפּעטער וועלן זיך א טייל פון די דאָזיקע עמיגראַנטן אומקערן מיטן זעלבן וועג, מיט פּאַספּאָרטן אין זייערע קעשענעס, אין ערשטן קלאַס, אומקערן אויף באזוך צו זייערע אַלטע היימען און אויפגענומען ווערן דאָ מיט כבוד, מיט כבוד פאר זייערע פּאַספּאָרטן, דאָלארן און פונטן. חלומט איצט ווער פון די פּאַסאַזשירן וועגן אזא מין גליקלעכן אומקער? געוויס! וואָלטן זיי דעם דאָזיקן חלום ניט געהאַט, טאָ ווי וואָלטן זיי אויסגעהאַלטן די דערנידעריקונג, די באליידיקונגען דאָ, אויפן וועג, און די אלע שלעק, וואָס דערוואַרטן זיי נאָך אין זייערע נייע היימען! נאָר דערווייל גייט דער וועג נאָך אַהין, צו די ווייטע חלום־לענדער, ליגן דערווייל נאָך צענדליקער גופים צוזאמענגעפּרעסט אין ענגע וואַגאָנעס; אויף קיין סטאַנציע לאָזט מען ניט אראָפּ; דער צוג בלייבט שטיין אין בערלין, נאָר דער עמיגראַנטן־וואגאָן איז שוין ארומגערינגלט מיט אַ וואַך, דער וואַגאָן ווערט איבערגעפירט צו א זייטיקע ליניע. פּאַרנאַכט קומט אָן דער צוג קיין האַמבורג, ווערט דער וואַגאָן צוגעטשעפּעט און מאָרגן פרי זיינען מיר שוין אויפן שיף, וואָס וואַרט אויף אונדז אינעם גרויסן האַמבורגער פּאָרט. אין פינף טעג ארום וועלן מיר זיין אין לאָנדאָן, וואָס איז, אמת, געאָ־גראַפיש נאָך אלץ אייראָפּע, אָבער פאַרן באוווסטזיין פון יידישן עמיגראַנט איז עס שוין די ברייטע גרויסע וועלט, דער אמתער אויסלאַנד, ווען אפילו נאָר דער טויער צו נאָך גרעסערע, ברייטערע און פרייערע וועלטן.

די פיר טעג אויפן ים בין איך אָפּגעלעגן א צוזאמענגעדרייטער פון ים־קראַנקייט. געלעגן אוועקגעשליידערט, צווישן די הונדערטער עמיגראַנטן, אויף די לאַנגע פּראָוויזאָריש־צוזאמענגעקלאַפּטע נאַרעס, געמאַכטע ספּעציעל פאר די עמיגראַנטן. אז די שיף האָט זיך אָפּגעשטעלט, אייניקע מייל פון פּאָרט, האָב איך דערפילט באַפרייט פון איבל און קאָפּ־ווייטיק. מיט ציטערדיקע פיס, אָפּגעשוואַכט פון די גאַנצע רייזע־צייט ניט עסן, בין איך אראָפּ פון נאַרע, פון פערטן ברעטער־שטאָק און זיך דערקליבן צום שיף־דעק, ווו די הונדערטער עמיגראַנטן זיינען שוין געווען צוזאמענגעשפּאַרט, מיט בליקן אָנגעשפּיצטע צום ווייטן האַפן, צו דער גרויסער שטאָט לאָנדאָן. א קליין שיפל האָט זיך דער־נענטערט מיט געשווינדיקייט צו אונדז. אנדערע האָבן אָנגעפאַנגען „דערקע־נען" פון ווייטן זייערע פריינט אין שיפל. געוועזן זיינען עס, ווי געוויינלעך, די פּאָרט־באַאַמטע, אָנגעשטעלטע פון געזונט־אָפּטייל, וועלכע זיינען אָנגעקומען בודק זיין אונדזערע פּאַפּירן. עס האָט זיך אָנגעפאַנגען אַן עקזאַמינירן און אויספאָרשן יעדער איינעם. אייניקע, וגם אונדז בתוכם, האָט מען אָפּגעשטעלט אָן א זייט, געבנדיק אָנצוהערן וועגן א מיגלעכקייט זיי צוריקשיקן. גאָרניט

קיין שלעכטע בשורה... שטייען מיר, די אין א זייט אָפּגעסאַרטירטע, שטייען, ווי מען זאָגט עס, אין געהאַקטע צרות. מיר שטייען און די שיף שטייט אויך. עס איז שבת היינט. אלע פּאַסאַזשירן זיינען יידן. ווייס דער קאַפּיטאַן אז ער דאַרף וואַרטן אַ־יף דריי שטערן זאָלן זיך באַווייזן אויפן הימל דעק, כדי עס זאָל אים דערלויבט זיין, לויטן יידישן דין, אריינפאָרן אין האַפן. א פיינער קאַפּי־טאַן, ניטאָ וואָס צו ריידן. נאָר אונדזערע מינוטן, פון די וועלכע מען האָט אָפּ־געשטעלט אין א זייט, ציען זיך ווי אייביקייטן. מיטן אָוונט האָט די שיף גע־רירט. אריינגעקומען אין האַפן, מענטשן שטופּן זיך איינער איבערן צווייטן, געשרייען פון אָנגעקומענע צו אָפּוואַרטנדיקע פריינט און פון די פריינט צום שיף ארויף פאַרהילכן די לופט. אין געשריי און געדראַנג פּרובירן אויך די אָפּגעזונדערטע שטעלן א פוס, ערשט עס שטעלט זיך און עס גייט זיך... באַ־שערט צו באַטרעטן לאָנדאָנער ערד ווי א פאַרבאָטענע, נאָר זיסער איז עס דערפון ניט געוואָרן.

פריינט האָבן זיך ארומגעכאַפּט, פרויען און מענער האַלדזן זיך, טראָגן זיך אוועק אין געאייל. אין א קאַרגע שעה איז דער פּאָרט ליידיק געוואָרן פון די אָנגעקומענע, נאָר געציילטע געבליבן און איך צווישן זיי. מיין איינצי־קער פריינט דאָ, מיין חבר אלתר, וועלכער האָט געזאָלט דאָ דערוואַרטן מיר און זיינע צוויי ברידער, וועלכע זיינען אויך געווען אין וועג, איז ניט געקו‌מען. ווייזט אויס זיך דערוווסט אז די ברידער זיינען נאָך געבליבן אין דייטשלאַנד און וועגן מיר פאַרגעסן. שטיי איך מיט זיין אדרעס אין האַנט, א פאַרלאָרענער אויפן לאָנדאָנער האַפן, אָן איינזאַמער אין דער מיליאָניקער שטאָט. מיר זיינען א מנין געבליבענע, אלע ווי איך פאַרלאָרענע, אָן קרובים, אָן פריינט, מיט עפּעס א פּאַפּירל־אַדרעס אין האַנט, אָן לשון צו פרעגן אפילו, ווי אזוי מען קומט צום פּאַפּירל־אַדרעס. פּלוצלונג דערגייט א קול צו אונדז: „יידן, קו‌מט מיט מיר, כ׳וועל אָפּפירן אייך צו קרובים, אויב איר האָט זייערע אדרעסן, א‌ויב ניט וועט איר קענען זיין אין „שעלטער״, דאָרט שלאָפן, דאָרט עסן, ביז איר וועט אייך איינאָרדענען״. דער רופער דערנענטערט זיך, נעמט אונדז אדורך מיט וואַרעמע בליקן, קוקט אָן אונדזערע אַדרעסן און הייסט אונדז אים נאָכ־שפּאַנען.

אדורכגיין שבת אָוונט אין די יידישע שמאָלע געטאָ־געסלעך פון לאָנ־דאָן איז ניט פון די לייכטע זאַכן. מענטשן זיינען פול אין די גאַסן. די געשטופּעריי איז גרויס. ווער רעדט נאָך אז מען שפּאַנט מיטן גרינעם קעסטל אויף די פּלייצעס, פאַרוויקלט אין אַן אַלטן ווינטער־מאַנטל, איבער פרעמדע גאַסן נאָך, וואָס זיינען אַלעמאָל לענגער און ווייטער ווי געווײנלעך, היינט גייענ־דיק מיט א גאַנצן מנין יידן, וועלנדיק זיך האַלטן צוזאַמען, ניט פאַרלירן יע־נעם, כדי ניט פאַרלירן זיך. גאָרניט לייכט, נאָר קיין עצה איז ניטאָ, שפּאַנט מען.

דער ייד, דער גוטער דערבאַרעמדיקער פירער פאָרויס, מיר נאָך אים. דאָ און דאָרט שטייט איינער אָפּ, זאָגט א דאנק און ווערט פארשווונדן אין א הויז אריין. א גליקלעכער. מיין שטערן טריפט שוויס. דאָס לייב איז נאַס. די פיס וואַקלען זיך שוין מידע. ביי גאַסן־ווינקלען בלייבט מען שטיין, קוים וואָס מען כאַפּט זיך מיטן לעבן אריבער די קרייצונג. צום ערשטן מאָל אין א וועלט שטאָט. אויפן טראָטואר קריגט מען אָפּט א זעץ, א בייל אין זייט. צו איז עס אומגערן? ניט אלעמאָל. אָפּט קומט דער זעץ מיט א זידל־וואָרט באגלייט, א זידל וואָרט וואָס לאָזט זיך דערקענען אפילו ניט קענענדיק די שפּראַך. ענדלעך בלייב איך מיטן פירער אליין, דער לעצטער. דער פירער פאַנגט מיך אָן נעמען אויף פאַרהער: ווער איז דער אדרעסאַט, א קרוב, א פריינט, אָדער סתם א לאנדסמאן? ווי לאַנג איז ער אין לאַנד, וואָס טוט ער דאָ? איך וויל פארשטיין ווהין עס צילן זיינע פראַגן און ער דערקלערט מיר פשוט: דער אַדרעס איז זייער ווייט, געפינט זיך אין האַנדל־צענטער, דאָרט זיינען נאָר געשעפטן, אויב מיין אדרעסאַט באַשעפטיקט איז ער איצט זיכער ניט דאָרט, וועט ניט זיין ביז מאָנטאָג פרי. ווילט זיך מיר אָבער דאָך האָפן, אפשר. פּרוּביר איך בעטן מיין פירער: אלעמען האָט איר אוועקגעפירט, פארוואָס דווקא מיר איינעם ניט? כאָטש פארשטיין פארשטיי איך גוט, אז זיינע טענות זיינען גערעכטע. און אָט אזוי ריידנדיק דערגייען מיר צו א פלאַץ, ווו א גרויסע מענגע מענטשן פילט אָן מיט געדראנג די געסלעך ארום, שטופּט זיך אין געדראנג ביי טישלעך, וועגעלעך און ביידלעך, אָנגעלייגטע מיט פארשיידענע סחורות: שיך און קליידער, שפּייז און ספרים, מזוזות, תפילין, פלייש און פיש. דאָס געשריי פון קויפער און פארקויפער איז גרויס. פארשיידן קאָליריקע מענטשן דרייען זיך אין אַ ראָד, מאַכן זיך ענג אליין, ווי זיי וואָלטן פארגעניגנד געהאַט פון שטופּן זיך איינער איבערן צווייטן. „דאָ — זאָגט צו מיר מיין פירער — איז דער פעטיקאָט ליין; דאָס רוב זיינען דאָ אלע יידן; אויך אייער אַדרעס איז ניט ווייט פון דאַנען, בעט עמעצן וועט ער אייך צופירן, איך בין מיד, קען זיך מער ניט שלעפּן, נאָר ראָטן ראָט איך אייך צו אריינגיין היינטיקע נאַכט איבערנעכטיקן אין „שעלטער". איך האָב איינגעוויליגט. אריינקומענדיק אין „שעלטער", וואָס איז געווען א הכנסת־אורחים ווו דורכפאָרער האָבן זיך דאָרט אויפגעהאַלטן, האָט דער סעקרעטאר מיר דערלאנגט א בריוו פון מיין חבר אלתר. עס איז געווען א פארענטפערונג־בריוו, פארוואָס ער איז ניט געקומען מיר אָפּנעמען ביים שיף, היות שבת און זונטאָג זיינען ביי אים די סאמע פארנומנסטע טעג, אין זיי פאַרדינט ער זיין אָרעמע חיונה אויף דער גאַנצער וואָך, בכן וועט ער מיר קומען זען ערשט מאָנטאָג פרי. גם זו לטובה. אָבער ביי וואָס איז עס אלתר פארנומען דווקא שבת און זונטאָג, וואָס איז עס פאר אזא מלאכה, פון וועלכע מען פארדינט אין צוויי טעג אויף דער גאַנצער

וואָך, — דאָס האָב איך אויסגעפונען שפּעטער ערשט, ווען עס איז, במילא, מיר שוין אויך פאַרעפנטפערט געוואָרן די אָנצוהערעניש אין זיין ערשטן בריוו פון לאָנדאָן, אַז „פון הונגער שטאַרבט דאָ קיינער ניט", אלתר האָט עס מיר ביי אַ געלעגנהייט אליין דערקלערט: „מען שטאַרבט ניט פון הונגער נאָר פון שאַנדע, און אַזוי ווי קיינער קען דיר דאָ ניט, איז אויך ניטאָ פאַר וועמען זיך צו שעמען, טאָ שטאַרבט מען שוין ניט פון הונגער". אַ גאַרניט שלעכטע פילאָסאָ־פיע, מיט וועלכע ער האָט פאַרענטפערט דעם דאָך פייניקדיקן געוויסן, וואָס ער, דער געוועזענער ישיבה־בחור און ווויל לערנער דאַרף ציען חיונה פון זיין אַ מיסיאָנער.

קיין לאָנדאָן איז אלתר געקומען נאָר ווי אַ דורכפאָר־סטאַנציע, אויפן וועגן קיין אַמעריקע. אין די ערשטע נאַכט, נעכטיקנדיק אין „שעלטער" האָט מען אים באַגנבעט די פּאָר שווער אָפּגעשפּאָרטע רובל. געבליבן אָן הוצאות, אַ שטאַרק־געבילדעטער בחור און אַ פיינער אָראַטאָר האָבן די מיסיאָנערן, וועלכע זיינען דאַן שטאַרק טעטיק געווען צווישן די יידישע עמיגראַנטן, אים אַריינגענומען אין זייער נעץ, ניט צוליב איבערצייגונג, חס ושלום, נאָר צוליב די פּאָר פונט. איך האָב קיינמאָל ניט געהערט אים האַלטנדיק זיינע מיסיאָן־רע־דעס. ווייזט אָבער אויס אַז ער האָט עס געטאָן מיט הצלחה, צו דער צופרידנ־קייט פון זיינע בעלי־בתים. צו מיר האָט ער אַמאָל אַ זאָג געטאָן: צוליבן ווילן פון די מיסיאָנערן איך זאָל גלויבן אין זון האָב איך אפילו פאַרלאָרן די אמונה אין טאַטן...

מאָנטאָג פרי זיינען מיר ביידע אַרויס איבער לאָנדאָנער גאַסן. אלתר האָט איינגעקויפט דעם לאָנדאָנער מאכל, פיש מיט געבראָטן קאַרטאָפל, גוט באַזאַלצן און באַגאָסן מיט געווירצן. איך גיב אים אַ פרעג, סטייטש, אין מיטן גאַס, כל האוכל בשוק... „זיי ניט קיין נאַר — קומט דער ענטפער — חטוף ואכול, כאַפּ און עס אַזוי לאַנג ווי קיינער קען דיך ניט..."

דעם ערשטן טאָג שוין האָט ער מיר באַזאָרגט מיט אַ ביליגע קוואַרטיר און געגעבן אַן אַדרעס צו עפּעס אַ מעבל־פאַבריק, וווּ דער פּאַרוואַלטער איז זיינער אַ באַקאַנטער. לײדער האָב איך דעם דאָזיקן פּאַרוואַלטער ניט געפונען אין דער פון אלתרן אָנגעגעבענער פאַבריק. דערווייל איז שוין אַוועק אַ וואָך און מער פון מיין זיין אין לאָנדאָן. די אָרעמע גראָשנס אין קעשענע ווערן אַלץ וויניקער. די באַזוכן צו מיר פון אלתרן, וועלכע זיינען צו־ערשט געווען טאָג־טעגלעך, ווערן אויך זעלטענער, ביז זיי האָבן בכלל אויפגעהערט. צו וועמען גייט מען, צו וועמען זיך ווענדן? קיין נייע באַקאַנטע האָב איך נאָך ניט. כ׳פּאַנג אָן בלעטערן אין מיין ביכל אַדרעסן פון לאַנדסלייט און לאָז זיך אַוועק צום ערשטן בעסטן. איך קום אַרויף אין אַ הויז, ביי אַ בחור, אַ שניי־דער, וועלכער לעבט דאָ שוין איניקע יאָר צוזאַמען מיט זיינע צוויי שוועסטער.

זייערע עלטערן זיינען אין שטעטל, געלעבט ביי אונדז בשכנות און איך ברענג עס א גרוס. דעם בחור האָב איך געקענט און דערקענט, פאַנג איך אָן ריידן צו אים, ערשט — ער רעדט צו מיר ענגליש. דאָך, אין עטלעכע טעג האָב איך באַקענט א טייל לאַנדסלייט, וועלכע האָבן נאָך גערעדט צו מיר מאַמע־לשון און זיך פאַראינטערעסירט מיט מיין גורל. די גרעסטע צאָל פון זיי זיינען געווען שניידער, האָבן זיי געפּלאַנעוועט צווישן זיך מיר אוועקצוזעצן ביי א מאַשין, האָבן אָבער קיין מוט ניט געהאַט מיר עס פאָרצושלאָגן. כאָטש שוין האַלב־אויסגעגרינטע איז נאָך אַלץ ביי זיי געבליבן די שטעטלשע מאָס, אז א בעל־מלאכה איז ניט אזא יחוס אין דער משפּחה, טאָ ווי שלאָגט מען עס פאָר א „טאַטנס א קינד" צו ווערן א שניידער גאָר... איז שוין גלייכער עסן „טעג" — טעג עסן אויך אין לאָנדאָן — און לערנען זיך א שענערע מלאכה: אזוי ווי איך האָב א נייגונג צו האָלץ־שניצעריי איז געבליבן מיר אָפּגעבן צו א סטאָליער. טעג וועל איך עסן ביי די לאַנדסלייט, וואָס זיי אלע האָבן געלעבט אין יידישן געטאָ געגנט.

צוויי וואָכן האָב איך געלערנט סטאָלעריי. מיינע כוחות זיינען אָבער ניט געווען דערפאַר. האָט מען געפונען א פּוילישן יידן, א פּאָלירער, וועלכער איז גרייט געווען מיך אויסלערנען די מלאכה, בתנאי מען זאָל אים צוצאָלן פינף פונט. אזוי גיך ווי כ'וועל זיך אויסלערנען וועט ער מיר אָנפאַנגען צאָלן. ווו נעמט מען די פינף פונט? האָב איך אָנגעשריבן א בריוו צו מיין חבר, דעם קורשאַנער רב'ס זון, אין וועלכן כ'האָב אויסגעגאָסן מיין גאַנץ ביטער האַרץ. אָפּגעשיקט דעם בריוו. עס איז אָוונט. די לאָנדאָנער גאַז־באַלויכטענע גאַסן זיינען איבערפולט פון מענטשן און איך שטופּ זיך אָן איינזאַמער ביי די ווענט, אין מיין וועג צו מיין קוואַרטיר, ערשט — אלתר. ער שפּרינגט מיר אָן אנטקעגן, אנטשולדיקט זיך וואָס ער האָט די לעצטע וואָכן מיר ניט געקענט זען, ניט געווען הי, אָבער אָט גייט ער עס ערשט צו מיר טאַקע. דערצייל איך אים וועגן איצט אָפּגעשיקטן בריוו און ער פאַרזיכערט מיר, אז ער וועט אליין באַזאָרגן מיר דאָס געלט. נאָר ביי די ווערטער לויפט אָן אַן אויטאָבוס, אלתר שפּרינגט אויף אים ארויף און — ניטאָ מער. מער האָב איך אים אין לעבן ניט געזען, ניט געהערט פון אים, געהערט נאָר וועגן אים, אז ער האָט אָפּגעשפּאָרט די נויטיקע געלט אויף הוצאות קיין אַמעריקע און איז אַוועק אַהין.

צוויי וואָכן שפּעטער איז געקומען אָן ענטפער אויף מיין בריוו, אָן ענטפער מיט הילף. איך בין געוואָרן א מעבל־פּאָלירער און געגעסן טעג ביי די לאַנדסלייט. אזוי זיינען אַוועק עטלעכע חדשים. פּלוצלונג האָט דער ייד חרטה געקראָגן. די פינף פונט זיינען אים וויניק. האָב איך אָנגעפאַנגען ארומגיין גאַנצע טעג, פון פריען באַגינען ביז אין שפּעט אָוונט, ארומגיין זוכן ארבעט. בשעת אין לאָנדאָן איז גראָד געווען א גרויסע ארבעטלאָזיקייט און דער לאָנ־

דאָנער ווינטער האָט מיט דער גאַנצער האַרצלאָזיקייט זיך געביסן אין מיין גוף, דורכן אָפּגענוצטן מאַנטל, דורך די צעלעכערטע שיך. איך האָב געטראַמפּלט דורך שניי און רעגן, געקלאַפּט אין צענדליקער ווערקשטובן, פאַבריקן און קו־מען צוריק א מידער, א הונגעריקער און א פאַרפּייניקטער. און אָט, קומענדיק איין אָונט אהיים, צו מיין קוואַרטיר, געפין איך א מהומה: גנבים האָבן זיך אריינגעבראָכן און ארויסגעגנבעט האַלב־פאַרטיקע קליידער און מאַטעריאַלן, וואָס מיין בעל־הבית, א שניידער, פלעגט ארבעטן אהיים אין זיין פרייער צייט פון פאַבריק, ווו ער איז געווען באשעפטיקט. פון די פראַגן און פאַרהערן האָב איך באלד זיך אָנגעשטויסן, אז מען איז מיר חושד אין דער גנבה. נאָר דאָס האָט מיר נאָך אויסגעפּעלט אין מיין עלנטן מצב: פּאָליציי, א פאַרהער, גע־ריכט און אפשר גאָר ארויסגעשיקט ווערן פון לאָנדאָן. ביינאַכט האָב איך גע־פיבערט אויף מיין האַרטן געלעגער, זיך געזען א געשמידטן אין קייטן, ווידער „פּאָ עטאַפּ" אהיים, אפילו אָן א פויערישער פורל, ווי דאָס ערשטע מאָל, וועלכע זאָל אונטערן פירן די שטיקל וועג... מיטן אויפשפּראָץ אויף טאָג האָב איך זיך ארויסגעשאַרט פון שטוב, אוועק אין לאָנדאָנער נעפּל.

דאָס לעבן האָט זיך זיינע קאַפּריזן. אויף פּשוט יידיש: עס ווערט ניט טאָג איידער עס איז ניט גוט פינצטער. זיך שלעפּנדיק דורכן לאָנדאָנער פריי־מאָרגן־נעפּל בין איך פאַרביי א טויער, געזען א שילד פון א פּאָלירער און א פרוי שטייענדיק אין טויער. צוגיין, ניט צוגיין? נאָר אָט קוקט שוין די פרוי אויף מיר און איך טרעט צו, פרעג וועגן ארבעט. זי קוקט מיך אָן, הייסט וואַרטן און קומט ארויס מיטן מאַן. זיי קוקןביידע מיך אָן, נעמען מיך דורך מיט זייערע בליקן. וואָס זעען זיי אין מיר? הונגער, ליידן, אויסזיכטלאָזיקייט. זיי נעמען מיך אריין אין שטוב: וועסט דאָ אַרבעטן, האָסט שטענדיקע ארבעט דאָ — זאָגט דער בעל־הבית מיט א טאָן פון גוטסקייט — און וועגן שכירות וועלן מיר נאָך זען, כ׳וועל דיר ניט עוולה׳ן.

ווי ווייניק דאַרף א מענטש, כדי גליקלעך צו זיין.

אין ווערקשטוב האָבן געאַרבעט עטלעכע בעלי־מלאכות, צווישן זיי אויך איינער נאָך א לערן־בחורל, אין מיינע יאָרן, א קאָוונער. מיר זיינען באַלד אין ערשטן טאָג געוואָרן צוגעטאָן איינער צום צווייטן. ער האָט מיך דערנענטערט צו זיך, מיטגענומען דעם זעלבן טאָג צו זיך אהיים, ווו ער האָט געלעבט מיט זיינע עלטערן. עס איז געווען א טאָג פון פריידיקייט. און אז עס איז גע־קומען דער אָונט, כ׳בין מיט אומצופרידנקייט דערגאַנגען אין שטוב, — האָט אויך דאָ שוין געוואַרט אויף מיר א פריילעכער אָנזאָג: די גנבים געכאַפּט, די זאַכן געפונען.

אזויפיל פרייד אין איין טאָג, איז עס ניט צופיל פאַר אַן אָרעמען מענטשן?

פרייטאָגביים ענדיקן די וואָך ארבעט, האָב איך געקראָגן צען שילינג. עס איז געווען די ערשטע געלט, וואָס איך האָב פאַרדינט. פון איצט בין איך געוואָרן זעלבסטשטענדיק, אויפגעהערט עסן ביי פרעמדע טישן, אויפגעגעבן מיינע „טעג“, ניט געווען מער אָפּהענגיק פון פרעמדע.

צען שילינג א וואָך איז, צו יענער צייט, געווען גענוג א־יף אויסקומען פאר אזא איינעם ווי איך. כ׳האָב באלד פאַרלאָזן מיין אלטע קוואַרטיר, זיך אויסגעזוכט א בעסערע, ביי איינעם א קירזשנער; ערב־פסח זיך איינגע־האנדלט א געניצטן אַנצוג, אראָפּגעוואָרפן פון זיך די אַלטע קליידער, זיך ניט געשעמט מער באוויזן פאר די לאַנדסלייט, ווי אויך נאָך געקענט אָפּשפּאָרן א פּאָר שילינג אויף א שווארצערן טאָג. ערשט איצט, נאָך גענויע פינף חדשים זיך פייניקן אין לאָנדאָן האָב איך אָנגעפאַנגען זען די גאַסן, די שטאָט, די מענטשן מיט א קלאָרערן בליק, און — זיי זיינען מיר ניט געפעלן געוואָרן.

* * *

די יידישע ארבעטערשאַפט אין לאָנדאָן, — וועגן וועמען איך וויל איצט דערציילן. אייגנטלעך, וועגן א קעמערל, א בראנטש — וועגן די שניידער, וואָס זיינען אָבער צו יענער צייט געווען א שם־דבר: יידישע שניידער פון ווייטשעפּל. און אויך וועגן זיי וועל איך נאָר דערציילן פון איין אספּעקט: וועגן זייער סאָציאלן לעבן. געוויס איז אויך געווען אַנדערע אספּעקטן, ווי א פּאָליטישער און אנדערע. געווען זיכער פּאָליטיש־באוווסטזיניקע ארבעטער, וואָס זיינען אפשר אויך געווען אָרגאַניזירט אין קליינע פּאָליטישע קעמער־לעך, — זיי זיינען אָבער ניט געווען אָנזעעוודיק, על כל פּנים האָב איך זיי ניט געזען, ניט געפילט און איך דערצייל דאָ נאָר וואָס איך האָב אליין געזען און געפילט.

ווייטשעפּל, די איסט־ענד בריק־ליין, די אָרעמע געגנטן פון לאָנדאָן זיינען פול געווען מיט טויזנטער יידישע שניידער, וואָס זיינען אַהער צוזאמענ־געלאָפן פון אַלע טיילן יידיש קאָמפּאַקטע ישובים אין רוסלאַנד און געאַרבעט אין לאָנדאָנער קליידער־פאַבריקן. מיין בעל־אכסניה איז געווען איינער פון זיי.

לאָמיר דערציילן וועגן צוויי אזעלכע נאָדל־ארבעטער, צוויי, וואָס זיי־נען ווי טראָפּנס, וועלכע שפּיגלען אָבער אָפּ די גאַנצע מאַסע; צוויי, צו וועמענס לעבן איך האָב זיך געקענט צוקוקן מיט אלע דעטאַלן: —

מיין בעל־הבית, ווו איך האָב געהאַט מיין קוואַרטיר, דעם וועלכן מען האָט געהאַט באַגנבעט איז געווען א שניידער פון דער ליטע, א מיטלוווקסיקער, מער ווי דרייסיק יאָר אַלט. זיינע אויגן זיינען געווען אויסגעלאָמעט, מיט רויטע ראַנדן ארום, פון האלטן זיי אייביק אָנגעצילעוועט צו דער נאָדל; דער רוקן אויסגעקרימט, מיט איין פלייצע אראָפּגעזונקען, פון האַלטן שטענדיק אָנגעבויגן דעם קאָפּ, זיצנדיק מיט די פיס אונטער זיך, ווי דער שטייגער פון שניי־

דער. ער איז געווען א גוטער בעל־מלאכה און גוט פאַרדינט. געלעבט האָט ער, מיט דער פרוי און צוויי קליינע קינדערלעך, אין יידישן קוואַרטאַל פון בריק־ליין, אין א דריי צימערלעך וווינונג: דער פאָדער־צימערל, מיט די פענצטער צום גאַס, איז געווען דער שלאָף־קאַמער פאַר אלע פיר; דער צווייטער צימערל איז געווען די קיך און עס־שטוב, ווו מען פלעגט אויך צוזאַמענשטעלן פון בענקלעך א געלעגער פאַר מיר. דער פענצטער פון דאָזיקן צימערל איז ארויס צום הויף, אנטקעגן דער אלגעמיינער בית הכסא. דער דריטער איז געווען א קליינינקער דורכגאַנגס־צימערל, ווו עס איז געשטאַנען א ניי־מאַשין און א קליינער שניידער־טיש. געאַרבעט האָט ער אין א גרויסע פאַבריק, אין וועסט־ענד. באַגינען פלעגט ער זיך אויפהייבן, מיטנעמען די אים צוגעגרייטע טרוקענע שפייז פאַרן טאָג און אוועקגיין אין איין געלאָף. צוריקקומען פלעגט ער שפּעט אין אָוונט. די קינדער שוין געפינען לאַנג שלאָפנדיקע, אזוי ווי ער פלעגט זיי לאָזן שלאָפנדיקע. אָפט איז שוין אויך די פרוי געלעגן אין בעט. אויפן טיש האָט געוואַרט אויף אים א וואַרעמער מאָלצייט, דער איינציקער פאַרן גאַנצן טאָג. ניט באַווייזן עס אָפּצועסן פלעגט ער שוין זיך וואַרפן א מידער אין בעט.

שבת פלעגט ער קומען פון דער אַרבעט מיט האַלבן טאָג, ברענגען מיט זיך די וואָך־געהאַלט און עס אָפּגעבן דער פרוי, אויף הוצאות פאַר דער וואָך. ערשט איצט האָט ער זיך גענומען צום שלאָף, פאַר ניט דערשלאָפנקייט פון א גאַנצע וואָך. מיטן ענדע פון שבת פלעגט ער זיך אויפהייבן, זעצן ביי דער מאַשין און אריינאַרבעטן ביז א שטיק אין דער נאַכט און מאָרגן, זונטאָג, ביז נאָך מיטאָג. דאָס פלעגט ער מאַכן ארבעט פאַר פּריוואַטע קונדן, א הוספה צו דער פאַרדינסט אין פאַבריק, וואָס איז ניט געווען גענוג אויף פירן דעם אָרעמען לעבן און אוודאי ניט אויף אָפּשפּאָרן אויף א צייט פון ארבעטלאָזיקייט. נאָך מיטאָג פלעגט די פאַמיליע זיך אוועקלאָזן צו פריינד, לאַנדסלייט אָדער גאָר אין יידישן טעאַטער.

די אמתע רו־טעג פאַרן יידישן ארבעטער זיינען געווען די יידישע ימים־טובים. די געשעפטן און האנדלס־ערטער זיינען אין די יידישע געגנטן געווען געשלאָסן אויך שבת, אזוי ווי אין אלע יידישע ימים־טובים, די ארבעטער זיינען אָבער, צום גרעסטן טייל, געווען שבת באַשעפטיקט אין די יידישע און ניט־יידישע פאַבריקן. אין די ימים־טובים זיינען זיי געווען פריי און עס אויסגענוצט פאַר פולע רו, פאַר שפּאַצירן, ארויספאָרן צו א פּאַרק, פול מאַכן אין דער פרי די שוהלן, הערן א גוטן חזן, גיין צו לעקציעס, הערן רעדנער. די יוגנט פלעגט גיין טאַנצן, שפּילן ביליארד. די טעג פון יידישע ימים־טובים — און ניט די קריסטלעכע פייערטעג און זונטאָגס, ווען דער גרעסטער צאָל ארבעטער ארבעטן פאַר זיך — זיינען געווען רו־פולע, פאַרגעניגנדיקע.

געווען אָבער איין פאַרגעניגנד אין וועלכער דער גרעסטער צאָל יידישע אַרבעטער איז אַריינגעצויגן געוואָרן, געפונען פאַר דעם צייט אַלע טעג פון יאָר און אפילו געפונען פאַר דעם די לעצטע גראָשנס, קישקע־געלט, אָפּגע־שפּאָרטע פון מויל, — דאָס איז געווען דער ענגליש־נאַציאָנאַלער ספּאָרט: פערד־געיעגן, רייסעס. די יידישע אַרבעטער, די שניידער, צווישן וועלכע איך האָב זיך געפונען, די נעכטיקע „גרינע״, עמיגראַנטן, זיינען אַזוי אַנגליזירט געוואָרן אין דעם הינזיכט, אַזוי פאַרקאָכט אין פערדישן שפּיל, אַז זיי האָבן אָפּגעשפּאָרט פון זיך די לעצטע פּעני, פון זייערע קינדערשע מיילער דעם ביסן, אַבי פּראָבירן מזל אין פערד־געיעג. קיין וווּנדער איז עס ניט געווען. די לופט האָט געאָטעמט מיט שטאַל. אומעטום ווו דער אַרבעטער איז געגאַנגען האָט ער געהערט וועגן „טיפּס״, וועגן „רייסעס״, נעמען פון פערד.

יעדער מענטש כמעט האָט א נטיה צו מזל־שפּילערייען, ווו מען שטעלט איין גראָשנס און מען קען געווינען. ווער רעדט נאָך אַז אַלץ אַרום אָטעמט ממש דערמיט, אַז גאַנצע אַרמייען מענטשן הערן ניט אויף ריידן און איינריידן, האַלטן אין שפּאַנונג, צעצינדן די פאַנטאַזיע וועגן א לייכט געווינס, וואָס איז גאָרניט אין פּראָפּאָרץ צו דער איינגעשטעלטער סומע. די פּאָר פּעניס אויף אַריינגיין אין פערד־מזל־קאָרעהאָד ווערט אויך באַלד צוגעשטעלט. אויב ס׳געניגט ניט די עטלעכע שילינג, וואָס די ווייב גיט אים צוריק, אויף זיין וואָכנטלעכע הוצאה, רייכערן, פאָר־געלט, — איז שוין באַלד א״יפּן אָרט, אין יעדער אָרט ווו ער אַרבעט, פאַראַן א מענטש וואָס לייט אויס די פּאָר פּעניס אויף איינשטעלן, לייט אויס אויף פּראָצענט ביז ענדע וואָך, ווען מען וועט קענען אַראָפּכאַפּן פון די שכירות, איידער מען טראָגט עס אוועק דער ווייב. פלעגט אָבער גאָרניט זעלטן פּאַסירן, אַז איינער ווערט אַזוי אַריינגעצויגן אין שפּיל, ביז דורך דער וואָך פאַרשפּילט ער זיין גאַנצן געהאַלט. דער אַנטלייער שטייט ביים אָפּנעמען דאָס געלט, ווייל פון גאָרניט וועסן, געליען דאַרף מען באַצאָלן, טאַקע מיטן גאַנצן פּראָצענט. קומט אַזא איינער שוין ניט פון דער אַרבעט צוריק אהיים, ווערט ערגעץ פאַרשווונדן, ווי ס׳איז פאַרשווונדן זיין שווער פאַרהאָרעוועט געלט, ביז פּאָליציי דאַרף אים אויפזוכן און צוריקברענגען צו ווייב און קינד. אַזעלכע געשעענישן זיינען געווען ניט קיין זעלטענע און דאָך האָט דאָס שפּיל צעצונדן אַלץ מער און מער פון די נייע עמיגראַנטן, זיי אַריינגעצויגן אין נעץ פון האָ־פענונג, שפּאַנונג און אַזאַרט. מיט שטוינונג פלעג איך צוקוקן ווי מיינע חברים, אַרבעטער, פלעגן זיך וואַרפן פיר אַזייגער אויף דער צייטונג, מיט האַרץ־קלאַפּן קאָנטראָלירן צי ס׳האָט געווונען „זייער פערד״, אויף וועלכן זיי האָבן „געבעקט״, געשטעלט. איך האָב זיך געהאַלטן ווייט פון דעם, ווייל דאָס יאָרן־לאַנג לערנען אין ישיבות איז מיר נאָכגעגאַנגען אין אַלץ. מיין לעבן איז אויך דאָ געבליבן מער א אינזיכיקער, א לעבן פון מער האַרץ, געדאַנק, וואָס לאָזט

זיך ניט אזוי לייכט צוזאמענמישן מיטן פרעמדן, חומרדיקן ארום. און דאָך, אויך מיר איז באַשערט געווען צו איבערלעבן דעם שפּאַנונג־געפיל פון מיינע חברים, ווי זיי פּרובירן מזל...

מיין נייער בעל־הדירה, דער קירזשנער, האָט אויך געאַרבעט אין וועסט־ענד. זיין פּאַרדינסט איז געווען קליין. ער האָט אָבער געהאַט א ביליגע דירה, אין איינעם פון די ראָטשילד בנינים, האָט עס אים פּאַרביליגט דאָס אויסקומען. ביי אים איז דאָס פערד־שפּילעריי געווען שוין גאָר שטאַרק אנטוויקלט. די פּאַרדינטע וואָכן־געלט האָט ער אָפּגעגעבן זיין פרוי, זיך איבערלאָזנדיק נאָר צוגעציילטע פּענים, פּאָר־געלט אויף צו און פון דער ארבעט. אויף שפּילן האָט ער געהאַט א גאָר באַזונדערע קוועלע: ער פלעגט אָפּקויפן פון שניידערס די אָפּפאַל־שטאָפן און עס פארקויפן אין זיין ווערקשטוב אויף מאַכן היטלען. יעדן פרימאָרגן, ארויסקומענדיק צוזאמען אויפן וועג צו דער ארבעט, פלעג איך זען ווי ער קויפט א צוויי־זייטיק קאָלירט בלעטל פּאַפּיר. איך האָב געזען אַז עס איז ניט קיין נייס־צייטונג. גיב איך אים איינמאָל אַ פרעג, וואָס פאר א בלעטל דאָס איז. ער דערקלערט מיר: עס איז א „טיפּסטער", וואָס ווערט יעדער פרימאָרגן ארויסגעגעבן פון א מומחה אין פערד־געיעגן און מערקווירדיק, ער טרעפט כמעט אלעמאָל. אָט — גיט ער מיר שוין אָנצוהערן — נעכטן האָב איך אים טאַקע געפאָלגט, געשטעלט אויף דאָס פערד וואָס ער האָט געהייסן און געוווּנען... פון דעם טאָג אָן האָט מיין בעל־הדירה מיך גענומען אין די הענט אריין: אז א מענטש זאָל זיצן אין לאָנדאָן שוין באלד 6 חדשים און זיין אַלץ פאַרטאַרעראַמט מיט זיך, פאַרשלאָסן אין די אייגענע ד' אמות, ניט וועלן אפילו פּרובירן אמאָל דעם אייגענעם מזל, וואָס איז, אזא גביר זייט איר עס, די פּאָר שילינג וועלן אייך ניט צונוץ קומען? און ווער רעדט נאָך אז עס האנדלט זיך ניט אלעמאָל וועגן עטלעכע שילינג, אז גאָט העלפט איז... געהערט אזעלכע רייד, און טאָג־טעגלעך, טאָ ווי איז מען עס טאַקע א גזלן אויף זיך אליין...

איין פרימאָרגן, אראָפּגייענדיק צו דער ארבעט, גיט ער א זאָג: גיט אהער 10 שילינג און לאָמיר שטעלן שותפות. איך וויליג איין און דער שותפות ווערט אָפּגעמאַכט: מיר „בעקן" נאָר אויף איין רונדע יעדן טאָג, אויף דער גרעסטער, אויף דעם פערד וועלכן דער „טיפּסטער" רופט אָן. דער נאָמען פון פערד זאָגט ער מיר יעדער פרימאָגן. אָפּגעמאַכט די באדינגונגען, מיר וויקלען איין דאָס געלט אין א שטיקל פּאַפּיר, שרייבן אויף דעם נאָמען פון פערד און, פאַרבייגייענדיק, אויפן גאַס־ווינקל, שטופּן מיר אריין אין האַנט פון א מענטשן די שטיקל פּאַפּיר מיטן געלט. שוין אין ערשטן טריט א פאַרבאַטענע זאַך געטאָן: „בעקן" אויפן גאַס איז ניט דערלויבט, פארבונדן מיט גרויסע שטראָף. איך קום צו דער ארבעט און פאַנג אָן איבערלעבן דעם זעלבן

געפּיל פון מיינע חברים: מיך הייבט פון אָרט, עפּעס צעשטורעמט זיך אינע־וויניק אין מיר, די נערוון שפּאַנען זיך מיט אומגעדולד אין דערוואַרטונג אויפן נאָך־מיטאָג, ווען עס דערשיינט די אָוונט־צייטונג, ווו די רעזולטאַטן פון די געיעגן זיינען פאַרעפנטלעכט. אין דער זעלבער וואָך האָט נאָך מיין שפּאַ־נונג דערגרייכט צו ווילדקייט: געוואונען, און גראָד א גרויסע סומע. איך לויף אין אָוונט אַהיים אָן האַרץ, פּאַל קוים אַריבער דעם שוועל, עפּעס אַ קליינ־קייט אזא גליק. ערשט כ׳געפין מיין בעל־הבית א רואיקן, ווי גערנישט וואָלט פּאַסירט. וואָס, האָט ער די צייטונג ניט געזען? ערשט ס׳ווייסט זיך ארויס כ׳האָב א טעות געהאָט. עס האָט זיך געטראָפן אזוינס, וואָס טרעפט זיך זייער זעלטן: צוויי פערד זיינען אַריין גלייך, אויף דער טאַקע אויף וועלכן מיר האָבן געשטעלט, זיינען זיי איבערגעלאָפן נאָך אַמאָל און דאָ האָט אונדזער נאַרי־שער פערד פאַרשפּילט. גיי האָב טענות צו א פערד... נאָר אָט גייען אוועק נאָך צוויי טעג און ווידער — „אונדזער״ פערד האָט געוואונען דעם הויכן פּרייז פון איינס צו צוועלף. קום איך שוין ווידער אהיים מיט שמחה. ערשט — אָן אומגליק, מיין שותף האָט זיך ביי דער ארבעט געלאָזט איבעררײדן פון חברים, געביטן דעם פערד, אויף וועלכן מיר האָבן היינט פרי געשטעלט. דאָס איז שוין געווען גענוג גענוג פאַר מיר, גענוג אויפן גאַנצן לעבן.

* * *

מיין ליבשאַפט צום ציוניזם איז זיכער געווען א ליבשאַפט צו ארץ־ישראל, וואָס איז איינגעזאַפּט געוואָרן מיט, ווי מען זאָגט, דער מאַמעס מילך, פון חדר, פון חומש. דערפון איז געקומען מיין מיט האַרץ און געדאַנק אָנגע־העריקייט, כאָטש אויפן פּאַפּיר ניט צוגעשריבן, צום פּאָליטישן ציוניזם, צו דער הערצילאַנישער אידעע פון שיבת־ציון. עס איז געווען דער חלום אויף משיחס קומען, אויף יידישע גאולה, דער אייביקער חלום אין יידישע הערצער. ווי דערפרייט בין איך דערפאַר געוואָרן זעענדיק אין דער לאָנדאָנער יידישער צייטונג, אז דער פירטער ציוניסטישער קאָנגרעס וועט בקרוב אָפּגעהאלטן ווערן אין לאָנדאָן. וואָכן און חדשים זיינען אוועק און איך האָב געיומטובט מיטן געדאַנק, צו זוכה זיין זען די ציוניסטישע מנהיגים, הערן דאָס וואָרט וועגן גאולה. אליין טאַקע הערן זיי, אליין טאַקע זען זיי, די וועלכע חלומען אזוי הויך דעם חלום פון יידישן אומקער צו אייגן היים, צו אייגן לאַנד, צו לאַנד און היים, וואָס איז אזוי ווייט און דאָך אזוי נאָענט.

שבת־אָוונט, א טאָג פאַר דער עפענונג פון קאָנגרעס, איז גערופן גע־וואָרן אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג, אין איינעם פון די גרעסטע זאַלן אין ווייטשעפּל, ווו ד״ר מאַקס נאָרדוי איז געווען דער הויפּט־רעדנער. דער זאַל איז געווען איבערפולט. די מענטשן צוגעבויגן צו דער טריבונע, ווי פארכישופט פון רעד־נערס פּנים און וואָרט. ד״ר נאָרדויס קלוגע פייער־שיטנדיקע אויגן האָבן גע־

לויכטן, אָנגעצויגן צו זיך די צוהערער. זיין רונד שיין ווייסע באָרד, די ווונדערלעכע אויגן און שטערן, זיין האלטונג, אלץ האָט ארויסגערופן פארכאַפנדע באגייסטערונג; זיינע ווערטער זיינען געפאלן ווי גראַניט שטיקער. און ניט קיין מליצה איז עס: אזוי האָבן יידישע מענטשן דורך אלע דורות אויסגעחלומט דאָס אויסזען פון די נביאים! זיינע ווערטער האָבן זיך געשניטן אין דער פארזאמלונג, ארייַנגעשניטן זיך אין זכרון ביז אויף היינטיקן טאָג: „די וועלט ווונדערט זיך פארוואָס דווקא איצט, ביים סוף פון נייַנצנטן יאָרהונדערט, האָט זיך אויפגעוועקט אין אונדזער פאָלק אזא שטאַרקער דראַנג צו שיבת־ציון, צום אלטן פאָטערלאנד; די וועלט ווונדערט זיך פאַרוואָס דווקא איצט, ניט אין די צייַטן פון גרוש שפּאַניע, פּאָרטוגאַל א.א.וו.“. ד״ר נאָרדוי האָט געשטעלט די פראַגע און געענטפערט מיטן פיינעם משל: א שיפס־רייזנדער איז געקומען צום קאַפּיטאַן אויפן דריטן רייזע־טאָג בעטן אן אָרט ווו צו שלאָפן. דער ענטפער פון קאַפּיטאַן איז געווען, אז דער רייזנדער זאָל שלאָפן אויפן זעלבן אָרט ווו ביז איצט. „אָבער דאָס איז אוממיגלעך — ענטפערט דער רייזנדער — ביז איצט בין איך געשלאָפן צוגעשפּאַרט אָן די קראנקע פאסאזשירן, איצט זיינען זיי געזונט געוואָרן און ניט נאָר לאָזן זיי זיך ניט אָנשפּאַרן — שלאָגן זיי נאָך“. און נאָרדוי האָט אויסגעפירט: די וועלט איז קראנק געוועזן. אין מסחר, ווירטשאַפט, באַנק־וועזן האָבן מיר געהאַט אַן אָנשפּאַר, אַ דאַנק אונדזערע פייאיקייטן. איצט האָט די וועלט די אלע זאַכן זיך אליין אויסגעלערנט, געוואָרן געזונט און שטאַרק, וויל זי אונדז מער ניט...

אונטערן רושם פון זיינע רייד, אונטערן טיפקייט פון לאָגישן געדאַנק און די פאָרעם ווי דאָס איז ארויסגעבראַכט געוואָרן האָב איך ערשט איצט פארשטאַנען דעם וואָרט און געדאנק כוח פון אונדזערע נביאים. זייער נבואה איז געווען אויף א גאולה בעתה, וואָס וועט קומען מיט דער צייט, דאָ איז געשטאַנען אַ מאָדערנער נביא און צעצונדן הערצער פאַר אחישנה, פאַר אונטעראיילן די גאולה, מאַכן א סוף צום לאַנגן גלות, מיט פּאָליטישע מיטלען און מיטן ווילן פון פאָלק.

אויף מאָרגן פרי האָט געזאָלט דערעפנט ווערן דער קאָנגרעס. מיין ווילן איז געווען באשלאָסן: גיין. ווי גייט מען אָבער ווען מען איז אָפּהענגיק פון יענעמס ווילן, ווען דיין צייט איז פארקויפט צו א חיונה־געבער, א בעל־הבית, אין וועמענס הענט עס ליגט דיין ביסן ברויט, וועלכן דו ווילסט ניט, טאָרסט ניט, שטעלן, אין סכנה.

מיין ברויט־געבער האָב איך זייער ווייניק געקענט, אין זיין כאַראַקטער, זיין אינערלעכקייט. אויסער מיין ארבעט האָב איך מיט אים קיין מגע ומשא ניט געהאַט. קיינמאָל בין איך אפילו ניט אריבערגעטראָטן דעם שוועל פון ארבעט־צימער צו די ווייטערדיקע צימערן, ווו ער האָט געלעבט מיט זיין

משפחה. דער ארבעטער איז אין יענער צייט געווען א קנעכט פאר זיין באַ־לעבאָס דעם האַר, אָן וועלכע ניט איז געמיינזאַמקייט צווישן זיי, אָן אויסבייטן זיך אַמאָל אפילו א וואָרט, וואָס זאָל ניט האָבן קיין דירעקטע שייכות צו דער ארבעט. די דיסציפּלין ביי דער ארבעט איז געווען א שטרענגע, דורך אלע צוועלף שעה פון טאָג. האָט אַן אַרבעטער פאַרשפּעטיקט אין דער פרי, אפילו אויף אייניקע מינוטן, האָט ער שוין געפונען דעם טויער צוגעמאַכט, זיינע שכי־רות אראָפּגערעכנט, אָפט אויף פיל מער צייט ווי ער האָט פאַרשפּעטיקט.

דער קאָנגרעס איז אויסגעפאַלן אין דער צייט ווען ארבעט איז דאָ א סך. אין אזא צייט האָט אַן אַרבעטער, און נאָך אזא ווי איך, וואָס איז ניט געווען געענוג אריין אין דער מלאכה, געמוזט זיין זייער פאַרזיכטיק ניט צו פאַרשפּע־טיקן, ווער רעדט שוין אינגאַנצן ניט קומען. דער באַלעבאָס האָט אָפט אזעלכע פאַרשפּעטיקונגען אויסגעטייטשט ווי סאַבאָטאַזש און לייכט אָפּזאָגן פון דער ארבעט.

מיטן אויפשפּראָץ אויף טאָג בין איך שוין געשטאַנען ביים טיר פון קאָנגרעס־זאַל און, צו מיין פאַרוואונדערונג, שוין אָנגעטראָפן אויף א צאָלפולן עולם. אזוי באַלד ווי טירן האָבן זיך נאָר אָן עפן געטאָן האָט עולם זיך אריינ־געכוואַליעט אין זאַל. איך האָב פאַרכאַפּט אַן אָרט אויף דער גאַלאָרקע, פּונקט אַנטקעגן דער טריבונע. נאָך שעה'ן וואַרטן, אז ד״ר הערצל איז אריין אין זאַל, ארויף אויף דער טריבונע, האָב איך איבערלעבט און געזען דעם שענסטן און פאַרגאַפּנדיקסטן בילד אין מיין לעבן. זאָגן: „א קעניג איז געשטאַנען פאַר זיין פאָלק?״ — זיינען אָפּגעבליאַקעוועטע ווערטער. עס איז געווען מער ווי דאָס. איך האָב נאָך ניט געזען אזא געשטאַלט דורך אלע מיינע זיבעציק יאָר.

איך בין דורכגעזעסן דעם טאָג. געזעסן אָן עסן, אָן טרינקען, א צו־געשמידטער צו מיין אָרט.

אויף דער נאָך־מיטאָג זיצונג איז געשטאַנען א קולטור־פראַגע אויפן סדר־היום, איבער וועלכער הרב ריינעס און נחום סאָקאָלאָוו האָבן רעפערירט און זיך קעגנזייטיק באקעמפט. די אויפרעקונג צווישן די דעלעגאַטן איז גרויס געווען. אלע ווילע האָבן היציקע זיך אָפּגעריסן פון זייערע ערטער, אריינגעשריען אין צווישן. אָפט איז דערגאַנגען צו טומל, צו רעש. כאָטש עס זיינען זיך צונויפגעקומען די בעסטע און גרעסטע זיינען זיי נאָך אָבער ווייט געווען פון א טראָפּן פאַרלאַמענטריזם. יידישע היציקע אומגעדולדיקייט האָט אלע ווילע זיך געלאָזט שפּירן אין זאָל. דער איינציקער וואָס האָט אָבער איינגענומען און איינגעשטילט אין סאַמע פאַרביסנסטן קאַמף, — דאָס איז געווען הערצל. געענוג געווען ער זאָל זיך אויפשטעלן און שוין — דער רעש האָט זיך געשטילט. זיין וואָרט האָט א קלונג געטאָן אין זאָל און אָרדענונג איז געקומען אין דער דעבאַטע, צוריק געבראַכט אויפן גלייכן דיסקוסיע־וועג

פאַרקרימטע מיינונגען און געדאַנקען. ער, הערצל, איז עס געווען. און ווייל די אויג וואָס האָט עס געזען.

* * *

אויף מאָרגן פרי בין איך דער ערשטער געווען אין ווערקשטוב. דער־וואָרט א חקירה ודרישה, פאַרן נעכטיקן ניט קומען. עס איז פאַרביי דער טאָג, א צווייטער און ווי איבערראַשט בין איך געוואָרן ווען ענדע וואָך האָט מען מיר אויסגעצאָלט די גאַנצע געהאַלט, ניט אראָפּגערעכנט פאַרן פאַרפעלטן טאָג. איך האָב געמיינט אַז עס איז א טעות און צוגעקומען צום באַלעבאָס, גע־שטאַמלט, אַז איין טאָג האָב איך פאַרפעלט, קראַנק געווען. „קראַנק, — זאָגט מיין באַלעבאָס מיט א שמייכל — איך ווינטש אַלע יידישע קינדער דיין קראַנקייט".

פון דאַן איז ער אפילו געוואָרן פריינדלעכער צו מיר, אָפט צוגעוואָרפן א בליק מיט אָפענער נאָענטקייט, ווי עפּעס איין סוד וואָלט אונדז פאַרבונדן. שפּעטער האָב איך זיך דערוווסט: ער אַליין האָט אויך דעם גאַנצן טאָג פאַר־בראַכט אויפן קאָנגרעס, מיר דאָרט געזען און זיך ניט וויסנדיק געמאַכט. גיי שאַץ א יידישע נשמה...

* * *

עס איז געווען יאָר 1901, שוין מער ווי א יאָר געווען אין לאָנדאָן און קיין אמתדיקע פריינד זיך נאָך אַלץ ניט געהאַט צוגעקליבן. א פרעמדער אין א פרעמדער שטאָט און סביבה. אויך דערוויל צו גאָרניט דערגרייכט. א ישיבה־בחור, ווי כ'בין נאָך אַלץ געווען, האָב איך אויך אין מיטן לאָנדאָן זיך אוועקגעזעצט פירן חשבון מיט זיך, ווי אַן אמתער מוסרניק: מה חובתי בעולמי, וואָס איז דער תכלית פון מיין זיצן דאָ, נעכאַי איך לעב, שטופּ אָרעמע טעג אָן זין און וווהין? צו וועלכן זין־ברעג, צו וועלכן ציל, אַז מיין הויפּט־ציל — העלפן דער משפחה — וועט דאָך קיינמאָל ניט קענען פאַרווירקלעכט ווערן, ביי א פאַרדינסט פון פּרוטות, וואָס קלעקט קוים צו אויפהאַלטן דעם אייגענעם נאָקעטן לעבן. כדי אָפּשפּאָרן פאַר א שיפס־קאַרטע קיין אַמעריקע, אָדער ווער רעדט גאָר קיין אפריקע, דאַרף איך אַרבעטן יאָרן און יאָרן. ולכן, ווו איז דער אויסוועג? ווידער בין איך אַרומגעגאַנגען פאַרביטערט און טרויעריק. קוים מיט צרות זיך דערשלאָגן צו האָבן חיונה און אָט, ווידער פּראָבלעמען, וועלכע דערדריקן דאָס געמיט. פאַראיאָרן נאָך אין זאָרג וועגן א בילעט קיין לאָנדאָן, היינט אין זאָרג — ווו נעמט מען אויף א בילעט צו קענען אַנטלויפן פון לאָנדאָן. אייביק מענטשלעכע אומצופרידנקייט.

אין יענער צייט האָב איך געקראָגן דעם אַדרעס פון מיין קוזין אין דרום־אַפריקע, דער וועלכער האָט מיר דערציילט אין שטעטל, פאַר זיין אָפּפאָר, וויפל געלט מען דאַרף האָבן אויף קומען קיין אפריקע און דערמיט אָפּגעשלאָגן

אַלע מיינע האָפענונגען דאַן. היינט איז ער שוין געווען אָנדערהאַלבן יאָר דאָרט. אָנגעקומען אין אפריקע פארן אויסברוך פון בורן־קריג און זיך באַזעצט אין יאָהאַנעסבורג. מיטן אויסברוך פון קריג איז ער אַוועק קיין דערבן און אַהין האָב איך אַדרעסירט מיין בריוו. עס איז געווען א בריוו פון סתם זיך אַראָפּגערעדט פון האַרצן, אונטערן כלל: אדרבה וירוח לי, אָבער גאָרניט געבעטן ביי אים, פשוט ניט גלויבנדיק אז ער איז שוין בכוח מיט עפּעס מיר צו העלפן. ווי איבערראַשט בין איך אָבער געווען קריגנדיק פון אים, צוויי חדשים שפּעטער, אַן ענטפער מיט א באַצאָלטע שיפס־קארטע, צו קומען קיין דרום־אפריקע. מיין פרייד איז געווען ווי פון אַן ארעסטאַנט, וועלכן מען זאָגט פלוצלונג אָן די פרייהייט.

נאָך צוואַנציק שווערע חדשים אין לאָנדאָן האָב איך פארלאָזן די שטאָט, וועלכע האָט מיך אזוי אומפריינדלעך אויפגענומען, געשפייזט מיט מאַטערניש, וועלכע איז מיר די גאַנצע צייט געבליבן פרעמד און איך — אַן איינזאַם־פרעמדער צווישן אירע מיליאָנען. איך האָב זיך געפרייט איר צו פארלאָזן.

# דרום־אפריקע

א דאַנק דיר לאָנדאָן פאַר קליינע חסדים. — אָט איז דאָס לאַנד דאָס געחלומטע. — דערבן, צענטער פון יאָהאַנעסבורגער פליטים אין בורן־קריג. — ליכטיקע און שוואַרצע טעג אין דער נייער שוואַרצער וועלט. — יאָהאַנעסבורג. — אין געיעג צו גאָלד. — דערוויל האנדלט מען מיט שמאַטעס. — א קהלה ווערט געבאָרן. — זייט געדאנקט יידישע מאַמעס. — געשעפטלעכער דערפאָלג. — יוגנט איז שטאַרקער ווי שווינדזוכט. — חתונה אַנשטאָט טויט. — צוריק אויף באַקאַנטע וועגן. — סטרייק, מלחמה, מגפה. — אין די נעגל פון טויט. — די ווייסע באפעלקערונג שליסט איר לעבנס־בונד מיטן שוואַרצן לאַנד.

די שיף, אַן איבערפולטע מיט פּאַסאַזשירן, פון פאַרשיידענע לענדער, האָט זיך אָפּגעריסן פון לאָנדאָנער האַפן. אוועקגעסאָפּעט אין דער בלויקייט פון ים. פון שיף־דעק האָב איך אַראָפּגעקוקט צו לאָנדאָן, מיט א בליק געזעגנט זיך מיט איר, מיט א צופרידנקייט פון איינעם וואָס פאַרלאָזט א תפיסה. איך בין געווען גליקלעך, ניט ווי ביז איצט, ווען מיין הארץ איז אלעמאָל באַטריבט געווען פאַרלאָזנדיק אַן איינגעזעסענעם אָרט, דעם אומבאשטימטן גורל אַנטקעגן. לאָנדאָן האָט מיך ניט אויפגענומען, ניט געוואָרעמט, אזוי האָט אויך איצט מיך פון דאַנען קיינער ניט באגלייט. איינזאַם זיך אריינגעשליכט אַהער, אַן איינזאַמער איר פאַרלאָזן. און דאָך, אומדאנקבאר דאַרף מען ניט זיין אויך פאַר קליינע חסדים. אין לאָנדאָן האָב איך צום ערשטן מאָל דערזען די גרויסע וועלט, געלערנט א שפּראַך און אַ פאַך, וואָס איז מיר נאָך גאָר צונוץ געקומען אין ווייטערדיקן וואַנדער.

יידישע פּאַסאַזשירן זיינען געווען גאָר אין א קאָנטיקער צאָל. אלע אין פערטן קלאַס, אין דער לעצטער שיף־טיפקייט, ווו דריי־עטאַזשיקע צוזאַמענגעהאַקטע ברעטער, פאַרדעקטע מיט שטרוי־זעק האָבן געדינט פאַר שלאָף־נאַרעס. פינצטער און שטינקיג. קיין כשר עסן איז ניט געווען, האָבן א סך יידן זיך באגנוגנט מיט קאַרטאָפל און הערינג, די גאַנצע פיר וואָכן רייזע.

דער גרעסטער צאָל פּאַסאַזשירן אין אונדזער קלאַס זיינען געווען שקאָט־לענדער, פּארגרעבטע, די פּסולת פון דאָרט. דורכן טאָג זיינען די יידן געווען אָפּגעזונדערט פון זיי, — אַן עם לבדד ישכון. די צרה איז געווען ביינאַכט: די דאָזיקע פלעגן אָפּט אַראָפּבריקן די יידן פון דער נאַרע, צעביילן, און אז מען האָט זיך פארקלאָגט פארן קאַפּיטאַן — האָט עס נאָך ערגער געמאַכט.

איז דאָס געווען די העכסטע פאָרם פון גראָבקייט: אַנטיסעמיטיזם, אָדער סתם גראָבקייט? אין געלאַף פון נויט, צו א פרייערן, מענטשלעכערן לעבן איז דאָס געווען די ערשטע באַגריסונג. פארן אָנקומען קיין קייפּטאַון איז די לאַגע געוואָרן ממש געפערלעך, האָט מען אויסגעווילט בעסער צו פאר־בלייבן די נעכט אויבן, אויפן דעק.

עס איז געווען אין אויגוסט 1901. די פיר וואָכן פון האלבן הונגער און יסורים האָבן זיך געענדיקט. די שיף האָט געאַנקערט אין קייפּטאַון.

דער בורן־קריג איז געווען אין סאמע רעכטן ברען. פאָרן מיט דער באַן איז געווען סכנת־נפשות, האָב איך פאָרגעזעצט די רייזע קיין דערבן מיט דער זעלבער שיף, נאָכדעם ווי אַלע יידישע פּאַסאַזשירן זיינען אַראָפּ אין קייפּ־טאַון. זעקס טעג שפּעטער זיינען מיר שוין געווען אין דערבן, ווו אלע אימי־גראַנטן זיינע אויסגעשטיגן אָן וועלכע פאָרמאַליטעטן. א פריי לאַנד, אָן אימי־גראַציע־שוועריקייטן, וואָס אין דער היינטיקער פאַרהאַמערטער און פארגרע־נעצטער וועלט איז זיך עס גאָר שווער פאָרצושטעלן.

איך האָב אראָפּגעקוקט פון שיף־דעק: אָט איז דאָס לאַנד דאָס גע־חלומטע. פאר דיינע אויגן ליגט א קליינע שטאָט מיט ווייטע פוסטע שטרע־קעס ארום. ווו דיין הארץ גלוסט — גיי און באַזעץ זיך, גיי און נעם, דאָס לאנד וואַרט אויף דיין קומען.

ביי אונדזער שיף האָבן זיך צוזאמענגעשפּאַרט עטלעכע הונדערט מענטשן, צווישן זיי א סך אוניפאָרמירטע, אויפגענומען עפּעס א גרויסן באַ־אַמטן, וואָס איז געקומען אויף דער זעלבער שיף. אלע געקומען מקבל פנים זיין אים. און פאַר מיר — איך וואַרט נאָר אויף איינעם, מיין קוזין, נאָר ער איז ניטאָ. שלעפּ איך זיך אראָפּ מיט מיין גרינעם אַלטן קאַסטן, שטיי און קוק אין דער ווייטער ברייטקייט אריין. ביז ארום מיר ווערט שטיל, אלע שוין צע־פאָרן זיך. פלוצלונג גיבן זיך א באַווייז עטלעכע האלב נאַקעטע שוואַרצע, מיט ליים באַשמירטע געזיכטער, די קעפּ באַצירט מיט פעדערן און הערנער, איינגעשפּאַנט אין צוויי רעדלדיקע וועגעלעך. זיי שרייען צו מיר, קלינגען מיט זייערע גלעקלעך אויף פיס און הענט און ווייזן מיך זיך אריינצוזעצן אין זייע־רע קאַרעטעס. עטלעכע מענטשן האָב איך געזען טאָן אזוי, טו איך עס אויך און שוין הוידע איך זיך מיט מיין קאַסטן, געשלעפּט פון דעם לאַנג־שפּרייזנדיקן

שפּרינגענדיקן האלב מענטש האלב טייוול פערד. איך פּרוביר אריינריידן אין אים, ארויסשרייען דעם אַדרעס, נאָר ניט ער הערט ניט ער קוקט זיך אפילו אום אויף מיר. א מינוט באַפאַלט מיך א שרעק און א חוזק־געלעכטער צוזאמען: איז עס אפשר גאָר עפּעס א שוואַרצער מלאך־חבלה׳ניק און איך בין עס אַהער פארפאָרן גלייך אויף יענער וועלט; די שיף מיטן גאנצן טאַראַראַם זיינען עס נאָר געווען ווילדע לצים־שטיק, ווי ס׳ווערט דערציילט אין פארשיידענע ספרימלעך. נאָר אָט גיט זיך א שטעל אָפּ מיין שוואַרצער מלאך־חבלה׳ניק, גיט א טאַנץ ארויס פון זיינע האַלאַבליעס און ווייזט מיך פריינדלעך די טיר צום האָטעל, וואָס איז צו גוט אויף זיין דער אריינגאַנג צום גיהנום און צו שלעכט פארן גן־עדן. עס איז ניט מער ווי דער שענסטער האָטעל אין דערבן, וואָס אָט דער דאָ האָט געמיינט, אז יעדן ווייסן רייזנדער קומט אזא האָטעל, ניט געקוקט אפילו אויף מיין קעסטל. באדאנק איך אים הארציק פאר זיין גוטע מיינונג וועגן מיין קעשענע און בעט אים מיך פירן צוריק מיט דער זעלבער גאַס, וואָס, ווי איך זע באַלד, איז עס טאַקע די גאַס צו וועלכע איך האָב מיין אדרעס.

זיך אָפּגעשטעלט ענדלעך ביי אן עלעגאַנטע קאַפע־הויז איז מיר באַלד א ייד געקומען אנטקעגן, דער בעל־הבית. דערהערט צו וועמען איך וויל, האָט ער מיר אָנגעוויזן אויף אן עֶס־הויז אַנטקעגן גאַס, ווייל כאָטש מיין קוזין קריגט זיינע בריוו אויף דעם אַדרעס פון קאַפע דאָ, לעבט ער אָבער ניט ביי אים, אויך ניט אין דער עֶס־הויז, אָבער דאָרט קומט ער מיטאָג־צייט, און כ׳וועל אים זיכער טרעפן.

אין עֶס־הויז איז געווען א געדראַנג און א טומל פארטויבט צו ווערן: מען האָט דאָ אויסגעקעמפט די מלחמה, ווער אויפן צד פון די ענגלענדער, ווער אויפן צד פון די בורן. זיך געאַמפּערט, געשריען און אריבערגעשריען, גע־סטראַטעגעוועט און באוויזן „קלאָר", אז דער אָדער יענער צד מוז זיכער געווינען.

אויב מחורבנה של ירושלים נתמלאה רומי, פון ירושלימס חורבן איז פול געוואָרן רוים, איז אין אָט דער צייט פול געוואָרן קייפּטאון און דערבן מיט יידישע און ניט־יידישע פליטים פון יאָהאַנעסבורג. און די סטראַטעגן און פּאָ־ליטיקער אינעם עֶס־הויז זיינען עס געווען די פליטים פון יאָהאַנעסבורג, געקו־מען אַהער איבערוואַרטן דעם בורן־קריג.

מיט גאָר קליינע אויסנאַמען זיינען אָט די אלע פליטים געווען אָן משפחות, מענער אליין, בחורים, אָדער אזעלכע וואָס האָבן איבערגעלאָזן זייע־רע פאַמיליעס אין דער אלטער היים, און די אלטע היים האָט, בדרך כלל, גע־מיינט ליטע.

אין יענע יאָרן זיינען נאָך יידן וויניק געפאָרן קיין אפריקע להשתקע, זיך באזעצן אויף שטענדיק. די פרנסה אין ליטע איז אלעמאָל געווען אן אָרע־מע, און אין אָט דער צייט נאָך מער געדריקט. פינף הונדערט רובל איז געווען א גבירעשאפט, בשעת א פונט איז ווערט געווען כמעט צען רובל. איז מען געפאָרן קיין אפריקע, מיטן ווילן און האָפענונג צו קענען אָנקלייבן א פאָר הונדערט פונט און פאָרן צוריק, צו ווייב און קינד, צום אייגענעם שטעטל. הונדערטער האָט עס אָפּגעגליקט, האָבן אנדערע הונדערטער זיי נאָכגעטאָן. געווען פאַלן ווען די פאָר הונדערט אָנגעזאמלטע פונטן, גאָר אָפט שווער־פאַר־האָרעוועטע, האָבן קומענדיק צוריק אהיים זיך אויסגעלאָזן, פארלאָרן געוואָרן אין א שלעכטן געשעפט, איז דער פארלירער ווידער געפאָרן קיין אפריקע, אינעם שווארצן לאַנד פון לויכטנדיקע בריליאנטן, פארדינט די פאָר הונדערט געגאַרטע פונטן און ווידער זיך געלאָזן אהיים. עס איז ניט געווען דער ווילן, ביים גרעסטן טייל, צו בלייבן דאָ, זיך באזעצן, אין דער אָפּגעריסנקייט פון א קאָמפּאקטן יידישן לעבן. באזונדערס האָבן ניט געהאַט קיין ווילן זיך צו בא־זעצן דאָ אזעלכע, וועלכע האָבן שוין געהאַט אויפגעשטעלט אויף יענער זייט א היים, א פאמיליע־לעבן, געהאַט זייער אָרט אין דער אייגענער געזעלשאַפט. אין אַפריקע איז ניט געווען קיין גאַראַנטיע פאר דערציען די קינדער אין אלטן יידישן גייסט, שווער אָפּגעהיט צו זיין אין פרומקייט, פארבונדן מיט חילול שבת. עס האָט געצויגן צוריק די שוהל, די „שטאָט" אין שוהל, די אָרעמע אָבער האַרציקע אידיליע פון שטעטל און אפילו דער בית־עולם, ווו עס האָט זיך געוואָלט רוען נאָך הונדערט און צוואַנציק יאָר, צווישן אייגענע און נאָענטע.

די פליטים דאָ זיינען געווען מערסטן אזעלכע וויליגע צוריקפאָרער. דער בורן־קריג האָט זיי נאָר פארכאַפּט איידער זיי האָבן „געמאַכט" די גע־גאַרטע פאָר הונדערט פונט, צוליב וועלכע זיי האָבן פארלאָזן זייערע היימען. זיינען זיי געזעסן איצט אין דערבן דאָפּלטע פליטים, געוואָרט אויף קענען זיך אומקערן צוריק קיין יאָהאַנעסבורג, ווו זיי האָבן שוין געהאַט עפּעס א באַ־שעפטיקונג, ווו איינער וויל נאָר. זיינען אזעלכע שפייז־געשעפטלעך אויפגע־שפּראָצט איבער נאַכט, אויף אלע פרייע פלעצער אין שטאָט, פון צוזאמענגע־שלאָגענע קאַסטנס און ברעטער. די סחורה אין אָט די קרעמלעך איז אומעטום כמעט געווען די זעלבע: ברויט, טוטעלעך צוקער, לימאָנאַד און קאָפּער־ביר. די טויזנטער זולו־קאַפערס, וואָס האָבן אין דער צייט אויך אריינגעשטראָמט אין שטאָט, צוליב דער מלחמה, זיינען עס געווען די קויפער. פרנסה איז שוין געווען בשפע. אנדערע יידן זיינען אָבער אוועק ווייטער. אזעלכע וואָס האָבן מיטגעבראַכט סוחרישע דערפאַרונג, געווען מער געוואַגט, אזעלכע האָבן באלד אָנגעפאנגען האַנדלען מיט פאַרנעם, זיין די גרויס־הענדלער, צושטעלער פאר די אויפגעקומענע קרעמערלעך, אָדער גאָר די צושטעלער פארן מיליטער.

מסחר האָט זיך צעבליט, פּראָספּערירט, ווי אין יעדער מלחמה. מענטשן האָבן פאַרדינט גוט. און דאָך האָבן די יאָהאַנעסבורגער פּליטים געוואָלט פאָרן צו־ריק, אויסגעקוקט אויפן ענד פון קריג.

מיין קוזין, וועלכער האָט אַהיים געהאַנדלט מיט פאַרשיידענע שפּייז־פּראָדוקטן, האָט אויך דאָ געטאָן דאָס זעלבע, — אויפגעקויפט סחורה און עס פאַרקויפט צו די גרויסע קאָנטראַקטאָרס, פאַרן מיליטער. ער האָט גוט פאַרדינט און מיר האָט זיך זייער געוואָלט ער זאָל מיר אריינמען מיט אים אין געשעפט. ווייזט אויס אָבער, אַז ער האָט ניט געהאַלטן כ׳זאָל טויגן דערצו. ער האָט מיך געקענט ווי אַ שטילער ישיבה־בחור און זיך נאָך אַלץ באַצויגן צו מיר ווי צו אזעלכן. מעגלעך אויך דערפאַר, ווייל איך אליין האָב זיך נאָך געהאַלטן אַזוי, און וואָס אויך לאָנדאָן האָט מיר ניט געמאַכט פאַר קיין פריילעכן לעב־יונג, אַפילו ניט פאַר אַ מינימאַלן געניסער פון לעבן, ווי עס וואָלט געווען נאָרמאַל פאַר מיינע יאָרן און פאַרן קרייז אין וועלכן ער האָט זיך געפונען. דאַנקבאַר בין איך אים סייווי געווען און צושטיין צו אים מיט ביטעס האָב איך ניט געוואָלט און ניט געקאָנט. האָב איך זיך באַלד אַרומגעקוקט צו קריגן אַרבעט ביי מיין פאַך, דאָך שוין געווען כמעט אַ גאַנצער טאַפּעצירער. די זעלבע וואָך פון מיין אָנקומען האָב איך שוין געאַרבעט, קריגנדיק פיר פונט אַ וואָך, וואָס האָט געמיינט אַכט מאָל אַזוי פיל ווי מיין פאַרדינסט אין לאָנדאָן. אַזוינס איז אַפילו מיר אין בעסטן חלום ניט געקומען. נאָך מער: מיין הוצאה איז דאָ געווען גאָר מינימאַל, לעבנדיק צוזאַמען מיט מיין קוזין. נאָך זעקס חדשים אַרבעט האָב איך שוין געקענט אָפּשיקן די ערשטע הונדערט פונט — זיבעציק אָפּגעשפּאָרטע און דרייסיק אַנטליען — פאַר מיין שוועסטער, נדן צו איר חתונה. דער טאָג איז געוואָרן דער גליקלעכסטער אין מיין לעבן. אַ ווילן פון יאָרן איז פאַרווירקלעכט געוואָרן. נאָך זיינען מיינע קליידער געווען אָרעם, אָפּגעריבן, אָן איינציקער אַנצוג — דעם וועלכן כ׳האָב געקויפט פאַר אַלט אין לאָנדאָן. און דאָך בין איך געווען איבערפולט פון צופרידנקייט. עס איז געווען די ערשטע הילף צו מיינע אָרעמע עלטערן, מיין משפּחה, וועמענס גורל ס׳האָט מיך געטריבן צו נייע וועלטן, דורך הונגער, דורך פּיין, דורך בזיון. **עס איז געווען** דער ערשטער באַווייז פון גובר זיין אַלע שוועריקייטן, דער ערשטער קליינער נצחון אין לעבן.

* * *

אין אָט דער צייט, פון ענגליש־בורן קריג, האָט זיך אין דערבן צוזאַמענגעשלאָגן אַ קליינער אינטעליגענטער קרייז, פון ליטע געקומענע יונגנט־לעכע. צום גרעסטן טייל האָבן זיי דאָ געוואַרט זיך אומצוקערן קיין יאָהאַנעסבורג, ווו זיי האָבן שוין פאַרן קריג־אויסברוך געלעבט, ווער מער, ווער ווייניקער צייט. כאָטש אויך דאָרט זיינען זיי געווען פרעמדע און כאָטש אויך

דאָרט האָבן זיי ניט געוואָלט מאַכן זייער היים שוין אויף שטענדיק, דאָך האָבן זיי זיך דאָ, אין דערבן, ניט אַקלימאַטיזירט. גלייך פון אָנפאַנג איז געווען אין יאָהאַנעסבורג עפּעס א כוח, וועלכער האָט געצויגן צו זיך. אפשר איז אויך אין דערבן שווערער געווען צו מאַכן מסחר ווי אין יאָהאַנעסבורג, ווייל דער האַנדל איז דאָ געלעגן אין די הענט פון סקאָטלייט, וועלכע זיינען דורכגעטרי־בענע, קאַלט־אויסגערעכנטע געשעפטסלייט און האָבן זיך באַמיט ניט צוצולאָזן די יידן. איז טאַקע דאַן ארומגעגאַנגען א ווערטל: איר ווייסט פאַרוואָס די באַן־ליניע פון דערבן קיין יאָהאַנעסבורג איז אזא געדרייטע, ווייל די בויער זיינען געווען סקאָטלייט און מען האָט זיי געצאָלט פון מייל... האָבן די פון יאָ־האַנעסבורג געקומענע זיך דאָ ניט פאַרוואָרצלט, געהאַנדלט, פאַרדינט, געלעבט מיטן טאָג און מיטן ווילן זיך אומצוקערן קיין יאָהאַנעסבורג.

דערווייל, אין פרידמאַנס אכסניה האָט זיך געגרינדעט א סאָרט קלוב, דאָרט זיינען פאַרגעקומען אלגעמיינע לעקציעס און דיסקוסיעס, צוויי מאָל אין וואָך, וועלכע די יוגנט האָט אויפגענומען מיט גרויס התלהבות. אויך איז באַלד געגרינדעט געוואָרן א ציוניסטישער פאַרבאַנד, מיט ח׳ שלאָם אַלס פאַר־זיצער. די אידייען ווי די מענטשן זיינען געווען פריש און יונג, נאָך מיט דער גאַנצער שפּרודלדיקייט פון דער אַלטער היים. אגב, עס איז אויך געווען די איינציקע פאַרוויילונג. קיין קינאָס זיינען נאָך דאַן ניט געווען, קאָרטן ניט אין מאָדע, כאָפּן א שווים אין ים איז געווען פאַרבונדן מיט מער אָנשטרענגונג ווי פאַרגעניגנד, ווייל דער גאַנצער ברעג איז געווען פול זאַמד, וועלכן מען פלעגט דאַרפן אדורכטראַמפּלען ביזן ים. זיינען דער קלוב און דער ציוניסטישער פאַרבאַנד געווען די איינציקע אינטימע ווינקעלעך, ווו די מענטשן האָבן גע־פונען פאַרוויילונג, היימישע סביבה און גייסטיקע צופרידנקייט.

עס איז אריבער א יאָר פון מיין זיין אין דערבן. ווידער האָב איך גע־האַט אָפּגעשפּאָרט א הונדערט פונט. איך האָב פּרובירט מזל און אריבער צו געשעפט. געמאַכט שותפות מיט אן ענגלענדער, אין א מעבל־האַנדלונג. עס זיינען נאָר אוועק א פּאָר חדשים און דער געשעפט האָט זיך ארויסגעוויזן פאַר א דורכפאַל. אין דער צייט האָט זיך דער בורן־קריג געענדיקט. א גרויסער טייל מענטשן האָבן פאַרלאָזן דערבן, צוריק קיין יאָהאַנעסבורג און אנדערע ערטער, וואָס האָט תיכף געבראַכט א פאַרערגערונג אין האַנדל. מיר זיינען געווען געצוווּנגען דאָס געשעפט אויפצוגעבן, פאַרלירנדיק מער ווי א העלפט. צוריק ווערן א אפּאָלסטערער איז שווער געווען, מען האָט שוין ניט אזוי לייכט געקראָגן ארבעט. האָב איך באַשלאָסן אויך פאָרן קיין יאָהאַנעסבורג, האָט זיך אָבער באַלד ארויסגעוויזן, אז מען דאַרף האָבן א פּערמיט, דערלויבעניש, וועלכן עס קריגן נאָר די, וואָס זיינען שוין פריער דאָרט געווען. דערווייל האָב איך

געקראָגן א ידיעה פון קייפּטאון, אז מיין ברודער, זיבעצן יאָר אלט, איז אָנגעקומען פון דער היים. מען האָט עס אים געשיקט צום „רייכן" ברודער אין אפריקע, וואָס האָט שוין באוויזן דאָ דערווייל צו ווערן אויס „רייך" און גייט ארום אָן ארבעט. פאר אים איז עס אָבער געוויס קיין תירוץ ניט געווען און מיין הילף צום שטוב האָט אויך ווייטער אָנגעהאַלטן. איך האָב טעלעגראַפיש ארויסגעשיקט די הוצאות קיין קייפּטאַון, ער זאָל קענען קומען אין דערבן. גורל אחד לשנינו. אין די פיר יאָר פון מיין ניט זיין אהיים האָט ער עפּעס אויפגעטאָן, זיך אויסגעלערנט א פאַך: צורעכטמאַכן ניי־מאַשינעס און וועליסאָפעדן (בייסיקלעד). ביי דעם פאַך האָט מען אָבער אין דערבן קיין ארבעט ניט געקענט קריגן. אין אפריקע האָט מען ערשט נאָך אָנגעפאנגען באנוצן דעם בייסיקל און ניי־מאַשינען פאררריכטער זיינען געווען גענוג. דערווייל האָט א באקאנטער מיר רעקאָמענדירט א שטעלע אלס אָנגעשטעלטער אין א יידישן הורט־געשעפט, ערגעץ פארוואָרפן אין די אָרענדזש פרי־סטייט, א צוואנציק קילאָמעטער פון אָבערפעלדע. האָב איך דעם ברודער מיטגעשיקט מיטן קוזין קיין יאָהאַנעסבורג, אים מיטגעבנדיק געלט אויף א רעטורן־בילעט, טאָמער שיקט מען אים צוריק פון דער טראַנסוואַלער גרענעץ, לאָזט אים ניט אריין קיין יאָהאַנעסבורג, ווי דאָס האָט אָפט פּאַסירט. אליין האָב איך זיך אוועקגעלאָזן וואנדערן צו מיין נייער שטעלע.

ארויסגעפאָרן פון דערבן באַגינען האָבן מיר פארנאַכט דערגרייכט הערריסמיט, אין אָראנדזש פרי־סטייט. דאָ האָט מען געמוזט איבערנעכטיקן, ווייל די ליניע טיפער אין לאַנד אריין האָט זיך נאָך געהאַלטן אין בויען, נאָך גאָרניט געווען אָפן פארן פּאַסאַזשיר־פאַרקער און יעדער וועלכער האָט ריזיקירט צו פאָרן, האָט עס געמוזט טאָן אויף זיין אייגענער פאראנטוואָרטלעכקייט, זיך אונטערשרייבן, אז אויב עס פּאַסירט עפּעס וועט מען ניט האָבן קיינע פאָדערונגען צו דער פארוואלטונג. במילא איז דער צוג ניט געגאַנגען ביינאַכט. געפונען נאַכט־לעגער ביי א יידן, האָב איך אים, ווי געוויינלעך, אויך דערציילט דעם ציל פון מיין רייזע. דער ייד האָט מיך אָנגעקוקט מיט באדויער, דערקלערט אז ס'איז ניט קיין שטעלע פאר מיר, ווייל יענער, דער צוקונפטיקער בעל־הבית מיינער, איז א שלעכטער מענטש, ארבעטער האַלטן זיך ניט ביי אים און מער ווי אויסנוצן א פּאָר חדשים וועט ער מיך ניט. אויפן האַרצן איז מיר געוואָרן שטאַרק אומפריילעך פון אזא ידיעה. מיינע געלט־מיטלען זיינען קוים גענוג אויף דערגרייכן דעם נייעם פּלאַץ. האָב איך זיך געשטאַרקט און אויף מאָרגן פרי פאָרגעזעצט די רייזע, ווערנדיק נאָך אמאָל געוואָרנט פון מיין גאַסט־געבער, פאַרן פאַרלאָזן אים, אז כ'זאָל עס ניט טאָן. מיט גרויס מאַטערניש האָט דער צוג האַלבן טאָג דערגרייכט אָבערפעלדע. פון דאָ דארף איך זיך נאָך שלעפּן אין אָן אָקסן־וואָגן א גאַנצן מעת־לעת.

ביי דער דאָזיקער ניט־דערבויטער סטאַנציע איז געווען א גרויסער געשעפט. איך קוק זיך אום און זע ווי אין א חדר ביים געשעפט שטייען גרייטע טישן מיט עסן און צענדליקער בורן, קונדן, וועלכע זיינען געקומען פון מיילן און מיילן ארום איינקויפן דאָ, גייען צום טיש, עסן, טרינקען. אן אמתער הכנסת־אורחים. אזוי, טראַכט איך מיך, האָט געדאַרפט אויסזען ביים ערשטן הכנסת־אורחים׳ניק. ארום פוסט וויסטע פעלדער, איבער וועלכע עס שרפה׳ט די צעגליטע אַפריקאַנער זון. ווו מען ווארפט דעם בליק — וויסט, קיין בוים, קיין הויז און דאָ, אין מיטן פון פעלד, אן אברהם אבינו הויז. איך קום צו נענטער און דערזע טאַקע אן עכטן אברהם אבינו אייניקל, וועלכער דערקענט אויך באלד מיין צלם־ייד. שטייען צוויי יידן אין מיטן א צעגליט־הייסער וועלט און זיינען שוין גאָר גוטע פריינד נאָכן ערשטן שלום־עליכם. איבערגעכאפט דאָס הארץ, דערציייל איך דעם יידן וואָס ס׳איז דער ציל פון מיין רייזע. „אזוי, אזוי גאָר — זאָגט דער ייד — נעבעך אַ גאָטס רחמנות אויף אייך... ווען איר פאָלגט מיך, שפּאָרט איר איין דאָס שלעפּן זיך א מעת־לעת מיט אַן אָקסן־וואָגן, עס איז א ייד אַן א הארץ, איר וועט סיווי זיך ניט קענען האלטן דאָרט״. דערהערט אזעלכע ווערטער צום צווייטן מאָל, בלייבט דאָך שוין ניט קיין אנדער אויסוועג ווי פאָלגן און פאָרן צוריק. ווידער א טאָג אין סכנותדיקע רייזע, איבער ערשט צוזאמענגעשרויפטע באַן־ליניעס זיך געשלעפּט דורכן אפריקאנער מדבר.

אז דער צוג איז שטיין געבליבן אויפן העריסמיט־וואָקזאל איז מיר לייכטער געוואָרן אויפן געמיט: צום ערשטן מאָל געזען אפריקע אין איר ברייטער וויסטקייט און אראָפּגעשלונגען נאָך א שטיק לעבנס־לערע. אין מיין קעשענע איז אָבער נאָך לייכטער געווען — א פּרוטה ניט אויף א רפואה. בין איך שטיין געבליבן אויפן וואָקזאל מיט פארלייגטע הענט, אין איבערצייגונג, ווי אלעמאָל, וועט אויך איצט זיך באווייזן אן אויסוועג. און די הילף האָט טאַקע ניט געלאָזט לאנג ווארטן אויף זיך, געקומען ווי אין לאָנדאָן, ווי אין דערבן, פון — א שניידער. ווי איך שטיי אזוי אויפן וואָקזאל לויפט אַן דער צוג קיין יאָהאַנעסבורג. מענטשן שטייגן אויס און איין. פּלוצלונג דערפיל איך א גוטברודערישע האַנט אויף מיין אקסל. איך דריי אום דעם קאָפּ און זע א באַקאַנטן שניידער פון דערבן.

א ייד צווישן יידן וועט ניט פארלאָרן גיין...

# יאָהאַנעסבורג

עס איז געווען אויגוסט, 1903

דער צוג איז געלאָפן דורך אָראנדזש פרי סטייט קיין יאָהאַנעסבורג. פאר מיין הוצאות־אויסבאַרגער, דעם דערבענער שניידער, איז דער וועג געווען באקאנט. איך אָבער האָב ניט געקאָנט אָפּרייסן די אויגן פון וואַגאָן־פענצטער, אלץ איז געווען אזוי ניי, געאָטעמט מיט בראשית. דאָ האָט מען שוין געזען באַאַרבעטע פעלדער, גרינע בוימער, כאָטש וויסטקייט און ליידיקייט איז נאָך געווען גענוג. ווייט פאַר יאָהאַנעסבורג האָבן זיך שוין אָנגעפאַנגען ארויסטו־רעמען פאר אונדזערע אויגן די אויפגעשאָטענע זאַמד־בערג פון די מינעס. דער טרוקענער מדבר־זאַמד האָט זיך געריסן ארויף, אָנגעוואָרפן געוואָרן אין בערג, ארויסגעקוקט ווי ריזיק פאַריסענע קעפּ פון יאָהאַנעסבורגער פלאַכן גרונט

די שטאָט האָט ערשט געהאַלטן אין מאַכן אירע ערשטע טריט צו א וועלט־שטאָט. הונדערטער, טויזנטער זיינען געשווומען אויף שיפן, איבער ימים, געקומען מיט באַן און צופוס אַהער! דער שימער פון גאָלד האָט גע־מאַניעט, געלאָקט מענטשן פון פארשיידענע לענדער און וועלט־טיילן. יאָהאַ־נעסבורג, מיט איר קוים פופציק טויזנט ווייסע איינוווינער, איז גלייך פון אָנ־הייב געווען די שטאָט פון דער גרויסער צוקונפט. אויך די יידישע אימיגראַ־ציע האָט אָנגעפאַנגען גיין אַהער. ביז איצט איז דער יידישער צענטער געווען קייפּטאַון. ווי אַראָפּ פון שיף איז מען שוין דאָרט געבליבן, ניט געווען קיין הוצאות אויף גיין ווייטער אין לאַנד און אויך קיין דראַנג איז ניט געווען. איצט איז עס אנדערש געוואָרן. מען האָט גלייך געקענט זען אז יאָהאַנעסבורג וועט פארנעמען דעם אָרט פון קייפּטאַון און איר נאָך אריבעריאָגן, ווערנדיק דער גרעסטער יידישער צענטער אין לאַנד. אויף אַלעמענס ליפּן זיינען געלעגן די ווערטער: גאָלד, בריליאַנטן. זיינען יידן געגאַנגען מיטן שטראָם, ווייל אויב ניט אליין געפינען גאָלד און בריליאַנטן — וואָס א סך האָבן טאַקע פּרובירט, און א טייל אויך געפונען, — טאָ כאָטש זיך וואַרעמען ביי זייער בליציקן פייער.

ווי אומעטום און ווי אלע פעלקער האָבן אויך יידן, אויך דאָ, זיך געטו־ליעט איינער צום צווייטן. די פרעמדקייט, די זאַמדן ארום, די טויזנטער שווארצע, וועמענס שפּראַך און לעבנס־אָרט ס׳איז געווען ווילד און פרעמד — דאָס אלץ האָט נאָענט צוזאמענגעהאַלטן ייד צו ייד. אזוי איז באלד אויפגע־קומען די יידישע געטאָ, וואָס האָט זיך באזעצט אין פערייראַ, אָט אין דעם ווינקעלע, וועלכער איז געווען די וויגעלע פון דער שטאָט יאָהאַנעסבורג.

און אז יידן האָבן נאָך צוגעשטראָמט, האָט זייער אויסשפרייט־שטח זיך געצויגן פון פעריירע, סאוער גאַס, ביז פאָרדסבורג און בראַמפאָנטיין. א געוויסע גרויסער שטח־קאָנצענטראַציע אין מאסשטאַב פון דער שטאָט דאָן.

דער האַנדל־צענטער איז געווען אין נידעריקערן טייל פון קאָמישיאָנער גאַס, הארט ביי פאָרדסבורג. יעדע בודקע און חורבה איז פארוואנדלט געוואָרן אין א געשעפט: קאַפע־הייזער, רעסטאָראַנען, יאַטקעס פלעגן אויפשפראָצן איבער נאַכט. צווישן דעם זיינען שוין אויך געווען גרויסע הורט־געשעפטן, אַפּטייקן, בעקערייען, תבואה־הייזער.

ביי מיין אָנקומען קיין יאָהאַנעסבורג איז שוין דאָ געווען א גאָר־קאָנטיקע, אָרגאַניזירטע קהילה. שוין דאן געווען ארום טויזנט יידישע נפשות דאָ. געווען צוויי בתי־מדרשים, דער פאָנעוועזשער און דער „גרינער", ווו אין די פרימאָרגנס און אָוונטן פלעגט זיין איין מנין נאָכן צווייטן. אין „גרינעם" בית המדרש האָט דאַן ר' הערצל פרימאַן געזאָגט א בלאַט גמרא, בין מנחה למעריב. דער טיש איז געווען פול ארומגעזעצט מיט צוהערער, יידן לומדים, וועלכע זיינען מערסטן טייל געווען פון די גאָר ערשטע געקומענע פון ליטע.

עס זיינען געווען אין דעם יידישן שטח צוויי טעאַטערס, וועלכע האָבן געשפּילט צו צוויי מאָל א וואָך, אָפט אפילו אלע טאָג. די טעאַטערס פלעגן זיין איבערפולט. די זאַכן וועלכע זיינען געשפּילט געוואָרן — בדרך כלל גאָר נאָענטע צום אימיגראַנטס האַרץ און שטימונג, אָדער אַזעלכע וואָס האָבן געאָטעמט מיט זכרונות פון זיין חדר, חומש און שטעטל. דער גרעסטער טייל האָט טעאַטער־שפּיל געזען צום ערשטן מאָל אין לעבן, האָט מען זיך אויף דעם געוואָרפן הונגעריק, פול מיט נייגיר. עס איז אויך געווען דער ערשטער שריט צו קולטור, וואָס א קליינער טייל האָט שוין אָנגעפאַנגען פילן א נויטבאַדאַרף צו דעם.

אין די געסלעך ארום „גרינעם" בית־המדרש האָבן געלעבט אייער־הענדלער, הענדלער מיט אַלטע קליידער, בעלי־עגלות. דאָ זיינען געווען גאַסט הייזער, איבערנאַכטונג־ערטער, ווו מען איז איבערגעשלאָפן אין ענגשאַפט, א בעטל ביי א בעטל. דערנעבן איז געווען דער דאַן אין יאָהאַנעסבורג באַרימטער „שמש יאַרד" — א גרויסער פלאַץ, ארומגעבויט פון אלע זייטן, ווו ס'האָבן געלעבט די „טרייערס". אזוי האָט מען גערופן די, וועלכע פלעגן מיטן אויפשפראָץ אויף באַגינען זיך ארויסלאָזן איבערן שטאָט מיט א שטעקל אין האַנט און אַ וועסטל אויפן אָרעם, שרייענדיק: „אָלד קלאָ", וואָס מיינט, אלטע קליידער. די יידן האָבן דורך דער גאַנצער וואָך אויפגעקויפט אַלץ וואָס איז זיי געקומען אונטערן האַנט און זונטאָג איז געווען זייער פאַרקויף־טאָג. דאָ, אויפן „שמש־יאַרד"־פּלאַץ פלעגן זיי זיך אויסלייגן מיט זייערע סחורות, ווו ווייסע קונים זיינען געקומען קויפן.

אין די גאַסן זיינען אומגעפאָרן יידן מיט וועגעלעך פרוכט, אויסגעשריען אַ־יף אַ צעבראָכענעם ענגליש און אפריקאַאַנס זייער סחורה, פּראַווירצנדיק זיי־ערע אויסרופן מיט יידישע ווערטלעך. לויטן אויסרוף האָט מען דערקענט דעם אויסרופער: ווער עס האָט אויסגערופן מיט אַ פיינעם ווערטל, אַ פּסוק, און ווער גאָר ס׳האָט באַגלייט זיין אויסרוף מיט אַ רוסישן מי־שברך.

אַ גאָר קאָנטיקער טייל יידן האָבן זיך פאַרנומען מיטן בראַנפן־האַנדל, אַנדערע געעפנט שענקען, אַנדערע געהאַנדלט אומלעגאַל, פאַרקויפנדיק עס צו שווארצע, וואָס איז געווען שטרענג פאַרבאָטן. מען האָט אונטערגעקויפט די פּאָליציי, אַפילו גרעסערע באַאַמטע, און זיך ניט אָפּגעשטעלט פון אריינציען אין זומפּ און געפאַר ערשט־געקומענע יונגע אימיגראַנטן, וועלכע האָבן כלל ניט געוווסט מיט וואָס דער ענין שמעקט. די דאָזיקע הענדלער פלעגן אָפּוואַרטן דעם וואָכנטלעכן צוג פון קייפּטאַון, באַגעגענען ניי־געקומענע יוגנטלעכע, זיי אויפנעמען מיט געמאַכטער פריינדלעכקייט און באַלד פאָרשלאָגן אַרבעט — פאַרקויפן בראַנפן צו די שווארצע, — ניט זשאַלעווענדיק צו אָנצאָלן תיכף אַ פינף פונט. די יוגנטלעכע זיינען געווען איבערגליקלעך, וואָס די גאָלדענע מדינה האָט זיי אָפּגעוואַרט מיט גאָלד, טאַקע גאָלדערנע פונטן ממש, וועלכע זיי האָבן באַלד געקענט אַרויסשיקן צו זייערע אָרעמע היימען. אַ טייל, גרין, אומדערפאַרן, זיך ניט ווינסנדיק אַפילו צו באַהאַלטן מיט זייער סחורה, זיינען באַלד אַריינגעפאַלן אין די הענט פון געזעץ, באַצאָלט מיט לאַנגע חדשים תפיסה. די וועלכע האָבן זיי געשיקט זיינען אָבער גאָר אָפּט רייך געוואָרן. אַ טייל פון זיי קען מען נאָך היינט זען אין אַפריקע, — גרויסע בעלי־בתים. גבירים און תקיפים אומעטום.

עס זיינען געווען צייטן פון צעטומלונג, פון געזעלשאַפטלעכן הו־האַ און פון כל דאַלים גבר. אַ טייל האָט סתם געפירט אַ הפקר־לעבן, אין דער בחינה פון „מי שתקף עליו יצרו״, — וועמען דער יצר הרע רעדט אָן צו זינד, זאָל ער כאָטש גיין אין אַן אַנדער לאַנד, ווו מען קען אים ניט. דאָ האָט מען לייכט זיך אויסבאַהאַלטן פון אַ לאַנדסמאַנס אויג און דער גרעסטער טייל האָט זיך דאָך גאָרניט געקענט. האָט מען זיך אַריינגעלאָזן מיט ברוינע און שוואַר־צע פרויען, געטאָן וואָס נאָר דאָס האַרץ האָט געוואָלט.

מיט דער שטאַרקער אַנטוויקלונג פון יאָהאַנעסבורג האָבן יידן אָנגעפאַנגען איינזען, אַז אין אַפריקע קומט אויף אַ סטאַבילער יידישער ישוב. די לאַגע אין רוסלאַנד איז אויך געוואָרן מער געדריקטער, עקאָנאָמיש, און גאָר באַזונדערס איז דער אַנטיסעמיטיזם פאַרשטאַרקט געוואָרן. ריכטיקער — מען האָט דעם איבל פון אַנטיסעמיטיזם אָנגעפאַנגען מער פילן. די אויפקלערונג־באַוועגונגען האָבן אָנגעפאַנגען אויפווייזן די קאָרופּטע, צעפוילטע רעגירונג־

פירונג; די ציוניסטישע מטיפים האָבן אנטשלייערט דעם גלות. און אויב זייער השפּעה איז ניט געווען פאר א באלדיקער מאָסן עליה, האָט אָבער זייער אַגיטאַציע געווירקט, אז יידן זאָלן דערזען אין ריכטיקן ליכט דעם גאנצן שפלדיקן צושטאַנד זייערן. איז דער אַנטלויף־וו־לן פון רוסלאַנד געוואָרן שטאַרקער. אַפריקע איז געווען א גרויס, א פריי לאַנד, מיט גרויסע צוזאָגונגען אויף שנעלער אנטוויקלונג. אָט די דריי פאַקטאָרן: עקאָנאָמישער נויט, אנטי־סעמיטיזם און די גוטע האָפענונגען אויף אפריקע האָבן געבראכט מער אימי־גראַנטן אהער. מיט יעדער ניי־אָנקומענדיקער שיף איז דער יידישער ישוב געוואקסן. האָבן שוין די אַלט־איינגעזעסענע דאָ באשלאָסן צו מאַכן זייער היים, אָנגעפאנגען אראָפּברענגען זייערע פרויען און קינדער, נאָך יאָרן פון צעשיידונג.

דער ערשטער צוזאמענטרעף איז פאר א סך משפחות געווען א דער־דריקנדער. דער מאַן, אָפּגעוויינט שוין פון א געאָרדנט פאַמיליע־לעבן, וואָס האָט אים אָפּט געגעבן הפקרדיקע פרייהייט, האָט זיך פלוצלונג צוריקגעפונען צווישן זיין משפחה, וואָס איז אים שוין פרעמד געווען. דער גאַנג פון זיין פרוי, איר האַלטונג און אָנטאָן איז שוין געווען צו פאַנאַטיש פאר אים. זי, ערשט געקו־מען פון א לאַנד, פון ליטע, ווו יידישקייט איז לעבן און לעבן איז יידישקייט. ער, אויף וויפל ער האָט זיך נאָך געווים געהאַלטן ביי טראַדיציע, איז אָבער שוין דאָך געווען ווייט אַוועק פון דער פרומער איינגעהאלטנקייט און אויסגעהאלטנ־קייט. פרייטאָג־צו־נאַכט פלעגט זיך די טראַגעדיע אנטפלעקן אין איר גאַנ־צער שאַרפקייט. די פרוי, ערשט געקומען פון דער היים, האָט אויפגענומען שבת ווי זי איז געוויינט געווען אין טאַטע־מאַמעס הויז, אין איר אייגן היים. דער טיש געגרייט, די קינדער ארום אים, די קליינע אָרעמקייט פון דעם שטיבל, אָפּט א צוזאַמענגעהאַקטע פון ברעטער און בלעכן, ליכטיק, שבתדיק. אלץ וואַרט אויפן מאַן און פאָטער, — וועלכער האנדלט, פארקויפט איצט צו די שווארצע אין פאָדער־חדר, אינעם געשעפטל. די קינדער דרעמלען איין ביים טיש, די פרוי האַלט איין די טרערן. שפּעט קומט אריין דער פאָטער, פאַר־שעמט, באליידיקט, ווייס ניט וואָס צו טאָן מיט זיך, מאַכן קידוש אָדער אָפּכאַפּן דעם עסן אזוי. נאָך טיפער ווערט די צעשפּאָלטנקייט מאָרגן פרי. דער פאָטער עפנט דאָס געוועלבל, די קינדער — יאָגט די מאַמע אין בית־מדרש. און אז זיי קומען צוריק, לויפן אריין צום פאָטער, ווילן קליינגעלט אויף נאַשערייען, — טרייבט זיי דער פאָטער, יאָגט, שרייט: שקצים, איר ווייסט דען ניט, שבת היינט! שטייען די קינדער באליידיקט און פארוואונדערט, טאַטע מעג, זיי טאָרן ניט... ניט קלענער איז געווען דער פירוד־לבבות אין שלאָף־צימער. די באריערן פון יידיש־טהרהדיקן, טראַדיציאָנעלן פאַמיליע־לעבן זיינען געבראָכן געוואָרן מיט ניט ווייניק טרערן. די פרוי האָט ניט פארשטאַנען איר אייגענעם

מאַן; געפילט מיט איר פרויען־אינסטינקט אָבער ניט געוואָלט צוגעבן, אז איר מאַן איז דאָ, פאר דער צייט פון זיין יאָרן אליין, ניט געווען אָפּגעהיט צו איר. איז איר פרויען־שטאָלץ געווען געקריינקט, איר מאַמע־געפיל געשענדעט. דער מאַן, ווידער, האָט שוין געקענט פרויען, שווארצע, ברוינע, ווילדע, צו וועלכע דער געדאַנק זיינער האָט, ווילנדיק ניט ווילנדיק, איצט פארגליכן זיין כשר־צניעותדיקע פרוי.

די ערשט־געקומענע אימיגראַנטן זיינען נאָך געווען אָפּגעהיט מיט שבת, ניט געהאַנדלט, אָפּט זיך שווער געמאַטערט מיט מאַכן א לעבן, ווייל זיי האָבן ניט געוואָלט מחלל שבת זיין. לאַנגזאַם האָט זיך עס אָבער אָנגעפאַנגען ברעכן און באַלד פאַרכאַפּט אלעמען, אויסער יחידים, אויסנאַמען. שבת איז געווען די בעסטע לייזונג. פרייטאָג קריגן די ארבעטער, אָנגעשטעלטע, ווי אומעטום, זייער געהאַלט, האָבן זיי זיך שבת איינגעקויפט. דאָרט ווו היינט איז דער שטאָט־ראַט און די שטאָט־ביבליאָטעק איז דאַן געווען די מאַרק־האַלעס, ווו שבת איז געווען דער גרעסטער מענטשן־געדראַנג, דער גרעסטער קויף־טאָג. איז דער חילול שבת אריין אויך אין יידישן געטאָ, אין דער אייגענער הויז, ביז איינמאָל האָט מען געטראָפן דעם גבאי פון בית־המדרש שטייענדיק ניט ווייט פון זיין שוהל רייכערנדיק א ציגאַר. דאַן איז עס נאָך געווען א נייס. און כאָטש דער חילול שבת איז שוין געווען אלגעמיין, האָט אָט די זאַך נאָך ארויס־גערופן פארוווּנדערונג און פראָטעסט. א באַקאַנטע יידישע פּערזענלעכקייט, שטאַרק רעספּעקטירט, וועלכער איז שפּעטער געווען עקזעקוטיוו־מיטגליד פון דער קייפּ־פּראָווינץ פארוואלטונג, האָט אין א שבת נאָך מיטאָג אָנגעטראָפן דעם יאָהאַנעסבורגער רב, ר׳ משה׳ל פרידמאַן, מיט וועמען ער האָט יאָרן לאַנג געלערנט אין ליטווישע ישיבות. פון גרויס פרייד האָט דער ייד ארויסגענומען זיין פּאַרטציגאַר און טראַקטירט ר׳ משה׳לען, זיין חבר, אַ ציגאַר. ער האָט פּשוט פארגעסן אז ס׳איז שבת. אלץ ארום אין דער יידישער געטאָ האָט ניט געלאָזט דערמאָנען אויף דעם. באַלד זיינען אויך די ערשטע געקומענע פרויען מיטגעשלעפּט געוואָרן פון שטראָם. די לעצטע, מער בולטע סימנים פון יידיש־קייט זיינען געבליבן די פּאָר מוכר־ספרים־בודלעך און די כשרע יאַטקעס, מיט די פּאָר איבערגעקרימטע, ווייל פון גוים אויפגעמאָלענע, קאַנטיקע אותיות אויף זיי: כשר בהשגחת בית־דין.

געוויס, אויב ס׳איז אויפגעהאַלטן געוואָרן — און עס איז דערהאַלטן גע־וואָרן ביז היינט א יידישער טיש, אַ שטיקל יידישע היים, אויב די יוגנט האָט נאָך געקראָגן א וועלכע ניט איז יידישע דערציאונג — די מאַמעס געהערט דער דאַנק. די פרוי, שוין לויט איר נאַטירלעכן כאַראַקטער, און אויף וויפל איר דערציאונג איז נאָך געווען ניט אויבערפלעכלעך, נאָר פיין און טיפער טראַדי־ציאָנעל, — זי האָט באַלד געפונען דעם וועג פון שטילן קאָמפּראָמיס, צו אויפ־

האַלטן נאָך וועלכע ניט איר באַריערן צווישן דער גוי־גאַס און איר שטוב, איר טיש. ליידער האָבן נאָר גאָר ווייניקע פרויען מיטגענומען פון זייערע היימען אַן עכטע, טיפערע, שכלדיקע באַציאונג צו יידישקייט.

* * *

גלייך נאָך מיין אָנקומען קיין יאָהאַנעסבורג האָב איך געקראָגן ארבעט. אזוי אויך מיין ברודער. געלעבט האָבן מיר צוזאמען, ביי איינעם משה זייד, אין אַ קליין חדר׳ל, ערגעץ אויף א הויף פון קאָמישיאָנער גאַס. אונדזערע אויס־גאבן זיינען געווען מינימאַלע און שוין נאָך עטלעכע חדשים, האָבנדיק אָפּגע־שפּאָרט א 70 פונט, האָבן מיר געעפנט א בייסיקל געשעפטל. אָפּגעגליקט מיטן אָרט, אויף קאָמישיאָנער גאַס, האָבן מיר עס פונאַנדערגעטיילט: דעם פאָדער־טייל — א פארקויף־אָרט, טיפער — א ווערקשטוב און א פינצטערן שטיקל ווױן־צימער. איך האָב עס געדאַרפט זיין דער ביזנעס־מאַן, מיין ברו־דער, וועלכער האָט געקענט דעם פאַך — דער בעל־מלאכה. נאָכן איינקויפן די ערשטע נייטיקסטע געצייג און פון „טרייערס״ עטלעכע גענוצטע בייסיקלעך, האָט דער קאַפּיטאַל זיך געענדיקט. איז געקומען א קונה, פאררעכטן, האָט ער געדאַרפט אונדז באַצאָלן פריער, כדי קענען איינקויפן דעם נויטיקן מאַטע־ריאַל. דאָס האָט אָבער געדויערט נאָר זייער קורץ. דער געשעפט האָט פּראָג־רעסירט. דער בייסיקל איז נאָך געווען א נייס אין אפריקע און מענטשן האָבן געדונגען עס אויף א שעה, צוויי, זיך צו קענען דורכפאָרן, לשם פארגעניגנט אָדער אויף אויסלערנען זיך פאָרן. באלד האָבן ארבעטער אָנגעפאנגען זען אין דעם א הילף צו קומען צו זייערע ווייטע ארבעט־ערטער, וואָס דאָס איז געווען די ביליגסטע און באקוועמסטע פארבינדונג. אין גאָר געציילטע חדשים האָבן מיר דערפילט א שטאַרקן פּראָגרעס און וואָס ווייטער אלץ מער פארדינט, מער אנטוויקלט דאָס געשעפט. מיר האָבן שוין געהאַנדלט מיט נייע בייסיקלעך, פארקויפט אויף טערמיניקע אויסצאָלונגען. האָט דער געשעפט שוין אויך פארלאנגט צו קענען ברייטערע קרייזן.

אין יענער צייט אומגעפער האָב איך אויך משנה געווען מיין פאמיליע־נאָמען פון שמולאָוויץ צו אברהמס. עס איז ניט געווען דערביי קיין פּאָרויס־געדאכטע כוונה דאָס צו טאָן, און געוויס ניט, ווייל איך האָב זיך געשעמט מיט דעם נאָמען שמולאָוויץ, אָדער געזוכט צו אנגלאָפיצירן זיך דורכדעם. אומ־שטאַנדן האָבן געבראַכט דערצו: צו וועמען איך בין געקומען אין געשעפטלעכע באַציאונגען האָבן עס ניט געקענט אויסלייגן און פלעגן מיר רופן מיט מיין ערשטן נאָמען אברהם, און אזוי, מיט דער צייט, בין איך פון אלע מיינע באַ־קאנטע גערופן געוואָרן אברהמס. שפּעטער האָבן אויך מיינע ברידער זיך אי־בערגעביטן צו אברהמס.

אין יענע יאָרן איז געווען שטאַרק אַקטיוו דער געזעלשאַפטלעכער פאַר־באַנד „היברו אָרדער אָף דרואידס" (די איצטיקע „היברו אָרדער אָף דייוויד"), וועלכע האָט אויך געגעבן סאָציאַלע פאַרזיכערונג צו אירע מיטגלידער און שוין געהאַט קאָנצענטרירט ביי זיך א סך געקומענע. האָב איך אויך געוואָלט ווערן דאָרט א מיטגליד. כדי דאָס צו קענען טאָן, האָט מען פריער געמוזט דורכגיין די אונטערזוכונג פון זייער דאָקטאָר, גודמאַן, וועלכער איז דאַן געווען זייער באַשעפטיקט אין יאָהאַנעסבורג, און מען פלעגט אים זען כסדר אייליק ארומפאָרנדיק מיט זיין פערד און עלעגאַנטער ברישקע.

עס זיינען אוועק וואָכן פון דער אונטערזוכונג ביים דאָקטאָר און כ'האָב ניט געקראָגן קיין ענטפער, אָנגענומען אין דער געזעלשאַפט אָדער ניט. נאָך מער, די מענטשן וועלכע האָבן פאַרגעשלאָגן מיין קאַנדידאַטור, ווי עס פירט זיך, — זיי מיידן מיר גאָר אויס. די זאַך איז געווען גענוג אויפפאַלנד און איך בין צוגעשטאַנען צו איינעם פון די פאַרוואַלטונג־מיטגלידער, ער זאָל מיר כאָטש ניט פאַרהוילן דעם אמת פון זייער מאָדנער האנדלונג. פון האלב־שטאַמלדיקע רייד האָב איך פאַרשטאַנען אז דער דאָקטאָר איז די סיבה. אין וועלן וויסן און אין שרעק פאַרן דערוויסן זיך בין איך אריין צום דאָקטאָר. ערשט יאָ, ער האָט טאַקע געוואָרט אויף מיין קומען, ווייל? — פאָרזיכטיק, ווי א דאָקטאָר און מענטש, גיט ער מיר צו פאַרשטיין, אז מיינע לונגען זיינען אָנ־געגריפן און — „איר דאַרפט האָבן אסך פלעגע און א סך פרייע לופט, ווייניק ארבעטן, שפּאַצירן". „געוויס, דערווייל איז נאָך ניט זייער שלעכט, אָבער עס קען ווערן, עס זיינען פאַראַן סימנים פאַר שווינדזוכט" (טי. בי.).

דער דאָזיקער נאָמען, שווינדזוכט, האָט געטראָגן אין זיך דעם ערגסטן שוידער דאַן. מיר דוכט, אז דער נאָמען טי. בי., ווי מען רופט עס היינט, האָט אין זיך מער רואיקייט, עס איז מער א פאַכמענישער טערמין, ווי א שוידער אָנוואַרפנדע קרענק, שוין אָפּגערעדט דערפון, וואָס היינט זיינען דאָ גענוגנדע הייל־מיטלען און אויך די קראַנקייט, באַזונדערס צווישן יידן, איז ניט אַזוי פאַרשפּרייט. אין מיין צייט, אין שטעטל איז ניט געווען קיין שוידערלעכערער וואָרט ווי שווינדזוכט: מלאך־המות, טויט זיינען געווען א סך מער לייכטערע ווערטער. פאַר א שווינדזוכטיקן האָט מען זיך אָפּגערוקט און זיך אויפגע־שטעלט פון מורא, אָדער נאָך מער פון אָפּשיי, עפּעס אַ דרך־ארץ צו אַ לע־בעדיקן מאַרטירער, וועלכער טראָגט דעם טויט מיט זיך, שלאָפט מיט אים, עסט מיט אים און האָט זיך צו אים צוגעוווינט. פאַר א שווינדזוכטיקן זיינען אלע טירן געווען אי אָפן, אי פאַרשלאָסן; פאַרשלאָסן פון מורא, אָפן צו הילף. אז ס'איז באַקאַנט געוואָרן דאָס וואָרט „פּראָלעטאַריער" האָט מען עס א נאָמען געגעבן — די ארבעטער אליין — „פּראָלעטאַרישע קרענק". עס איז געווען אין ווילן צו אונטערשטרייכן, אז די קרענק קומט פון דער אָרעמקייט, אָבער,

ווי מיר דוכט, אויך אויסצומיידן דעם שרעקלעכן נאָמען — שווינדזוכט, וואָס מאַמעס פלעגן עס פאַרשטעלט רופן א „הוסטער״, א „הוסטערקע״ אַלץ אין ווילן אויסצומיידן דעם נאָמען. און דאָ האָט דער דאָקטאָר מיר געזאָגט אין פּנים אריין: שווינדזוכט.

צוריק פון דאָקטאָר בין איך געגאַנגען ווי ניט אויף די אייגענע פיס. דער קאָפּ איז געווען דול, די אויגן פאַרנעפּלט. עפּעס א ווילדער טויט־קאָש־מאַר. איך האָב זיך שוין געזען ליגן אין טויטן־וואָגן, ווערנדיק באַקלאָגט פון מיין מאַמען, דאָרט ווייט אינעם שטעטל. אירע יללות האָבן געשפּאָלטן דעם הימל, אַלץ אַזוי ווי ס׳איז פאָרגעקומען מיט מיין ברודער חיים ז״ל, וויבאַלד קיין פאַרגלייך האָט דאָך מיר אויך ניט געפעלט. יוגנט איז אָבער שטאַרקער פון טויט, געוויס פאַר דער מורא פון טויט. איך בין אַלט געווען 24 יאָר, אין שטורעמדיקן אָנהייב פון לעבנס־ווילן און דערפאָלג. צום ערשטן מאָל מיט האָפנונגספולע אויסזיכטן אויף לעבן, אויף לעבן נאָך יאָרן פון הונגער, פון נויט, דחקות און צרות. איצט קראַנק זיין, איצט שטאַרבן? — ניטאָ קיין גרע־סערע אבסורד פון דעם... אגב, ווער האָט צייט פאַר פרישע לופט, ווער קען זאָרגן וועגן גוטע עסן, אז מען קאָכט זיך אליין, אויף א רייכערדיקע פּרימוס־מאַשינקע, אין הינטערן טייל פון געשעפט. די יוגנט העלפט צו זיך איינריידן, אַז דער דאָקטאָר איז א צעיאָגטער און ווייס ניט פון זיין אייגענעם לייב און לעבן.

דערווייל קומען מיינע אַנדערע צוויי ברידער פון דער הים. איך ווער אויך אָן שוועריקייטן אָנגענומען אין א לעבנספאַרזיכערונג קאָמפּאַניע. פון שמערצן פיל איך ניט, קומט אויף דער ווילן גאָר צו לעבן אין צווייען, אויפ־בויען א משפּחה־נעסט, אַנשטאָט שטאַרבן.

אין די אָוונטן פיל איך זיך שטאַרק אומעטיק, ניטאָ זיך ווו אהינצוטאָן, ווי ס׳פילן, מן הסתם, אַלע וועלכע טראַכטן פון חתונה האָבן... אין די הייזער פון די באַקאַנטע האָט מען אָנגעפאַנגען שפּילן קאָרטן, אַלץ אָטעמט ארום קאָרטן טיש. מיינע ברידער גייען אין די אָוונטן אין גאָלד־סטריט, ווי דער גרעסטער טייל יוגנט דאָן. מיך ציט ניט צו קאָרטן און די פיס הייבן זיך ניט צום טאַנץ. פלעג איך פאַרברייבן אין שטוב מיט א בוך, א ביכל. ביי א גע־לעגנהייט אויך אריינגיין אין ציוניסטישן קלוב, וועלכער איז געווען נאָר איניקע הייזער פון אונדזער געשעפט. נאָר גאָר אָפט, בלייבנדיק די אָוונטן מיט זיך אליין, פלעג איך אוועקוואַנדערן מיטן געדאַנק צוריק אין שטעטל, צו דער הויז פון ר׳ הירשע יעקל פרידמאַן.

דער דאָזיקער ייד איז געווען איינער פון די אָנגענומנסטע אין שטעטל, א למדן און קלוגער, כאָטש גאָר גאָר ווייט פון זיין א גביר. חיונה האָט ער גע־



צבי יעקיל פרידמאַן



רחל פרידמאַן

צויגן פון א ביר־שענקעל, וואָס דעם ביר פלעגט ער ברענגען אין פעסער פון קאָוונע, פארקויפנדיק עס אויך צו קלענערע שענקער, אין פלאַשן. זיין פרוי, א געבאָרענע אין דער שטעטעלע ליגום, האָט געשטאַמט פון גרויס יחוס. זיי האָבן געהאַט דריי טעכטער און א זון, וועלכער איז געווען מיין חבר פון חדר און שפּעטער אין ישיבות, געלערנט צוזאמען, אין די זעלבע בתי־מדרשים. קומענדיק אין בין־הזמנים אהיים, פלעג איך גאָר אָפט זיין אין מיין חברס היים, וואָס איז געווען די הויז קעגן איבער אונדז. אלעמאָל פלעג איך ארויסגיין א פארוונדערטער איבער דער משפחהדיקער האַרמאָניע, וואָס כ׳פלעג זען אין אָט דאָס הויז. כאָטש אָרעם, האָט זיך דאָס אָבער קיינמאָל ניט אָנגעזען, אלע אין שטוב האָבן פאַרשטאַנען די אָרעמקייט צו פארדעקן, ניט באהאלטן איר, נאָר דערהויבן איר, דאָ האָט די אָרעמקייט געהאַט חן. פלעגט מען זיך זעצן ביים טיש עסן, איז אלע נאָר צוזאמען. און האָט דאָס עסן געמעגט זיין נאָך אזוי קנאַפּ, דער טיש איז געווען גרייט מיט ווייסן טישטוך, מיט אָרדענונג און געשמאַק. און די קינדער האָבן זיך ארויסגעהאָלפן קעגנזייטיק, מיטגעהאָלפן דעם פאָטער אין דער ארבעט, וואַשן די פלאַשן מיט שראָט; אויסבריען קאָרקעס אין הייסן וואַסער, זיי זאָלן זיין ווייך צו פארקאָרקעווען די פלאַשן; אויספילן דאָס ביר און נאָך אזעלכע ארבעט, העלפנדיק אויך אָפט אויסטראָגן דאָס ביר צו די קונדן, ווייל דער פאָטער איז פון געבאָרן געווען געפּעלערט אויף די פיס און דאָס גיין איז אים שווער געווען. ווען אָט דער משפּחה פלעגט איצט אָפט מיך פארטראָגן מיין מחשבה. ווייל איינע פון די טעכטער, די עלטסטע, איז מיר שטאַרק געפעלן גאָר שוין פון די ערשטע יוגנט־יאָרן. זעקס יאָר פון וואָגל און מאַטערניש האָב איך געפילן און טראַכטעניש וועגן איר אונטערדריקט, געמוזט זיי פארשרייען אין זיך אליין. איצט אז מיין מאַטעריעלע לאַגע האָט מיר שוין דערלויבט צו טראַכטן ערנסט וועגן אויפבויען א היים, האָבן די געפילן געפירט צו דער ערשטער, וואָס האָט דאָס הארץ געמאַכט שטאַרקער שלאָגן.

מיט דער הילף פון איר ברודער, מיין חבר, וועלכער איז שוין אויך געווען אין אפריקע, האָב איך צו איר געשריבן אין אמעריקע, ווו זי האָט געהאַט אויסגעוואנדערט. דעם 10־טן פעברואר, 1907 האָבן מיר חתונה געהאַט אין יאָהאַנעסבורג.

מיר האָבן אויפגעבויט א פיינע היים. א יאָר נאָך אונדזער חתונה איז אויך געקומען זיך באזעצן אין אפריקע מיין פרויס א שוועסטער. מיינע דריי ברידער זיינען אויך געווען מיט אונדז. איך האָב זיך ווידער געפונען אין א משפחה, ארומגערינגלט מיט פריינד און גוטע פריינד, וועלכע פלעגן אָפט די אָוונטן פאַרברענגען אין אונדזער היים, אין וועלכער מיין פרוי האָט אריינגעבראכט די פיינע אַטמאָספער פון איר פאָטערס שטוב, געמאַכט עס א שטיקל

בית־ועד פון יידישער באַשיידנקייט און געמיטלעכקייט. מיין לעבן איז איצט ארויף אויפן דרך המלך. פאַנטאַזיעס און חלומות, וועלכע באַהערשן יעדן יונגן מענטש, האָב איך קיינמאָל ניט געלאָזט זיך צעשפּילן. מיין יוגנט איז געווען צו האַרט, אלעמאָל צו אָנגעווונדעט דאָס האַרץ, ס׳זאָל זיך פארגינען צו שפּילן מיט איבערטריבענע חלומות. איך האָב געדאנקט פאַר אַלע קליי־נע חסדים, וואָס דאָס לעבן האָט מיט מיר געטאָן, פאַר קלייד און ברויט, פאר ווייב און היים, פאר דעם וואָס כ׳קען העלפן מיין משפחה, און ווער רעדט נאָך אז כ׳האָב געקענט און געטאָן מער ווי דאָס. עס איז אנגעשטאַנען א צייט אין מיין לעבן פון באַרואיקטער פרייד, פון מענטשלעכער גליקזעליקייט אויף דער ערד.

אונדזער געשעפט איז אוועק גוט, האָט פּראָגרעסירט און, ווי דער דרך פון מענטשן, האָבן מיר זיך ביי דעם ניט אָפּגעשטעלט, געעפנט א צווייט גע־שעפט, א קליינעם מעבל־פאַבריקל, ווו איך בין איצט בעיקר געווען באַשעפ־טיקט. באַלד האָט אָבער דער פלאָק און שטויב געווירקט אויף מיינע לונגען. איין טאָג האָב איך אָנגעפאנגען פּילן געזאַלצנס אין מויל; נאָכקאָנטראָלירט וואָס כ׳שפּיי ארויס און — דערזען בלוט. בלוט! נישטאָ קיין עפּעס ערגערס וואָס מאַכט אויפציטערן א מענטשן, באַזונדערס א יידישן מענטשן, ווי אייגן בלוט: כי הדם הוא הנפש. עס איז דער רויטער סיגנאַל פון געפאַר. דער דאָקטאָר האָט באַלד פעסטגעשטעלט דאָס, וואָס דאָקטאָר גוטמאַן האָט מיר געוואָרנט מיט אַכט יאָר צוריק: אָנהייב פון שווינדזוכט. לויטן דאָקטאָרס אָנ־ווייז בין איך אוועקגעפאָרן קיין פאַרייז, א דאַטשע־שטעטל, 70 מייל פון יאָהאַנעסבורג.

געצווונגענע רו. טעג לאַנג, וואָכן, ליגן צוגעשמידט צו אַ בעט איז געוויס ניט גוט. און דאָך, יעדע זאַך האָט אויך מעלות, אויב מען קען עס אָנ־רופן אזוי. קראַנקייט לייטערט א מענטשן. די רו פון גוף ברענגט אויך רו אין דער נשמה. ליגסט, דורכן פענצטער שיינט אריין די זון. זי האָט אלע טאָג פון דיין הו־האַ־לעבן געשיינט. נאָר פלוצלונג האָסטו ערשט איצט איר דער־זען, דערפילט איר געבענטשטע וואַרעמקייט. נאַכט איז ניט נאָר פאר שלאָף, נאָר אויך פארן שטילן טרוים. א ווינטל קילט דיין אויפגעפלאַמטן, פון פיבער צעהיצטן שטערן, דערפילסטו פלוצלונג די גוטסקייט פון דער נאַטור, די שיינ־קייט פון באַשאַף, די רואיקייט פון פליסנדן טייכל ביי דיין פענצטער. גרינע אויסגעשפּרייטע פעלדער, בלומען, — נאָר א קראַנקן, און אַ טי.־בי.־קראַנקן באַזונדער גלעטן זיי, דערפרייען, ווי קיינמאָל ניט א געזונטן. די קראַנקייט מאַכט הכנעהדיק, במילא נענטער צו דער נאַטור, וואָס איז אליין שטיל און פאַרשוויגן.

מיין פרוי איז געווען מיט מיר, אויפגעפּאַסט, געהיילט. אין א קורצער

צייט האָב איך אָנגעפאַנגען פילן די פאַרבעסערונג אין געזונט. מיר זיינען צוריקגעקומען און כ׳האָב תיכף אויפגעגעבן די מעבל־פאַבריקל.

אין יאָר 1912, נאָך עלף יאָר זיין אין אפריקע, בין איך געפאָרן געשעפט־ל׳עך קיין לאָנדאָן. מיין ערשטער באזוך — צום יידישן געטאָ. ווי דעם פאַר־ברעכער ציט צום אָרט פון מאָרד, אזוי ציט דעם געפייניקטן צום אָרט פון זיין פייניקונג. מענטשן וועלכע פאַרלאָזן א תפיסה נאָך לאַנגע יאָרן, האָבן געוויס דאָס געפיל פון וועלן זיך אומקערן, א קוק טאָן נאָך אויף איר, שוין פון דער צווייטער זייט מויער.

דאָס לעבן אין לאָנדאָן האָב איך געפונען ווי געלאָזן. די זעלבע איבער־געפאַקטקייט פון מענטשן אויף די ענגע גאַסן, די זעלבע פארשווארצטע, אור־מעט־אָנוואָרפנדיקע בנינים און דער זעלבער נעבלדיקער לאָנדאָנער הימל. אַלץ ווי געווען. און איך? אויך ווי געווען דאָ. אויפגעזוכט אלטע באקאנטע, מיינע „טעג״־געבער. נאָר וויניקע האָבן זיך אריבערגעקליבן אין נייערע קוואַרטאַלן, בעסערע דירות. דאָס רוב איז געזעסן אויפן זעלבן אָרט, כאָטש די אַרבעט־באַדינגונגען און די פאַרדינסטן האָבן זיך שטאַרק געענדערט צום גוטן. פאַר די עלף יאָר איז ממש פאָרגעקומען א בלוטלאָזע רעוואָלוציע, אָבער דאָך א רעוואָלוציע, אין די באַציאונגען פון ארבעט־געבער צום ארבעטער, אין ארבעטערס פאַרדינסט און אין דער ארבעט־צייט. עס איז מער ניט געווען די שרעקלעכע שקלאַפעריי.

פון לאָנדאָן בין איך אָפּגעפאָרן קיין דייטשלאנד. ניט קענענדיק אריינ־קומען קיין רוסלאנד, פאַר וועמענס ברוטאַלער צאַרן־מאַכט כ׳האָב זיך דאָך געדערכנט ווי אַן אַנטלאָפענער, האָב איך באַשטימט זיך טרעפן מיט מיין משפחה אין טילזיט.

דער באַן האָט מיך געפירט דורך דייטשלאנד און מיינע אויגן זיינען געווען ווי צוגעשמידט צום וואַגאָן־פענצטער, ווען אין הארצן האָבן זיך גע־שטויסן געפילן, דערמאָנונגען פון מיט דרייצן יאָר צוריק, ווען כ׳האָב אָט דאָס זעלבע לאנד פארלאָזן אין אַן איבערגעפאַקטן בהמות־וואַגאָן. חלום און וואָר. אינגאנצן דרייצן יאָר און ווי אנדערש די רייזע. אמת, געענדערט האָט זיך נאָר דער צושטאַנד פון א יחיד. די וועלט איז געבליבן די זעלבע.

* * *

אין טילזיט.

די גאַסן פרעמדע, אומבאַקאַנטע. דאָן האָב איך זיי נאָר געזען דורך די שפּאַלטן פון מויער, וועלכער האָט ארומגעצוימט דעם עמיגראַנטן־לאַגער; געזען אין א באַגינען־שעה, זיך אריינגנבנדיק אַהער, און אין א פאַרנאַכט־שעה, ווען מען האָט אונדז, די הונדערטער עמיגראַנטן, ארויסגעפירט מיט פּאָליציי צום באַן. איצט האָב איך זיך דאָ געפונען אין קרייז פון מיינע עלטערן און



פון לינקס צו רעכטס: זיצנדיק, ר׳ יוסף, מר. אברהמס׳ פאָטער; רחל פרידמאַן, זיין שוויגער; און זיין מאַמע, רבקה. שטייענדיק: יהודה־ליב ביינאַשאוויץ, זיין שוואָגער; באַשע פרידמאַן, שוועגערין און מר. ב. אבראַהאַמס. די פאָטאָ איז גענומען געוואָרן אין טילזיט בעת מר. אברהמס לעצטן באַזוך דאָרטן אין 1912.

אנדערע משפּחה־מיטגלידער, וועלכע זיינען אַהער אריבערגעפֿאָרן מיר זאָלן זיך טרעפֿן. די טעג, די אָונטן זיינען געווען פֿריילעכע, גליקלעכע, מיר האָבן פֿאַרבראַכט צוזאַמען, ניט אויפֿגעהערט דערציילן, יעדער האָט געוואָלט וויסן, און מיט אלע פּרטים דווקא, ווי עס איז דעם צווייטן געגאַנגען אין דער צייט פֿון צעשיידונג.

די וואָך פֿון גליקלעכער טרעפֿונג און צוזאַמענזיין איז שנעל פֿאַרלאָפֿן.

* * *

צוריק קיין יאָהאַנעסבורג בין איך אריינגעקומען האַרט פֿארן אויסברוך פֿון די גרויסע סטרייקן, אין 1913. א סך מענטשן זיינען דערשאָסן געוואָרן. גענעראַל סמאַטס האָט דאַן געגעבן זיין באַקאַנטן באַפֿעל ארויסצושיקן פֿון לאַנד 2 פֿאַרלאַמענט־מיטגלידער. דאָס לעבן פֿון לאַנד איז אריינגעפֿאַלן אין א שרעקלעכער וואַקכאַנאַליע, בלוט, טויט און צעטומלונג. דאָס האָט, פֿאַרשטענדלעך, באַלד טאָרמאָזירט דעם גאַנצן געשעפֿט־לעבן. מענטשן האָבן אויפֿגעהערט צאָלן חובות, און אונדזער געשעפֿט, וואָס איז געווען באַזירט אויף געבן סחורה צו קונדן אויף קרעדיט, האָט פֿאַרלאָרן א סך געלט. די הוצאות זיינען געווען גרויסע, די הכנסה גאָרניט. און האָבן זיך נאָר קוים געענדיקט די סטרייקן, די לאַגע נאָר עפּעס באַרואיקט, איז אויסגעבראָכן דער ערשטער וועלט־קריג. צו אפֿריקע איז די מלחמה דירעקט ניט דערגאַנגען, אָבער דאָך זיך אָפּגערופֿן אויפֿן עקאָנאָמישן לעבן, און ניט דווקא צום שלעכטן. די פֿאַרבינדונגען מיט דער אַלטער היים זיינען אָבער איבערגעשניטן געוואָרן. עס זיינען דערגאַנגען ידיעות, אז דאָרט קומען פֿאָר גירושים, ארויסטרייבונגען פֿון די היימען, ווען די וועלט האָט זיך געקנוילט אין בלוט און פֿייער. עס איז ניט שווער געווען זיך פֿאָרצושטעלן ווי ס׳הוליעט דאָרט דער הונגער, נויט און טויט. איז געווען מיין זאָרג זיך פֿאַרבינדן מיט דער היים, לינדערן זייער לאַגע, כאָטש אויף וויפֿל מעגלעך. עס איז מיר געלונגען זיך פֿאַרבינדן מיט א יידן אין אַמשטערדאַם, דורך וועלכן כ׳האָב אָנגעהאַלטן די הילף פֿאַר דער משפּחה און שטעטל, פֿאַר די גאַנצע צייט פֿון קריג.

1918. דער קריג האָט זיך נאָך ניט געהאַט איינגעלאָשן, איז אין אפֿריקע אויסגעבראָכן א מגפֿה (די „פֿלו״). טויזנטער מענטשן זיינען אוועקגעפֿאַלן. גאַנצע משפּחות זיינען אומגעקומען. מענטשן אין די ייִנגסטע יאָרן זיינען אַוועקגעפֿאַלן אָן הילף, ניט קענענדיק זיך דערשלאָגן צו א דאָקטאָר אפֿילו, וועלכע זיינען געשטאַנען הילפֿלאָז קעגן בושעווענדיקן טויט. די לופֿט האָט געאָטעמט מיט טויט. ווו מען איז נאָר געגאַנגען האָט מען געזען דעם בית־הקברות־וואָגן און דער מלאך־המות האָט ארומשפּאַצירט פֿראַנק און פֿריי. מיין ייִנגערער ברודער, אין די פֿריע צוואַנציקער, א געזונטער, א קרעפֿטיקער, איז אוועקגעפֿאַלן א פֿאָר וואָכן פֿאַר זיין חתונה. איך בין קראַנק געוואָרן,

וואַכן געפיבערט אין די נעגל פון טויט. פון דעם איז אין מיין לינקער זייט צוזאַמענגעפאַלן די לונגען, עס האָט געבראַכט א רייצונג אין האַלדז און א שטאַרקן הוסטן. יאָרן האָב איך זיך דערפון ניט געקאָנט באפרייען. מיטן הוסטן פלעגט צוריקקומען דאָס עסן. ספּעציאַליסטן האָבן ניט געפונען קיין הילף. ביז אין 1925 דורכן פאָרן איבערן ים, איז עס אוועק. נאָך מער: די שווינדזוכט־באַצילן זיינען אינגאַנצן אָפּגעטויט געוואָרן. דאָקטוירים האָבן ניט געקאָנט פאַרשטיין דעם װוּנדער, וואָס די דאָזיקע ים־רייזע האָט געבראַכט. איך בין געווען פולקום אויסגעהיילט פון מיין לונגען פעלער.

די מגפה האָט אָנגעהאלטן א קורצע צייט, ניט אויסגעלאָזן קיין הויז. אין בית אשר אין שם מת. מיר דוכט אז א לאַנד, ווי א יחיד, דאַרף אויך איבערגיין עפּעס אזוינס ווי פּאָקן און מאָזלען. די דאָזיקע מגפה אין אפריקע איז געווען דער לעצטער ארויסשטורעם פון דער ווילדקייט דאָ, פון מדבר, דער טויט־בונד, וואָס די ווייסע באפעלקערונג האָט געשלאָסן מיטן געבענטשן לאנד — צום לעבן.

# צוריק אהיים

בערלין 1925, ווי ניט זי וואָלט צעפלאַקערט די וועלט־מלחמה. — אין שטעטל. — די זעלבע זאַכן און דאָס לעבן געענדערט. — מיליאַרדן דייטשע מאַרקן אין הענט פון אָרעמע יידן. — הרב קלמן מגיד, וועמען דער פאָגראָם־טויט האָט נאָכגעיאָגט. — אויף די שפורן פון העברעאישע שפּראַך און יידישער לשון. — די זאָרג איז ליידער געווען בארעכטיקט.

אין יאָר 1925 בין איך געפאָרן, צוזאַמען מיט מיין פרוי און איר שוועס־טער, באַזוכן די אַלטע היים. אויפן וועג האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט א פּאָר וואָכן אין בערלין. דאָ איז שוין פון דער מלחמה לאַנג קיין צייכן ניט געווען. דער מסחר איז גרויס געווען, דאָס לעבן ברויזיק, די טעאַטערן, קאַפעען פול, דאָס נאַכט־לעבן גרויס. פרייד, פריילעכקייט און פאַרדינסט, ווי ניט דייטש־לאַנד וואָלט גאָר געהאַט אָנגעצונדן א וועלט־מלחמה און ווי ניט זי וואָלט איר פאַרשפּילט. גוים האָבן ווייזט אויס פיינט לאַנג צו באַוויינען זייערע טויטע.

אין די טיילן פון שטאָט וווּ יידן האָבן זיך, הויפּטזעכלעך, קאָנצענ־טרירט, האָט מען אָנגעטראָפן אויף א סך פרעמדע, גאַליציאַנער, פּוילישע און עסטרייכישע יידן, געקומענע קיין דייטשלאַנד אין צייט פון קריג אָדער באַלד נאָכדעם. יידן, אַלט־איינגעזעסענע, זיינען צעצונדן געווען פון פּאַטריאָטיזם צום פאָטערלאַנד. ניט געקאָנט מוחל זיין דייטשלאַנדס פאַרשפּילן דעם קריג. דייטשן האָבן געמורמלט וועגן רעוואַנש, נקמה. יידן האָבן וועגן דעם גערעדט אָפן. צו פאַרשטיין איז עס געווען: אין צייט ווען די צאַרן־מאַכט האָט יידן געפּלאָגט, פּאָגראָמירט, האָט דייטשלאַנד זיך באַצויגן גוט צו אירע יידן, און אפילו צו די פרעמדע, אין די געביטן וועלכע זי האָט באַזעצט, אין צייט פון קריג. זיינען יידן דאַנקבאַר געווען און האָבן זייער דאַנק באַוויזן מיט איבער־טריבענעם פּאַטריאָטיזם. יידן האָבן פאַרנומען הויכגעשטעלטע ערטער אין אַלע געביטן פון לעבן, גענאָסן פון פולע גלייכבארעכטיקונג און די צופרידענע, זאַטע אסימילאַציע, אין שפּראַך, אין לעבנס־פיר, אין געמישטע חתונות האָט זיך דאָ פונאנדערגעלייגט ווי ביים טאַטן אין וויינגאָרטן.

אין מיין שטעטעלע, אין קראַז, האָב איך געפונען אַלץ ווי געלאָזן מיט 25 יאָר צוריק. ביי די ווענט פון בית־המדרש און שוהל זיינען נאָר צוגעקומען פאר דער צייט נאָך עטלעכע שפּאַרעס, צו אונטערהאלטן זייער אַלטקייט.

אין שוהל אינעווייניק איז נאָך זיך אזוי געשטאַנען דער ווונדערלעך געשניצטער ארון־קודש, דער קונסט־געשניצטער עמוד, א באטריפטער פון חלב־ליכט, אריבערגענומען פון הויך קופּאָליקן סופיט. די זון האָט זיך נאָך אלץ דאָ אריינגעשפּילט אין די פאַרנאַכטן דורך די פילפאַרביק קאָלירטע שויבן, זיך אָנשלאָגנדיק אויף א סך אויסגעבראָכענע, וואָס נייע קונדסים, שטיפער האָבן, ווי איך אמאָל, געמאַכט פאר זייער שטיינער־ציל, אין פריידיקן קינ־דער־שפיל.

אין שוהל האָט מען געדאווענט איצט נאָר אין די ימים־נוראים. א גאַנץ יאָר איז שוין געגנוג געווען דער בית־המדרש. פארקלענערט געוואָרן די קהילה. אָבער דער ארון און טהרה־ברעט זיינען נאָך אלץ געשטאַנען אין שוהל־פאָרהויז און האָבן איצט, פון דער פארמאַכטער שוהל ארויס, נאָך זיכער מער געשראָקן די יונגע קינדער, ווי דאָס האָט אַמאָל געשראָקן אונדז.

דער גרויסער מאַרק־פּלאַץ, וואָס פלעגט אָפט פאַרוואַנדלט ווערן אין א טיפן זומפּ, איז געווען אויסברוקירט, גלאַטיק, ווי עס וואָלט זיך אויסגע־פוצט אין א שטיינערנעם מאַנטל. די קרעמלעך און הייזקעס ארום אים זיינען אָבער געבליבן די זעלבע. פון די יאָרן אפילו ניט עלטער געוואָרן. אויף זיי האָט שוין דער עלטער ניט געווירקט, געווען שוין ארויס פון צייט־באַגריף, למעלה מן הזמן. די הויפּט־געסל, ווי שמאָל זי איז געווען, האָבן דאָך די דייטשן, אין צייט פון זייער אָקופּאַציע דאָ, פארלאנגט צו פארפלאַנצן מיט בוימער פוןביידע זייטן. די איינוווינער האָבן געחוזקט: ווער דארף דאָ בוי־מער וואָס שטערן נאָר, אז אָט שטייט דערנעבן א גאנצער וואַלד...

* * *

אין מיין היים, אין דער הויז ווו כ'בין געבאָרן און די ערשטע קינדער־יאָרן פאַרבראַכט, האָט דער לויף פון א האלבן יובל יאָרן כמעט ווי קיין סימנים ניט געלאָזן. אלץ אזוי ווי כ'וואָלט נעכטן פון הי ארויס. יעדער קעגנשטאַנד, און אפילו דער קלענסטער אָטעמט מיט דערמאָנונג. אָפּט, אין דיין ווייטקייט, האָסטו זיך גאָר פאַרבענקט נאָך דער בעקער־לאָפּעטע פון ווינקל. און אָט שטייט זי דאָ, ווי געשטאַנען. נעמסט איר אריין אין האַנט, ווילסט נאָך אמאָל פילן דאָס באַרירן איר ווי אמאָל, מיט דער קינדערשער ווייכער הענטל. זי ברענגט א דערמאָנונג פון פארלאָפענע קינדער־יאָרן. זאכן קענען אויך ווערן אינטים, נאָענט, אמאָל מער נאָך ווי מענטשן. קעגנשטאַנדן פון דער קינדהייט — זיי בלייבן אייביק אין זכרון. אמאָל זעסטו עפּעס אזוינס, שטעלסט זיך אָפּ: אַזאַ לאָפּעטע איז געווען אין אונדזער היים... היינט איז די היים מער ניטאָ,

פאַרברענט, צעמאָרדעט. ווילט זיך זי און די זאַכן וועלכע האָבן איר ארומגע־רינגלט כאָטש אויפן פּאַפּיר דערמאָנען.

נאַרישע, פּשוטע זאַכן: אָט שטייט דער אַלטער קאָמאָד, דער קליידער־שאַף, דער שלאָף־באַנק, די בעטן מיט שטרוי אין זיי; אָט הענגט די אַלטע פאַרמעליקטע וואָג, שטייט דער גרויסער ליימענער בעקער־אויוון; דער זייגער קלינגט, טרייסלט זיך, וואַרפט זיך מיט זיין גאנצן לייב און לעבן, באוועגט די אראָפּגעהאַנגענע גרויסע געוויכטער. ער הענגט א ביסל קרומלעך, ווי כ׳האָב אים, פאר א סגולה ער זאָל גיין, געלאָזן דאָ מיט 25 יאָר צוריק. אויסגע־האַלטן די סגולה.

אַמאָל בלייב איך שטיין אין טונקעלן פאָרהויז, אריבערגעבויגן איבער דער גרויסער וואַסער־טון. קומט עמעצער ארויס פון הויז, שלאָגט זיך אָפּ אָן מיר. „האַ, פאַרוואָס איך שטיי דאָ?“ און אז כ׳וועל אים דערקלערן וועט ער עס פארשטיין? זאָג איך נאָר פון יוצא וועגן: ווייס איך, עט, מען שטייט. און בלייב איך ווידער אליין, קוק איך ווידער אריין אין דער טון מיט וואַסער, שפּיגל מיין פּנים אָפּ, ווי אַמאָל, ווי אַמאָל, כאָטש דער וואַסער־לץ קרימט מיך שוין איבער מיט עטלעכע קנייטשן אויפן פּנים. און אָט שטייט אין זעלבן פאָר־הויז דער אלטער לייטער, יעדער צווייטער שטאַפּל ארויסגעבראָכן. לאָמיך נאָר פּרובירן א קלעטער טאָן אויף אים. האַ, וואָס וויגט ער זיך אזוי, אַלט געוואָרן, אָדער?...

אלץ ווי געוועזן, ווי געוועזן און דאָך אנדערש. די זאַכן געבליבן די זעל־בע, נאָר געענדערט האָט זיך עס פּאָרט. אמאָל האָבן די אלע זאַכן געהאַט לעבן, היינט געבליבן נאָר דערמאָנונגען. און אויך די וועלכע האָט די אלע זאַכן בעיקר באַלעבט, — זי איז ניטאָ מער. איר חן שוועבט דאָ נאָך אום פאַר מיר אין אלע ווינקעלעך, אָבער ניט מער ווי דאָס. איר גוף ליגט אונטער אן ערד־בערגל אויפן בית־הקברות. דער בית־עולם אין שטעטל איז א נאָענטע, כמעט אינטימע אינסטיטוציע. און א מאַמע שטאַרבט אלעמאָל צו פרי. שפּאַציר איך אָפּט ארויס צום בית־עולם, פארשטעלט פון פרעמדע בליקן, זעץ זיך צופוס פון איר קבר און בין ווידער א קינד לעבן דער מאַמען.

אין א טאָג, זייענדיק ביי דער שוויגער־מוטער אין הויז, האָב איך גע־וואָלט נאָכקוקן די איבערגעבליבענע ספרים פון שווער. זיי זיינען געווען אין אַן איינגעבויט שראַנק, אין דער קעגנאיבערדיקער הויז, וואָס איז איצט געווען פאַרדונגען. אריין אין יענע היים, ארויסגענומען עפּעס א ספר, ערשט פון הינ־טערן ספר דערזע איך בינטלעך געלט. איך גיב זיי א צעעפן: דייטשע מאַרקן, אין מיליאָנען. אין דעם קומט אריין דער בעל־הבית, זעט מיין פאַרוווּנדערונג, גיט ער א זאָג: קומט, זעצט זיך נאָר, כ׳וועל אייך עפּעס דערציילן.

— איר קאָנט דאָך מיר — האָט דער מאַן אָנגעפאַנגען זיין געשיכטע, — געווען א ישובניק פון דור־דורות. דאָס לאַנד וואָס כ'האָב געהאַט, באארבעט געטריי און מיט ליבשאַפט, האָב איך געקראָגן בירושה פון מיין פאָטער; ער האָט עס געקראָגן פון זיידן, ירושה־ערד פון איבער צוויי הונדערט יאָר. פאָ־טער צו קינד האָט עס איבערגעגעבן. יעדער האָט דאָס לאַנד פארבעסערט, די ווירטשאַפט פאַרגרעסערט. פון מיליאָנערן ווייט, אָבער חיונה אלעמאָל בשפע. קיין קינדער האָבן אויך ניט געפעלט. האָבן זיי זיך געהאָדעוועט אויפן לאַנד, אויפגעוואקסן געזונטע, דעמבענע יידן. לופט איז געווען, עסן געווען. אין יידישקייט איז מען אויך ניט פרעמד געווען. אלעמאָל געהאַט א מלמד פאַר די קינדער. קיין רבנים ניט אויסגעוואַקסן, אָבער אזוי זיך, ניט צו פארזינדיקן, פאר מענטשן זיך ניט געדארפט שעמען. א שטיקל חומש, אַ קאַפּיטל תהלים. דאָרפס־יידן טאָקע, פון א בית־מדרש אָפּגעריסן, אָבער יידן. זיינען די קינדער אויסגעוואַקסן, חתונה געהאַט ווי גאָט און לייט האָבן געבאָטן. ווער ס'איז אוועק צו די שווערס, זיך געשאַפן א נייע היים, ווער ס'איז געבליבן אויפן לאַנד. אזוי דורות לאַנג. ביז ס'איז אָפּן געוואָרן די גרויסע וועלט און יונגע מענטשן האָבן ניט געוואָלט מער איינזיצן, אפילו אין שטעטל ניט, שוין א פשיטא אויפן דאָרף. מיינע קינדער אויך אוועק, אלע אין אמעריקע. נו, איז וואָס פאר א זין האָט עס שוין געהאַט פאַר מיר מיט מיין אַלטעצקע צו בלייבן אויפן לאַנד. אין דער אמתן, פאַר וועמען, אז די קינדער זיי־נען זיך צעפלויגן, ווי פייגל פאר א שטורעם. כ'מיין, כ'האָב ניט צו זיי גאָרניט. וואָרום, צוריק גערעדט, אפשר זיינען זיי גערעכט, ווייל דער שטורעם איז דאָך טאַקע געקומען אויך. פארקויפן דאָס ערד, די ווירטשאַפט איז אָבער קיין האַרץ ניט געווען. גיי פארקויף דיין אייגענעם לייב און לעבן. דערוויילַ זיינען געקומען די דייטשן, אין שטאָט איז שווער געווען מיט עסן, איז מען שוין אוודאי געבליבן זיצן. אויפן לאַנד פעלט גאָרניט. זיינען זיך אָבער די דייטשן איינגעזעסן, זייער געלט איז געוואָרן געלט, איז שוין אויך געוואָרן מער עסן אין שטאָט. צו יידן האָבן זיי זיך באצויגן מיט פריינדשאַפט, גאָרניט ווי די צאַרישע רעגירונג. די יאָרן לויפן, מען איז שוין ניט קיין יונגערמאַן, ווי איר זעט, ווילט זיך אויף דער עלטער, וויבאַלד די קינדער שוין ניטאָ, כאָטש לעבן צווישן יידן, מיט א בית־מדרש, מיט אַ מנין, אז צו וואָס ליגן אַליין אויפן לאַנד שוין, פאר וועמען? האָב איך פארקויפט מיין נחלה, אריין אין שטעטל, געוואָלט שוין אזוי לעבן, ווי לאַנג גאָט וועט געבן יאָרן פון גרייטן. אונדזער אמונה אין דייטשלאנד און אין איר געלט איז געווען אזוי גרויס, אז ניט האָט מען אייגן געלט געהאַלטן אין מאַרקן, נאָר אפילו אויב עמעצער פלעגט קריגן א פּאָר דאָלאר פון אמעריקע, — האָט ער עס אויך אויסגעביטן אין מאַרקן. האָב איך פארשטענדלעך מיט מיין גאנץ אָפּגענומען געלט געטאָן דאָס זעלבע.

און אָט דאָס זיינען עס די מאַרקן, וואָס איר האָט דאָ געפֿונען אונטער די ספרים. ניטאָ קיין כוח צו פֿאַרברענען דאָס פֿאַרמעגן פֿון דורות, נישטאָ קיין ווילן עס אויך אָנצוקוקן, איז ליגט עס דאָרט אַזוי פֿאַרלייגט, זאָל עס ליגן.

דער ייד האָט געענדיקט זיין דערציילן, זיך אָפּגעקרעכצט און אַרויס פֿון הויז. איך בין נאָך א ווילע געבליבן מיט די צענדליקער טויזנטער דע־וואַליואירטע מאַרקן אין האַנט, עס איז געווען אין זיי חוזק, אָפּשפּאָט פֿון מענטשלעכער פֿאַרזיכערונג אין געלט. א הויפֿן ווערטלאָזע באַדרוקטע פּאַ־פּירלעך.

שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דער ייד איז אין דער הינזיכט נאָר געווען איינער פֿון טויזנטער.

* * *

פֿאַר דער צייט פֿון מיין ניט זיין אין שטעטל האָט די צאָל איינוווינער זיך שטאַרק פֿאַרקלענערט. די אַלטע, א סך אויסגעשטאָרבן און דער גרעסטער טייל יינגערע — זיך צעפֿאָרן, צעלאָפֿן אין די מעבר־לים־לענדער. געווען אויך ניי־אריינגעקומענע, פֿון ארומיקע קלענערע שטעטעלעך, אויך אײדעמס, וואָס האָבן דאָ חתונה געהאַט. א סך מענטשן זיינען מיר שוין געווען פֿרעמד, אומבאַקאַנט, געדאַרפֿט אָפּט פֿרעגן אויף א מענטשן, ווער ער איז, כאָטש פֿריער האָב איך דאָ געקענט דעם אָפּשטאַם פֿון יעדן, אָפּט ביזן דריטן דור. פֿון מיינע חברים — נאָר ווייניקע געבליבן אין שטעטל. מיין פֿאָטער איז דאַן שוין אַלט געווען 83 יאָר, און כאָטש נאָך פֿריש, יונג אין גייסט, איז זיין גוף שוין געווען אָפּגעשוואַכט. איך האָב געוווּסט אַז כ׳וועל אים מער ניט זען און זיך געהאַלטן נעבן אים גאַנצע טעג, אים מכבד געווען, באַדינט. אין די אָוונטן פֿלעג איך אָפּט ארויסגיין מיט מיין שוואָגער, אַן עכטער למדן־משכיל, און מיטן רב, ר׳ קלמן מגיד, וועלכער כאָטש עלטער פֿון מיר, האָבן מיר דאָך אמאָל געהערט צו איין קרייז, ווען ער איז דאָ אָנגעקומען אלס אײדעם. פֿאַר די יאָרן פֿון אונדזער צעשיידונג איז ער א לאַנגע צייט, ביז נאָך דער מלחמה, געווען רב אין רוסלאַנד, אין אוקריינע, ווו ער האָט לבסוף אדורכגעלעבט א שווערן פּאָג־ראָם, געוואָרן באַליידיקט און קערפּערלעך שטאַרק פֿאַרלעצט. די קערפּער־לעכע וווּנדן האָבן מיט דער צייט זיך פֿאַרהיילט, די מאָראַלישע זיינען שוין אָבער געבליבן וואַך אין אים. א טיף צאַרטער, מיט א פּאָעטיש לירישע נשמה, האָט ער שוין קיינמאָל ניט געקאָנט די מענטשלעכע געפֿאַלנקייט, וואָס ער האָט געזען אין צייט פֿון פּאָגראָם. א למדן מופֿלג און באַשאָנקען מיט גאָר א סך מעלות, פֿון די באַקאַנטסטע און באַליבטסטע רבנים ציוניסטן, האָט ער אָבער דאָך ניט געיאָגט זיך צו ווערן רב אין א גרויסער שטאָט. געזעסן אין קראָז, אין דעם געבאָרן־שטעטל פֿון זיין פֿרוי, געאַכט און געערט פֿון אַלעמען.

ערשט יאָרן שפּעטער, אַז דאָס שטעטל האָט זיך שוין גאָר שטאַרק פאַרקלע־נערט, האָט ער איינגעשטימט אויפגענומען צו ווערן אלס רב אין וועקשנע.

ווי איך הער איז ער דאָרט אומגעקומען אויף קידוש השם, אומגעקומען דורך די נאַציס און זייערע העלפער, די ליטווינער. דערמאָרדעט געוואָרן צו־זאמען מיט זיין עדה און מיט יידן פון די ארומיקע שטעטלעך אין דערבייאיקן וואַלד, צווישן וועקשנע און מאַזייק.

לאנגע יאָרן פאַרפאָלגט פון איבערלעבטן פּאָגראָם, האָט אים דער פּאָג־ראָם־טויט ניט אויסגעמיטן, צענדליקער יאָרן שפּעטער.

יידישער גלות־גורל אין א רציחהדיקער וועלט.

פאָרנדיק צום שטעטל בין איך געווען איילִיק, שוין געוואָלט וואָס גיכער זען דעם אלטן טאַטן, דאָס שטעטל, די מענטשן און ערטער, וואָס זיינען דאָך אזוי ליב געווען און וואָס אלע יאָרן אין דער פרעמד זיינען אדורך אין איין גרויסער בענקשאַפט צו זיי. און ווי מאָדנע דאָס זאָל ניט זיין, — דריי וואָכן זיינען געגנוג געווען צו שטילן אלע בענקשאַפטן און אפילו אָפּקילן די התלהבות. אָט איז דער וואַלד, אָט דער טייך, וואָס זיין שטראָם האָט אזוי פריילעך געקילט דיין יונגן גוף. ער פליסט, ווי געפלאָסן, ווי קיינמאָל גאָרניט. ניט איך האָב אים געפעלט, ניט איך וועל אים פעלן. עס איז ניט קיין קעגנזייטיקע ליבע. די נאַטור ווייס ניט פון געדענקען, זי איז די קאַלטסטע מלחמה. מיט חלום און בענקשאַפט איז נאָר מענטש געבענטשט. אָט איז מיין שטעטל, מיין חלום, מיין יוגנט, מיין בענקשאַפט און — דאָס איז עס, אָבער ניט מער.

אין צוריקוועג פון שטעטל האָב איך זיך כסדר אָפּגעשטעלט, געוואָלט זען דאָס לעבן אין דער נייער, זעלבסטשטענדיקער ליטע. באזונדערס האָב איך ניט אדורכגעלאָזן די ערטער וווּ איך האָב פריער פאַרבראַכט יאָרן פון מיין יוגנט.

מיין ערשטער אָפּשטעל איז געווען אין קעלם, די שטאָט פון מוסר, פון ר׳ שמחה זיסל, דער תלמיד פון ר׳ ישראל סאַלאַנטער. דער יידישער לעבן אין שטאָט האָט זיך ניט געענדערט. ניט געווען מער אזויפיל ישיבה־בחורים, מוסרניקעס, אָבער דאָך האָבן נאָך אין די פאַרנאַכטן ארויסגעוויינט הונדער־טער שטימען דעם אומעטיקן מוסר־ניגון. און די יידישע פּרנסות — ווי געווען. ווו נאָר א טיר — א געוועלבל, א קרעמל. און די קרעמלעך האַלטן אַלץ: הערינג, צוקער, שטאָף און ניט זעלטן אויך דערביי א פראַשיק צו קאָפּ־ווייטאָג. דער דאָרף־פויער דאַרף קריגן אַלץ אויף איין אָרט און נאָר אזוי איז מעגלעך צו ציען חיונה.

אין אָוונט שפּאַציר איך פאַרביי די הייזער פון מיין „זונטאָג״, פון מיין „מיטוואָך״, קוק אריין דורך א גאַרדינלאָזן פענצטער, דערקען דעם שראַנק, דעם טיש. אמאָל גייט ארויס עמעצער פון דער משפחה פון מיינע געוועזענע

„טעג"־געבער. איך קוק זיי שאַרף אריין אין די אויגן, דערקען זיי, זיי מיר — געוויס ניט. צוגייען, זיך פאַרשטעלן — פעלט אויס מוט, און וואָס וועט עס ברענגען, צו וואָס איז עס נייטיק. קוק איך אָן די הייזער, די מענטשן, רוף ארויס בילדער, דערמאָנונגען: דאָ האָב איך געגעסן שבת, פאַרשעמט געוואָרן ביז טרערן, געווען א קארגער ייד, געזשאַלעוועט א שטיקל חלה; דאָ — געגעסן דינסטאָג, א גוטמוטיקע בעל־הביתטע, ליבע טעכטער, א ציכטיקע גוטע יידי־שע שטוב. עס ווילט זיך נאָך איצט אריינגיין, זאָגן זיי א דאַנק פאַר דער מענטשלעכער פריינדשאַפט פון דאַן. נאָר ווער ווייס, קען זיין זיי וועלן גאָר זיין באליידיקט, אָפּגענאַרט, זיי האָבן דאָך געגעבן עסן א ישיבה־בחור, אין האָפנונג אויף עולם־הבא, אז ער וועט זיין א רב, איז צו וואָס זיך באווייזן פאַר זיי און צעשטערן זייער גלויבן.

* * *

אין שאַוול זיינען דורכן קריג פאַרברענט געוואָרן א סך הייזער. אנדע־רע זיינען שוין געווען צוריק אויפגעבויט, אנדערע זיינען נאָך געשטאַנען אין זייער שוואַרץ פאַררויכערטן חורבן. די שטאָט, די איין גרויסע, לאַנגע גאַס, וואָס פאַנגט זיך אָן ביי פרענקלס פאַבריק און ענדיקט זיך מיטן שטאָטישן גאָרטן; דער וואָקזאַל, די ווייסע און רויטע טורמעס — אלץ, אלץ ווי געווען. נאָר דער יידישער האַנדל איז שטאַרק געבראָכן און דער יידישער מוט אויך. שאַוול איז פאַרן קריג געווען א שטאָט פון גרויס געשעפט, זיך געפינענדיק אויפן קרייץ פון וועגן, ווי א באַן־קנופּ. מיטן אויפקום פון דער זעלבסט־שטענדיקער ליטע זיינען די גרענעצן געשלאָסן געוואָרן; ניט געווען מער גרויסע הינטער־לאַנד רוסלאַנד; אויך ריגע, די שטאָט מיט וועלכע שאַוול האָט געהאַנדלט, איז איצט געווען אָפּגעשלאָסן מיט א גרענעץ, ריגע איז שוין גאָר געווען די הויפּט־שטאָט פון א צווייט זעלבסטשטענדיק געוואָרענע מדינה־לע — לעטלאַנד. די קראָמען און סוחרים זיינען אין שאַוול געבליבן ווי פאַרן קריג, דער האַנדל איז שוין אָבער ווייט ניט געווען דער זעלבער.

פּאָליטיש איז דער מצב געווען נאָך ערגער. די האָניק־יאָרן פון דער ליטווישער זעלבסטשטענדיקייט האָבן זיך געהאַט געענדיקט און דערמיט — אויך די פריינדשאַפט צו די מינדערהייטן און געוויס שוין צו די יידן. אויטאָ־נאָמיע, יידישע מיניסטאָרן, נאַציאָנאַל־ראַט, אלע שיינע גוטע זאַכן פון די ערשטע יאָרן, איז איצט געווען א זייפן־בלאָז. דער דאָרף־פּויער האָט געקראָגן מאַכט און האָט זיך באַלד דערמיט פאַרשיכורט, ניט געוווסט וואָס צו טאָן מיט זיין גדולה, האָט ער זי אריינגעשלאָגן אין א יידישע שויב. די קאַטוילישע גלחים און סתם אומגעהובלטע האלב־אינטעליגענטן האָבן אָנגעפאַנגען רייטן אויפן פערדל פון אנטיסעמיטיזם, האָפנדיק אז דאָס איז דער בעסטער פערד

כדי צו דעררייטן צום מדינה פערד (דער עמבלעם פון דער ליטווישער מדינהלע איז דאָך טאַקע געווען א פערד). די יוגנט, קינדער פון נעכטיקע אונטערדריק־טע, זיינען דערצויגן געוואָרן אין עקסטרעמסטן נאַציאָנאַליזם, מיט אָפענער פיינדשאפט צו פרעמדע, ניט רעכענענדיק זיך דערמיט, אז די „פרעמדע" יידן זיצן אין דעם לאַנד שוין גענויע זיבן הונדערט יאָר און האָבן בייגעשטייערט פאַרן לאַנד מער ווי די אייגענע. האָבן יידן שוין דאַן אָנגעפאַנגען קלאָר פילן דעם זיך צעוואַקסנדיקן אנטיסעמיטיזם. דאָך, יידן האָבן געבויט, געשאַפן, אינוועסטירט געלט און ענערגיע, מיט דעם יידיש־ליטווישן געדולדיקייט גע־שפּאַנט דעם גורל אנטקעגן; מיט א פּיקחותדיקן וויץ און לומדות־ווערטער פאַרטריבן דעם אומעט. איבער די גאַסן האָבן מאַרשירט ליטווישע זעלנער, אין אָפּגעריבענע, פאַרשיידנפאַרביקע מונדירן, זינגענדיק מיט ווילדע קולות. יידי־שע יוגנט האָט מאַרשירט אין דער זעלבער ריי, געדינט דעם נייעם רעזשים אויף דער אַלטער איינגעזעסענער ערד, געהאָלפן מיט זייער אינטעליגענץ און וויסן געשטאַלטיקן, פאָרמען דאָס נייע לעבן. די הילף האָבן די ליטווינער צוגענומען, געלערנט, זיך געלאָזט לערנען, אָבער דעם דאנק — דאָס האָבן זיי אָפּגעגעבן ערשט שפּעטער, מיטן אויסברוך פון קריג — — —

קאָוונע, ווי א הויפּט־שטאָט פון א לענדל אין האַרץ פון אייראָפּע, האָט געמאַכט א צום לאַכן־נעבעכדיקן איינדרוק. דער איינציקער פּאַרקער־מיטל אין שטאָט — אָפּגעאַרבעטע, אויסגעריבענע פערדלעך. איז מען געפאָרן, אפילו אין דער הויפּט־גאַס, האָבן די שפּיציקע שטיינער צעטאָרקעט דעם גוף. היינט שמוץ און אָפּגעלאָזנקייט אויף יעדן ריר און קער. געשטאַנק פון אי־בערגעפוילטע פּרות פאַרפולט די שטאָט. קיין איין מענטשלעכער האָטעל פאַר אַ רפואה ניט. וואָלט אָרעמקייט געווים קיין שאַנדע ניט געווען, ווען דער אָנ־שטעל, די פוריע וואָלט ניט געווען. ביטער מיט אן אויפגעקומענעם גביר. צען מאָל ביטערער מיט אן אויפגעקומענע מדינהלע, וועלכע פּראָוועט אָנשטעל פון א וועלט־מאַכט.

אין דער גרויסער סלאָבאָדקער ישיבה, וווּ כ'האָב מיט דרייסיק יאָר צוריק פאַרבראַכט א קורצע צייט, האָב איך די אָרדענונג ניט דערקענט. עפּעס גאָרניט די אַמאָליקע ישיבה־בחורים, גאָרניט ווי איך און ווי פון מיין צייט. דאָס ארומיקע לעבן האָט אויך געשפּאָלטן די כותלי בית המדרש פון דער סלאָבאָדקער פעסטונג. געוויס, הונדערטער בחורים זיצן און לערנען, שאָקלען זיך איבער די סטענדערס, ווי געווען. און דאָך איז עס ניט דאָס זעלבע. זייע־רע געזיכטער זיינען נאָך בלאַס, אָבער שוין ניט אזוי טיף אויסגעצערט. מען זעט אפילו אנדערע שוין גאָר געזונטע, ענערגישע בחורים, פיין געקליידט. די זויבערקייט אין ישיבה און אויף די בחורים פאַרגאָפּט דאָס אויג. זייער ריידן, דער אופן פון לערנען, פון פּלפּול, אַלץ איז מיט רואיקייט, מיט קולטור.

דאָ און דאָרט שרייט א בחור אויס, ווייל עפּעס דערקלערן זיין חבר און ס׳פּעלן אים די נויטיקע ווערטער, אדער ווייל זייז חבר מנצח זייז, א געשריי פון באַגייסטערונג פון א נייעם בליציקן איינפאַל, אָבער אויך דאָס געשריי איז קולטיווירט שוין. אין מיין צייט איז שרייען און איבערשרייען געווען כמעט ווי אַ מוז, ווי אַ מצוה. איצט איז עס גאָר, גאָר אַנדערש. איך שטיי, הער זיך צו דאָס לערנען, ווער באַלד מיטגעצויגן אין א קליינעם קרייז בחורים, וועלכע „שמועסן אין לערנען", ווי ס׳ווערט אָנגערופן אויפן ישיבה־לשון דאָס איבערזאָגן א שטיקל תורה. איך הער און גלויב מיינע אויערן ניט. עפּעס אזעלכע נייע, מאָדערנע ווערטער, אזא געשליפענעם ליטעראַרישן יידיש. פון וואַנעט נעמט זיך עס צו די דאָזיקע מוסרדיקע ישיבה־בחורים. ווער איך אָבער באַלד געוואָר, אז ניטאָ א בחור אין ישיבה וועלכער זאָל ניט לייענען א צייטונג. דער גרעסטער טייל פון זיי קען גוט די יידישע און העברעאישע ליטעראַטור; די יינגערע האָבן טיילווייז שוין באַוויזן ענדיקן א נאָרמאַלע פאָלק־שול, איידער זיי זיינען אריין אין דער ישיבה. דערווייל כאַפּ איך אויף פון א ווינקל א באַקאַנט לשון, ענגליש. ווייזט זיך ארויס, אז דאָ זיינען דאָ צענדליקער בחורים פון ענגלאַנד, פון אמעריקע, געקומען אויף עטלעכע יאָר אין די ליטווישע ישיבות, כדי שפּעטער קענען זיין רבנים, ראַבאַיס, אין זייערע היים־לענדער. ווי וואונדערלעך, ווי אנדערש, ניי.

און וואָס ס׳האָט אָנבאַטראָפן דעם חינוך, די דערציאונג פון יונגן דור, איז אַלץ איצט געווען מעשי בראשיתדיק אין ליטע. ניט געווען מער קיין זכר פון די ענגע פינצטערע לופטלאָזע חדרים. אין קלענסטן שטעטל אפילו — לופטיקע שולן, אָנגעפירט פון פּעדאַגאָגן, מיט אָרדענונג און מעטאָדע. די קינדער פריילעכע, צעספּאָרטעוועט. אַ גאַנצער נעץ פון העברעאישע שולן און גימנאַזיעס, מיט העברעאיש אלס אונטעררריכט־שפּראַך, אויסגעשפּרייט איבערן לאַנד. אין די גרעסערע שטעט — שולן אויך מיט יידיש אלס אונטעררריכט־שפּראַך. און די יוגנט — זי איז קאָנטיק, אָנוועזנדיק אומעטום. דער מאָדערנער העברעאיש קלינגט ממש אין אַלע גאַסן, אין אלע הייזער. צי איז דאָס געווען ווייל ליטוויש האָט קולטורעל געוויס ניט געקאָנט זיין קאָנקורענץ־פעאיק מיט העברעאיש, צי דאָס איז געקומען פון אלגעמיינעם נאַציאָנאַלן אויפבלי, מיטן פּאָליטישן ציוניזם, מיט דער באַלפור־דעקלאַראַציע — שווער צו זאָגן וועלכע מאָטיוון ס׳האָבן באַוועגט דעם פונאַנדערבלי פון העברעאיש אין ליטע. העברעאיש האָט פאַרכאַפּט ברייט און טיף. פאַרוואָרצלט געוואָרן אין דער יוגנט. ליטע איז געוואָרן דער בית־היוצר פאַרן העברעאישן לשון אין א סך א גרעסערער מאָס ווי ס׳איז געווען איר קוואַנטיטאַטיוו. הונדערטער לערער אין ישראל און אויך אין דרום אפריקע זיינען געקומען פון אָט די אויפבלי־יאָרן אין ליטע.

און אזוי ווי אין דער העברעאישער שפּראַך, אזוי אויך אויף אלע געביטן פון יידישן קולטור לעבן. ליטע האָט געקענט זיין א מוסטער פון א יידישע מינדערהייט, וועלכע האָט אויפגעהאַלטן און אויסגעהאַלטן א פולבלוטיק יידיש לעבן. די יידישע שפּראַך איז געווען דאָמינירנד אומעטום. יידישע צייטונגען, יידישע קולטור־אינסטיטוציעס. צענדליקער מוסדות, רעגולירט, געאָרדנט, אליין אויפגעבויט און אליין אָפּט אויסגעהאַלטן. א פאַרצווייגטער יידישער באַנק־וועזן, די יידישע פאָלקס־בענק, וואָס זיינען געשטאַנען צו הילף דעם יידישן קליינקרעמער און בעל־מלאכה.

זיך טרעפנדיק מיט די מנהיגים פון ליטווישן יידנטום, האָבן זיי אָפן דערציילט וועגן זייער געמישט געפיל: פון איין זייט זיינען זיי שטאָלץ געווען אויף זייערע אינסטיטוציעס, אויפן קולטורעלן לעבן, פון דער צווייטער זייט האָט געדריקט די זאָרג פארן מאָרגן, איבער וועלכן דער אנטיסעמיטיזם האָט שוין געהויערט און געלויערט.

ליידער איז די זאָרג געווען א באַרעכטיקטע. ניטאָ מער דער ליטווי־שער יידנטום. גרויזאַם פארשניטן געוואָרן אין די יאָרן פון גרויסן יידישן חורבן. צעמאָרדעט, פאַרברענט, פאַרגאַזט דורך מערדערישע דייטשן און מיט דער אַקטיווער הילף פון די ליטווינער.

נישטאָ מער דער ליטווישער קוואַליקער יידנטום, ווי א צעמענטירטער און קאָלעקטיווער איינס. באַדייטנדע רעשטלעך זיינען נאָך פארבליבן אין אפריקע, ווו ס׳האָבן איבערגעוואַנדערט קרוב צו 70 טויזנט ליטווישע יידן. דער תורה־קולטור גייסט פון „ליטוואַק״ איז דאָ אָבער ניט פאַרגעזעצט גע־וואָרן. די קינדער דאָ זיינען געוויס שוין ניט קיין המשך פון דעם אייגנאַרטיקן „ליטוואַק״־טיפּ. רעשטלעך פון ליטווישן יידנטום זיינען אויך געבליבן אין ישראל, ווו די מעלות און אייגנטימלעכקייטן פון ליטווישן יידנטום וועט געוויס אריינקאָמפּאָנירט ווערן אין גרויסן אויפגעזאַנג פון באַנייטן יידישן פאָלק, וואָס ווערט דאָרט געשאַפן און געפורעמט.

# ליטוואקעס אין אפריקע

חברות, סאָסייעטיס. — ליטוואַקעס אָרגאַניזירן זיך. — נייע אימיגראַנטן ווערן ניט צוגעלאָזן צו השפעה. — די ליטוואַקעס ניט קיין אָרגאַניזירט געזעלשאַפטלעכער כוח. — אין פאַרבינדונג מיטן „אגוד יוצאי ליטא" אין ארץ ישראל. — אין דער צווייטער וועלט־מלחמה. — ליטווישע יידן ווילן שטעלן א מצבה זייערע פארשניטענע משפחות. — ראש־העיר פון תל־אביב שלאָגט פאָר וועלכע מצבה צו שטעלן. — אפריקאַנער ליטוואַקעס קענען זיך ניט צוזאמענריידן. — צווישן סופרים, רבנים, עסקנים. — ר' משהל פרידמאַן. — הרב קאָסאָווסקי. — מיין ארבעט פארן בית המדרש הגדול און פאַר דער תלמוד תורה. — מיט הרב ר' מאיר בערלין. — מיט הרב ר' עמיאל. — מיין ארבעט פאר „מזרחי". — ביים טויטן בעט פון הרב בערלין. — קאָרעספּאָנדענץ מיט גאונים פון דור. — נאָך א באַווייז וועגן דער פארזוימונג פון די ליטוואַקעס.

יעדער מענטש איז באשאַנקען מיט א חוש, וואָס בינדט אים מיט ליי־בע־פעדעם צו זיין געבורט־שטעטעלע. אין דער יוגנט איז די געפילן פון כבוד צו דעם רב, למדן, אינטעליגענט זייער גרויס און ער איז שטאָלץ מיט זיי; דאַן אין די יונגע טעג ווערן אויך איינגעקריצט אין מוח פארשיידענע פּאסירונגען — פריילעכע צו טרויעריקע, וועלכע האָבן אין זייער צייט געמאַכט א גרויסן רושם אין שטעטל. מען פארגעסט עס קיינמאָל ניט, און וואָס ווייטער די צייט רוקט זיך אַוועק, אַלץ שאַרפער און בולטער ווערן יענע געשעענישן און וועקן דעראינערונגען. די ליבע איז ניט באגרענעצט נאָר צו מענטשן, נאָר זי איז פון אַ ברייטערן פאַרנעם — צו דער גאַנצער סביבה. ניט נאָר די פּנימער פון יחידים, און ניט נאָר דער בית־מדרש און שול אין פריילעכע צייטן פון שמחות — פון טאַנצן און זינגען אין זיי, אָדער טרויעריקע צייטן פון זיצן אויף דער ערד און קלאָגן אויף דעם יידישן חורבן — נאָר די שטעטעלע אליין מיט אירע הייזער, גרויסע אָדער קליינע, נייע אָדער האַלב־חרובע און די וואונדער־באַרע פּרעכטיקע נאַטור ־פּאַנאָראַמע, וואָס נעמט איר ארום מיט בערגלעך, וועלדלעך, טייכלעך, גרויסע באַוואַקסענע פעלדער מיט תבואות, ברייטע לאָנ־

קעס מיט זאַפטיקע גראַזן, פאַרביקע בלומען און בלימעלעך, וועלכע קוקן אויס ווי אַ פאַרשפּרייטער טעפּיך — געמעלן פון אַ געטלעכן קינסטלער — אַלץ, אַלץ וועקט דערמאָנונג.

און מערקווירדיק — וואָס קלענער דאָס שטעטעלע איז געווען, אַלץ מערער איז מען געווען צוגעבונדן צו איר און מער איז געווען די ליבשאַפט. אפשר, ווייל די צאָל משפחות איז געווען קלענער ווי אין אַ גרויסער שטאָט און יעדער איינער האָט געקענט און געווען אינטים מיטן צווייטן. אויך די נאַטור ארום האָט מען געזען אין איר פולן פּראַכט; די זון איז ניט געווען פאַר־שטעלט בייטאָג, און די לבנה ביינאַכט. מען האָט געוווּסט ווו ס׳איז מזרח און ווו — מערב. מ׳האָט ניט געדאַרפט פרעגן צו וועלכער זייט שטעלט מען זיך צו שמונה עשרה, און מ׳האָט אויך מער געאַכט ר׳ זונדלען, ווייל ער איז א ייד א למדן, כאָטש אַן אָרעמאַן, ווי ברוך׳ן — אַ ייד אַן עם־הארץ, כאָטש א נגיד!... קיינער האָט זיך קיינמאָל ניט געקלאָגט און אויסגעדריקט אומ־צופרידנקייט מיט זיין שטעטעלע אין וועלכער ער איז געבאָרן געוואָרן. יע־דער איז געווען פול מיט ליבע צו איר, און זייער שטאָלץ אויף איר.

אין די יאָרן פון דער גרויסער עמיגראַציע, ווען טויזנטער יידן האָט געדריקט די נויט צו פאַרלאָזן זייער היים, צו זוכן ברויט און פרייהייט אין אמעריקע, אפריקע און אנדערע לענדער מעבר לים, איז דאָס ערשטע וואָס אזא עמיגראַנט האָט געטאָן ביים אָנקומען אין א פרעמדער לאנד איז געווען: זיך גלייך טרעפן מיט א לאַנדסמאַן, א שטעטלשן חבר אָדער באַקאַנטן, וועלכער האָט געטאָן אַלץ וואָס מעגלעך נאָר, צו געפינען פאַר אים אַ מקום־לינה און אויך ארבעט, אויף צו קענען מאַכן א לעבן. און אזוי גיך ווי א מנין לאַנדסלייט האָבן זיך איינגעפונען אין א שטאָט, האָבן זיי גלייך געגרינדעט א לאַנדסמאַנ־שאַפט, וועלכע האָט געזאָרגט פאַר דעם אימיגראַנט, אים גלייך אויסגע־האָלפן מיט א הלוואה, כדי ער זאָל קענען גלייך שיקן א ביסל הילף פאַר זיין משפחה. די שמחה ביי יעדן לאַנדסמאַן איז דאַן געווען גרויס, ווען ער האָט זיך געטראָפן מיט אַ נייעם אימיגראַנט און פאַרבראַכט מיט אים אַ פּאָר שעה. מ׳פלעגט מיט פאַרכאַפּטן אָטעם אויסהערן וועגן די לעצטע פּאַסירונגען אין שטעטעלע און אָפּפרישן דעראינערונגען פון פאַרגאַנגענע צייטן. אַלץ, אפילו די קלענסטע געשעעניש, איז געווען פון גרויסן אינטערעס. אין קעגנוואַרט פון לאַנדסלייט האָט מען פאַרגעסן דעם אייגענעם עלנט. מען האָט זיך גע־פילט היימיש, פריילעך און אנגענעם. א חוץ די שטיצע איינער פאַר דעם צווייטן, האָט מען אויך יעדן יאָר ניט פאַרפעלט צו שיקן מעות־חטים צו פּסח אהיים. אויך הילף פאַר די נויטבאַדערפטיקע פון דער שטעטעלע — א גאַנץ יאָר. און וואָס לענגער מען איז געווען אוועק פון דער היים, אַלץ שטאַרקער און גרעסער איז געוואָרן דער צובונד און ליבע צו דאָס היימיש שטעטעלע.

אזוי זיינען געגרינדעט געוואָרן צענדליקער לאַנדסמאַנשאַפטן און יעדע חברה האָט געמאַכט שבת פאר זיך. אנדערש האָט גאָר ניט געקענט זיין, ווייל יעדע חברה האָט געהאַט אירע אייגענע היימיש־שטעטלשע אינטערעסן. דער געדאַנק אָבער, אַז איחוד איז כוח, און אַז עס איז נויטווענדיק צו פארבינדן אלע לאַנדסמאַנשאַפטן אין איין בונד, און ווערן א מאַכט, וואָס זאָל קענען א דעה זאָגן אין אלע לאָקאַלע יידישע אינטערעסן, און קענען אויך מער אויפטאָן אין אַן עת צרה — דער געדאַנק, האָט נאָך דאַן אין די מוחות פון די צענדליקער פאָרזיצערס פון די חברות ניט אריינגעדרונגען. די פירערשאַפט פון די וויכטיקע אינסטי־טוציעס האָבן זיי איבערגעגעבן אין די הענט פון ענגלישע און דייטשע יידן, האָבן ניט געהאַט די וויזיע פאָרויסצוזען, אַז עס קען אמאָל קומען א צייט, אַז דער סעפּאַראַטיזם פון באַזונדערע שטעטלשע חברות וועט ניט ווי געהעריק ארבעטן. עס וועט נייטיג זיין די פילע כוחות פון גאנצן ליטוויש־יידישן ישוב דאָ. מען האָט ניט געלערנט פון דער גרויסער צעשפּליטערטקייט פון די געלט־זאמלונגען אין דער ערשטער וועלט־מלחמה; און ביים פונאנדערטיילן די הונדערטער טויזנטער פונטן, האָט דער ליטווישער ייד, דער גרעסטער גע־בער, קיין דעה ניט געהאַט. מען האָט אים גאָרניט געפרעגט אויך אין די „אַפּילס" פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. עס איז ווערט צו פארצייכענען וואָס איז פאָרגעקומען צווישן די מנהיגים פון דעם „באָארד אָוו דעפּיוטיס" און די ליטווישע קהילה דאָ, וואָס ווייזט, ווי אומגערעכט זיי האָבן געהאַנדלט קעגן אונדז — ליטוואַקעס:

אין תל־אביב האָט זיך געגרינדעט אין ערשטן וועלט־קריג א חברה אונטערן נאָמען: „איגוד יוצאי ליטא". דער ציל איז געווען צו העלפן יעדער ליטווישן עולה. נאָכן צווייטן וועלט־קריג, ווען דער פּליטים־צופלוס איז גע־וואַקסן אין צאָל, איז אוממעגלעך געוואָרן פאר זיי אליין צו געבן די נייטיקסטע מיטלען. און איך האָב געקראָגן א קול־קורא פון זיי, אַז מען זאָל זען צו טאָן אלץ וואָס מעגלעך נאָר און זיי אריבערשיקן א באַדייטנדע סומע געלט. איך האָב צוזאַמענגעקליבן עטלעכע הונדערט פונט פון יחידים, אָבער עס איז געווען צו ווייניק. אויף אַן אסיפה פון עטלעכע לאַנדסמאַנשאַפטן איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז א דעלעגאַציע זאָל גיין צום „באָארד אָוו דעפּיוטיס" און פאַרלאַנגען א הוספה. עס איז דעמאָלט געווען די צייט, ווען די „געמישטע חתונה" צווישן דעם „באָ־אַרד" און דער ציוניסטישער פעדעראַציע האָט זיך געענדיקט מיט אַ גט. און אַ נייער „אַפּיל" פון דעם „באָארד" האָט זיך געדאַרפט קירצלעך אָנהייבן. איך האָב געשריבן צום „באָארד" און געבעטן צו באַשטימען א טאָג ווען די דעלע־גאַציע זאָל זיך טרעפן מיט זיי. עס איז אַוועק עטלעכע וואָכן און קיין ענטפער איז ניט געקומען. איך בין אַליין אַוועק און זיך געזען מיטן סעקרעטאַר פון „באָארד" און פאַרלאַנגט, אַז דער טאָג פון צוזאַמענטרעף טאָר ניט אָפּגעלייגט

ווערן. ניט לאַנג שפּעטער האָט מען אונדז באַשטימט א צייט ווען זיך צו טרעפן. ספּעציעלע פאַרהאַנדלונגען מיטן „באָארד״ פלעגן אין יענע צייטן (און אפשר נאָך היינט) אָפּגעהאַלטן ווערן אין די שעה׳ן צווישן 1 און 2 מיטאָג־צייט. אונדזער דעלעגאַציע איז באַשטאַנען פון הרב קאָסאָווסקי זצ״ל, מר. מאָריס סגל ז״ל, ויבדל לחיים, מר. זלמן וואָלף זאַקס און איך. אויף א גרויסן לאַנגן טיש זיינען געשטאַנען טעלערס מיט פאַרשיידענע מאכלים: אַ פּאָר באַנאַנעס — פאַר דעם רב, סענדוויטשעס — פאַר א צווייטן, אויך — א פּאָלקע הון מיט ברויט און פּוטער פאַר אַן אנדערן... איינגעטיילט פאַר יעדערן נאָך זיין מדרגה אין יידישקייט.

דער פאָרזיצער איז געווען המנוח סעסיל לייאָנס. מיר האָבן פאַרלאַנגט 500 פונט פאַר דעם „איגוד יוצאי ליטא״. אונדזער אַרגומענט איז געווען, אז אזוי ווי מיר ליטוואַקעס זיינען דאָ אין לאַנד איבער 80%, און אונדזער קאָנטריבוציע צו די פאָנדן איז כמעט 90%, אלזאָ זיינען מיר בארעכטיקט צו קריגן א ביסל הילף פאַר אונדזערע לאַנדסלייט־פּליטים, וועלכע געפינען זיך יעצט אין ארץ־ישראל אין א זייער געדריקטן מצב. דאָס וועט זיין א שיינע האַנדלונג פון זייער זייט און וועט האָבן א גרויסע השפעה אויף דעם נייעם „אַפּיל״, וואָס דער „באָארד״ גייט יעצט עפענען. הקיצור, עס האָבן ניט געהאָלפן אלע אונדזערע טענות און בקשות און מיר זיינען אוועקגעגאַנגען בבושת־פּנים. דאָס איז געווען דער באַנעם און רעספּעקט פאַר די ליטווישע יידן ביי די פירער פון „באָארד״ אין יענע יאָרן.

איך האָב שפּעטער געקראָגן 400 פונט דורך מר. בערנאַרד גערינג, פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע. זיין פריינדלעכע אויפנאַם פון אונדזער דעלעגאַציע און זיין ספּאָנטאַנישע דערפילן אונדזער בקשה וועל איך קיינמאָל ניט פאַרגעסן. און מיר, די דעלעגאַציע און דער „איגוד יוצאי ליטא״, האָבן א דאנקבארקייט פאַר דער האנדלונג עד היום.

נאָך יאָרן פון קריג, אין וועלכע דער ווירקלעכער אומקום איז געווען פאַרשטעלט און באַהאַלטן פון אונדז, האָט זיך דער פאַרהאַנג ביסלעכוויז אָנגעפאַנגען אָפּצודעקן, און די גרויסע טראַגעדיע פון מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום איז באַוווּסט געוואָרן. דאַן איז דער היגער ליטווישער ישוב צערודערט געוואָרן. ניטאָ מער מיין שטעטעלע, דיין שטעטעלע; מיין פאמיליע, דיין פאַמיליע; אלע — טאַטעס און מאַמעס, קינדער, ברידער און שוועסטער — אַלטע און יונגע — אַלע זיינען ברוטאַל פאַרשניטן און אויסגעמאָרדעט. ניטאָ שוין מער די זאָרג פאַר די לעבעדיקע אין ליטע: זייער, זייער ווייניק האָבן זיך געראַטעוועט, און אויך פון זיי האָט מען נאָך דאַן ווייניק געהערט. עס בלייבט נאָר צו שטעלן א מצבה נאָכן חורבן־העם און צו פאַראייביקן זייער נאָמען. די פראַגע איז דאַן געווען, וואָס פאַר א מצבה זאָל עס זיין — א לעבע־

דיקע, אין ארץ־ישראל, פאר דעם גאַנצן ליטווישן יידנטום, אָדער א טויטע אויף א חשובן אָרט אויף דעם היגן בית־עולם? אפשר א גרויסן הויכן גראַניטע־נעם טורעם? מען האָט ניט געוווסט וואָס צו טאָן.

הערנדיק, אז איך גרייט זיך קירצלעך אָפּצופליען קיין ארץ ישראל, זיינען געקומען צו מיר צוויי דעלעגאַטן פון די גרעסטע צוויי לאַנדסמאַנשאַפטן, וועלכע איינע פון זיי האָט געהאַט א קאַפּיטאַל פון ארום 6—8 טויזנט פונט, און מיר געבעטן, אז זייענדיק אין ישראל, זאָל איך אויסגעפינען וואָס איז דאָס בעסטע און וואָס איז דאָס נויטיקסטע וואָס דער ישוב דאַרף, און וואָס זאָל קענען דינען אלס א לעבעדיקע מצבה פאר דעם אומגעקומענעם ליטווישן יידנטום. מען האָט מיר צוגעזאָגט, אז אויב איך וועל ברענגען צוריק א פּלאַן, וועלכער וועט זיין א צופרידנשטעלנדיקער און לויט די מעגלעכקייטן דורכפירבאר, דאַן וועלן זיי זען זיך צו פאַרבינדן מיט די אַנדערע חברות און זען עס צו פאַרווירקלעכן.

עטלעכע טעג שפּעטער, שוין זייענדיק אין ישראל, האָב איך צווישן אנדערעס, אין א לענגערן געשפּרעך מיטן בירגערמייסטער פון תל־אביב, אויך באַרירט די פראַגע פון א מצבה. כ׳האָב אים געשטעלט די פראַגע: וואָס פאַרא לעבעדיקע מצבה וואָלט ער פאַרגעשלאָגן, אז דער ליטוויש־יידישער ישוב אין אפריקע זאָל אוועקשטעלן אין ישראל, כדי צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פונעם אומגעקומענעם יידישן ישוב אין ליטע. דאָס דרינגענדיקסטע ביים היינטיקן טאָג איז דירות. די נויט פאַר אַ דאַך איבערן קאָפּ איז ביי טויזנטער פּליטים זייער גרויס, און אויב די ליטוואַקעס אין אפריקע קענען אויסבויען א 100 דירות פאַר זייערע לאַנדסלייט — איז געווען מר. רוקח׳ס ענטפער — וואָלט דאָס זיין די שענסטע און פּראַקטישע לעבעדיקע מצבה לדורות! די שטאָט־פאַרוואלטונג וועט געבן פאַר אזא אונטערנעמונג פּלאַץ אין שרונה און וועט אויך צוגרייטן בוי־מאַטעריאַלן, פּלענער און ארבעטער. מען קען אין אזא שכונה (קוואַרטאַל) אויפבויען א בית־עם, א בית־המדרש און אַנדערע אינסטיטוציעס אין וועלכע א יידישע קהילה נייטיקט זיך. דאָס וועט זיך רופן שכונת ליטא און די פאַרוואַלטונג וועט ליגן אין די הענט פון א וועד, צוזאַמענגעשטעלט פון ליטווישע תושבים און מיטגלידער פון שטאָט־פאַרוואלטונג. דאָס רעכט אויף די דירות וועלן האָבן בלויז ליטוואַקעס. דער גאַנצער פּראָיעקט דאַרף קאָסטן ארום הונדערט טויזנט פונט. איך האָב אים געבעטן א פאָרמעלן בריוו פון שטאָט־ראָט, וואָס זאָל אנטהאַלטן אלע פּרטים. דריי טעג שפּעטער האָב איך עס באַקומען.

אויף דעם קבלת־פּנים, וואָס דער „איגוד יוצאי ליטא" האָט פאַר מיר געמאַכט און אויף וועלכן ד״ר ז. גרינבערג איז געווען פון די ראשי המדברים, איז אויפגעקומען די אָנגעווייטאָגטע פראַגע פון דירות־מאַנגל. כ׳האָב זיך

דערוווסט, אז דער „איגוד" פּלאַנט אויסצובויען אין רמת־גן א בנין פון 25 דירות; א פּלאַץ האָבן זיי געקראָגן פון שטאַט־פאַרוואַלטונג, און איצט נייטיקן זיי זיך אין א סומע פון 25 טויזנט פונט. זיי האָבן וועגן דעם שוין געשריבן אין אמעריקע און אפריקע וועגן הילף. אז איך האָב זיי דערציילט וועגן אונדזער פּלאַן און געוויזן זיי דעם בריוו פון תל־אביבער שטאַט־פאַרוואַלטונג האָבן זיי ממש געטאַנצט פאַר שמחה. זיי האָבן דאַן באַשלאָסן אָפּצוּוואַרטן מיט זייער פּלאַן ביז וואַנען זיי וועלן הערן עפּעס פון אונדז. איך בין געווען זיכער אז מיין פּלאַן קען לייכט אויסגעפירט ווערן. מיין חשבון איז געווען, אז די ציוניסטישע פעדעראַציע וועט געבן אמווייניקסטן א העלפט. די לאַנדסמאַנשאַפטן וועלן זיכער צוזאַמענקלייבן צווישן זייערע מיטגלידער א סומע פון 25 ביז 30 טויזנט פונט, און דאָס איבעריקע געלט וועט מען קריגן פון יחידים, וועלכע וועלן דורך דעם קענען פאַראייביקן זייערע עלטערנס אָדער משפּחה־נעמען, מיטן רופן א דירה צי א טייל בנין אויף די נעמען פון די קדושים. א הונדערט יחידים צו 200 פונט אָדער א ביסל מער יעדערער, וועט זיין נאָך 25 טויזנט פונט, און די סומע פון א הונדערט טויזנט פונט וועט אזוי אַרום זיין לייכט צו שאפן.

גלייך נאָך מיין קומען אַהיים האָב איך זיך געטראָפן מיט די צוויי דעלעגאַטן, וועלכע האָבן מיט מיר גערעדט פאַר מיין אָפּפאָרן און אויך מיטן פאָרזיצער פון דער ליטווישער פעדעראַציע — וואָס האָט זיך ניט לאַנג געגרינדעט — און זיי איבערגעגעבן דעם פּלאַן פון תל־אביבער בירגערמייסטער. איך האָב דערוואַרט, אז דער פּלאַן וועט אַריינברענגען ענטוזיאַזם ביי אלע מיטגלידער פון דער פעדעראַציע און וועט זיי געבן מוט און ענערגיע גלייך אָנצוּפאַנגען אים צו פאַרווירקלעכן און עס דורכפירן אזוי גיך ווי מעגלעך. אָבער צו מיין באַדויערן האָב איך זיך אָנגעטראָפן אויף א קאַלטע באַציאונג. פון דעם פאָרזיצערס רייד איז מיר קלאָר געוואָרן, אז די פעדעראַציע איז בלויז א נאָמען, כ'האָב דערפאַרן אז די זיצונגען זיינען פול מיט קריגערייען, זידלערייען און מאַנכע מאָל אויך כמעט שלעגערייען. אז עס איז ניט פאַראַן א איחוד, נאָר — אַ פּירוד־לבבות.

די יעניקע לאַנדסמאַנשאַפטן, וואָס האָבן פאַרמאָגט געוויסע סומעס געלט האָבן זיך בשום אופן ניט געוואָלט פאַראייניקן מיט די אנדערע, די אָרעמע חברות. זיי האָבן געוואָלט מאַכן שבת פאַר זיך, גאַנץ גוט וויסנדיק, אז קיין יחיד קען ניט אויפטאָן דאָס, וואָס א רבים קען. איך האָב גערעדט, געטענהט, געשריבן אפילו א קול־קורא אין די יידישע צייטונגען, עס איז אָבער געווען א קול־קורא במדבר! איינציקע מענטשן, די פּראַקטישע, ניט די בטלנים, אזוי ווי מר. לאַזעווסאָן און מר. דאַנען א.א., וועלכע האָבן אוועקגעגעבן זייער צייט און כוחות ביים גרינדן די חברה לשיכון דירות לפליטים, האָבן עס געמוזט

שפעטער ליקווידירן. די פעדעראַציע איז געווען א מיס־געבורט און קיינמאָל ניט געלעבט. די „פאַר זיך שבתמאַכערס" האָבן זיך אויף שבת מיט גאָרניט אָנגעגרייט. די בטלנים און ארומרייסערס האָבן גאָרניט אויפגעטאָן. און ליטווי־שע יידן אין אפריקע האָבן קיין מצבה ניט אויפגעשטעלט אין אָנדענק פון זייער אומגעקומענע היים — ליטע, די צווייטע בבל אין דער יידישער היסטאָריע.

* * *

ווייט פון אָן ענגער פאַרטיי־ראַם און דערווידער צו געזעלשאַפטלעכע מחלוקות, וואָס איז דאָך אזוי אָפט די באַגלייט־דערשיינונג צו געזעלשאַפטלע־כער טעטיקייט, האָב איך שטענדיק אויסגעמיטן דעם אַקטיון קהל־לעבן. אויך די קרייזן, וועלכע זיינען מיר, לויט מיין דערציאונג נאָענט געווען, האָב איך אָפּגעטראָטן דעם וועג. א מוקיר תלמידי חכמים, אָבער פון ווייטן.

ספרים זיינען אלעמאָל מיר ליב געווען. און אז איך בין געהאָלפן געוואָרן, געקענט זיך דערלויבן צו קויפן זיי, איז עס געווען מיין פרייד. האָב איך זיך איינגעשאַפט ספרים, ביכער, געלערנט, אריינגעקוקט, ווען נאָר מעג־לעך. אָפט איז ווער געקומען אויסלייען א ספר, באזונדערס אַ פון פרעמד גע־קומענער רב, — האָב איך עס געהאַלטן פאר מיין כבוד און גליק.

* * *

נאָך דער פטירה פון ר׳ משה׳לען ז״ל, האָט דער גרויסער בית המדרש באַשלאָסן צו ברענגען א ממלא מקומו. זייענדיק אַ שטענדיקער מיטגליד פון בית המדרש, איז מען געקומען נעמען אויך מיין באשטייערונג פאר דעם צוועק. איך האָב אָפן דערקלערט מיינע ספקות אין דער נויטווענדיקייט פון א היימישן רב, וועלכער קען ניט די שפראַך פון דער יוגנט און וועמען עס איז פרעמד דאָס גאנצע לעבן דאָ. די פירער פון ביהמ״ד האָבן אָבער געהאלטן אז אויך די עלטערע נייטיקן זיך אין פאַרשטאַרקן זייער יידישקייט און בכלל ווילן זיי זיך נאָך וואַרעמען ביים תורה־אָפשיין פון א היימישן רב. ענדלעך האָט מען גע־בראַכט הרב ר׳ יצחק קאָסאָווסקי פון וואָלקאָוויסק. ראש השנה, יום־כפור האָב איך געהערט זיינע דרשות און געוואָרן גאָר טיף אנטציקט פון זיין ווונ־דערלעכער שפראַך און די געמאָסטנקייט פון יידישן לשון צו וועלכן ער האָט זיך באצויגן מיט גרויס דרך ארץ. היינט די געדאַנקען! טיפע, אדורכגעטראַכטע, קלאָרע. א וועלט־גאון אין תורה מיט טיפן אלגעמיינעם וויסן. עפעס אזוינס וואָס יאָהאַנעסבורג האָט שוין לאַנג געדאַרפט. איך האָב זיך דערנענטערט צו אים און מיט דער צייט געוואָרן א בן־בית אין זיין הויז. די לאַנגע שעה׳ן וועלכע איך האָב פאַרבראַכט אין זיין געזעלשאַפט, זיינען געווען די אָנגענעמסטע אין מיין לעבן און זיינען געבליבן אומפאַרגעסלעך.

מאָראַלישע יסורים האָבן אָבער דעם רב דאָ ניט געפעלט. א פייאיקער געזעלשאַפטלעכער טוער איז ער געווען, א איש המעשה, פול מיט ענערגיע.

קיינמאָל ניט געזעסן ליידיק, אלעמאָל פארנומען. געלערנט, געשריבן תורה, פארנומען אין צרכי הקהילה. ער איז פארבליבן אויך אין זיינע עלטערע יאָרן דער זעלבער מתמיד אַלס וועלכער ער איז געווען באַוווסט אין זיינע בחור׳שע יאָרן אין טעלז. ער איז געווען וויליק צו טאָן און ארבעטן פארן כלל, מען האָט עס אָבער דאָ ניט צוגעלאָזן און אָפט אויסגעמידן אין ערטער ווו ס׳איז געווען זיין רעכט און פליכט צו זיין. אפילו די אייגענע בעלי־בתים פון בית המדרש — אויך זיי האָבן זיך ניט אַלעמאָל אויפגעפירט מיט דער געהעריקער אַכטונג און ניט ארויסגעוויזן דעם רב די באַציאונג וועלכע האָט אים געקומט. מאַנכע צווישן זיי האָבן אפילו געוואָלט ער זאָל אָנפירן א מחלוקת מיט ד״ר לאַנדוי. דער רב איז, אָבער, געווען א רודף־שלום און געשטרעבט צו לעבן מיט אלעמען בשלום. ער איז געווען צופרידן צו זיין דאָס וואָס ער איז געווען — הרב לאגודת הקהילות (דער רב פון דער פעדעראַציע פון די שולן) און ניט געזוכט קיין טיטלען פון „טשיף ראַביי״. ער איז בכלל געווען א בורח מן הכבוד און ווען עס איז אים אויסגעקומען אז ס׳איז אים נויטיק זיך צו זען מיט עמעצן אין א קהל׳שער אָנגעלעגנהייט, איז ער געגאַנגען צו יענעם און ניט געוואַרט אז יענער זאָל קומען צום אים. דעריבער האָבן אים פיל ניט פאַרשטאַנען און די וואָס זיינען געווען אומצופרידן מיט זיין שלום־פּאָליטיק האָבן זיך געווענדעט קעגן אים. האָט מען אַמאָל באַשלאָסן צו דערמעגלעכן אים קויפן א הויז דורך אַ ספּעציעלן צוגאָב פון 500 פונט, האָט מען אויך דעם צוזאָג ניט געהאלטן, כאָטש אנדערע האָבן זאָגאר אונטערגעשריבן. דאָס אַלץ קומט אונדז צו לערנען ווי ווייט אמת־גרויסע מענטשלעכקייט, לומדות, תורה און וויסן איז דאָ געפאלן און וואָס פאַראַ באַציאונג מען האָט מאַנכעמאָל ארויסגעוויזן צו איינעם וואָס איז געווען משכמו ומעלה העכער פון זיין גאַנצן ארום.

אונטער דעם ווילן און ווירקונג פון הרב קאָסאָווסקי בין איך אריינגעצויגן געוואָרן אין קהל׳שער ארבעט. אין מיין אָפּוועזנהייט האָט ער מיר פאָרגעשלאָגן אלס קאַסיר פון בית־המדרש הגדול און איך בין איינשטימיק אויסגעוויילט געוואָרן. באלד נאָך דעם בין איך אויך אויסגעוויילט געוואָרן אלס פאָרזיצער פון ר׳ משה׳לס תלמוד־תורה. אונטערן וואָרט און ווירקונג פון רב האָב איך די ארבעט גענומען אויף זיך און איר אויסגעפירט במשך פון איבער א צענדליק יאָר. עס זיינען געווען פילע שוועריקייטן. דער בית־מדרש איז געווען אין אַ דעפיציט און געהאַט גרויסע אויסגאַבן, ווייל דער באַקאַנטער חזן בערעלע חגי און זיין כאָר האָבן געקאָסט א סך געלט. דאָך איז פאר דער צייט פון מיין טעטיקייט דער דעפיציט רעגולירט געוואָרן און די מאָראַלישע הילף וועלכע דער רב האָט געגעבן ביים פירן די תלמוד־תורה האָט לייכטער געמאַכט די ארבעט.

אז דער רב איז קראַנק געוואָרן און אָפּגעלעגן יאָרן אויפן בעט, האָבן

ווידער נאָר ווייניקע ארויסגעוויזן אים דעם פארדינטן דרך־ארץ. איינער פון זיינע בית־דין חברים איז אפילו פאר דער גאַנצער צייט ניט אריינגעקומען אים מבקר חולה זיין. אזא באַציאונג פון א רב, א בית־דין מיטגליד, צו א חבר און איינעם פון די גרעסטע לומדים אין דור! איך האָב אים שטענדיק באַזוכט דורך די יאָרן ווען ער איז געלעגן אויף זיין קראנקן־בעט און פלעג ארויס־גיין א צובראָכענער פון זיין חדר. ווען איך האָב געהערט אז עס איז זיין ווונטש אז „על כסאו לא ישב זר ולא ינחלו אחרים את כבודו״, נאָר אז זיין זון זאָל איבערנעמען זיין שטעלע בחייו, האָב איך געטאָן אלץ וואָס איך האָב געקענט אז דאָס זאָל דורכגעפירט ווערן. איך בין געווען גליקלעך צו וויסן אז ער איז געווען שטאַרק צופרידן און אז דאָס האָט לייכטער געמאַכט זיינע לעצטע טעג.

מיט זיין טויט איז „פנה הודה, פנה זיוה, פנה הדרה״ פון יאָהאַנעסבורג. מיר אליין פעלט זייער זיין גייסט און זיין התקרבות. דעם איינציקן טרייסט וואָס איך געפין איז, אז זיין זון, דער ממלא מקום, וועלכער איז געווען די גאַנ־צע פריערדיקע יאָרן א נחבא אל הכלים איז א אמתער „ברא כרעא דאבוה״ און איז איינער פון די שענסטע און בעסטע רבנים, וועלכע דרום אפריקע פאר־מאָגט. איך האַלט אָן די חזקה און בין מיט דעם זון די זעלבע גוטע פריינד ווי איך בין געווען מיט זיין גרויסן פאָטער ז״ל.

* * *

א ציוניסט בין איך געווען אלע מיינע יאָרן. די ליבשאַפט צו ארץ ישראל — איינגעזאַפּט פון חדר און חומש. איז אפשר דערפאר אזוי נאַטירלעך געווען מיין אָנגעהעריקייט צו „מזרחי״. עס איז געווען חומש־ציוניזם פלוס פּאָליטישער ציוניזם. און ווייל די אָנגעהעריקייט צו מזרחי איז געווען ביי מיר א פּראָדוקט פון מיין דערציאונג, איז עס אויך געווען כמעט אָרגאַניש; כאָטש קיין דעקלאַראַציע פאר דער פּאַרטיי קיינמאָל ניט אָפּגעגעבן, האָב איך אָבער אלעמאָל מיטגעהאָלפן אין דער ארבעט פון דער פּאַרטיי, און פאר א סך יאָרן געווען א מיטגליד פון היגן ועד. ווידער איז עס געווען א יחיד — הרב ר׳ מאיר בערלין (בר־אילן) ז״ל, — וועמענס פּערזענלעכקייט ס׳האָט מיך צוגעבונדן און אַקטיוויזירט מיין אַרבעט אין דער דאָזיקער באַוועגונג.

דער ערשטער באַזוך פון הרב בערלין אין אפריקע איז געווען אין יאָר 1927. זיין פקחות, גרויסקייט בתורה און וועלט־ענינים, זיין ווונדערלעכער רעדנער־קראַפט — אלע אָט די מעלות, וואָס זיינען נאָך געווען באַהויכט מיט ווארעם־יידיש הארציקייט, האָט גערופן צו זיך, ניט נאָר דרך ארץ, נאָר ליב־שאַפט און ווילן צו זיין מיטבאַטייליקט אין און ארום זיין ארבעט פארן כלל.

מיין קאָרעספּאָנדענץ מיט הרב בערלין האָט אָנגעהאלטן פון דאן ווען ער האָט באַזוכט דאָס ערשטע מאָל אַפריקע, ביז סוף פון זיין גרויסן לעבן אויף דער וועלט.

ער איז אָפט געווען גאַסט אין מיין היים, וווּ עס זיינען אויך אָפּגעהאלטן געוואָרן מערערע אסיפות פאר די ענינים, וועלכע ער האָט דאָס לאנד דאָ באַזוכט. איך בין אויך געווען דער קאַסירער אין זיין קאַמפּיין פון 1943.

אין 1935 בשעת מיין ערשטן באַזוך אין ארץ ישראל, האָב איך געהאַט דעם כבוד צו קריגן אן אויפנאַמע אין זיין היים. אזוי אויך אין יאָר 1938, ווען, לויט זיין „רעקאָמענדאַציע״, ווי עס ווייזט אויס, האָב איך און מיין פרוי באַקומען אן איינלאַדונג פון הרב עמיאל ז״ל, צו זיין גאַסט ביי זיין סדר־טיש. און אויף מאָרגן האָט הרב עמיאל איינגעאָרדנט אן אויפנאַמע, אונטערן פאָר־



בניני ישיבת הרב עמיאל זצ״ל, תל־אביב.

זיץ פון הרב עוזיאל, פאר זיין איידעם און אונדז, אויף וועלכער ס׳זיינען ביי־געווען גאָר א סך חשובים פון תל־אביב. לויטן פארבעט פון גרויסן גאון, הרב עמיאל, האָב איך באזוכט זיין ישיבה אין תל־אביב, ווו איך האָב צום ערשטן מאָל געהערט ווי מען לערנט א בלאַט גמרא אין העברעאיש. איך האָב פון דאַן אים אייניקע מאָל באזוכט. שטענדיק איז הרב עמיאל געווען ארומגערינגלט פון מענטשן, פּראָבלעמען און מען האָט זיך געמוזט וואונדערן ווו ער האָט נאָך גענומען די צייט און געדאַנק־קאָנצענטראַציע צו שרייבן זיינע הלכה און דרוש ספרים.

ווען איך בין געקומען, אין יאָר 1946, צום דריטן מאָל אין ארץ ישראל, האָב איך געפונען הרב בערלין ז״ל אויפן טויט־קראנקן בעט. די דאָקטוירים האָבן אים פארבאָטן אויפצונעמען מענטשן. דאָך, אז ער האָט זיך דערוווסט וועגן מיין זיין אין לאַנד, האָט ער מיר געשיקט רופן און כ׳האָב צוויי שעה פארבראַכט לעבן אים. עס זיינען פארבליבן אומפאַרגעסלעכע צוויי שעה. זיין געדאַנק איז געווען קריסטאָל קלאָר און זיין האַרץ האָט פאָרויסגעפילט געשעענישן וועגן אויפקום פון מדינת ישראל.

צייט מיין באקאַנטשאַפט מיט הרב ר׳ עמיאל האָב איך געהאַט דאָס גליק זיך אָפט מיט אים איבערצושרייבן און כ׳האָב אויך מיט עפּעס זיך באַ־מיט פאר זיין ישיבה. איינער פון זיינע לעצטע בריוו איז געווען א שטיקל בקשה: אזוי ווי דער רב הראשי, פּראָפ. לאנדוי האָט אָנגעגעבן זיין רעזיג־נאַציע און די קהילה זוכט קאַנדידאַטן פאר דער שטעלע, איז געווען זיין ביטע אויב איך קען עפּעס ניט צווירקן, אז די קאַנדידאַטור פון הרב ראבינאָוויץ, זיין איידעם, היינטיקער רב הראשי, זאָל אדורכגיין. למען האמת האָב איך ניט געקענט האָבן קיין השפעה אין דעם. דאָך, עס איז געווען א ביטע פון הרב עמיאל! און געשריבן האָט ער אויך אף על פי שאין אב מעיד על בנו, דאָך קען ער זאָגן אז הרב ראבינאָוויץ איז אן אדם גדול בתורה און וועלטלעכן וויסן, א חכם און א פעאיקער — וועלכער האָט זיך נאָכדעם געפּרווּט אמת. האָב איך זיך אונטערגענומען צו גיין ריידן מיט צוויי גבאים פון דעם בית המדרש, ווו דער רב הראשי האָט געזאָלט אָנגענומען ווערן. ווי דערשטוינט בין איך אָבער געוואָרן הערנדיק זייער ענטפער: דער אפּליקאַנט זאָל אריינ־שיקן זיין אַפּליקאַציע און דאן וועט מען עס באהאנדלען און זען, אויב מען וועט אים איינלאַדן אויף א פּראָבע... עס איז מיר שווער געווען איינצוהאלטן מיין אויפרעקונג. „דער מנהג איז — האָב איך זיי געזאָגט — אז מען געפינט פריער אויס אויב דער רב, וועלכער קומט אין באטראַכט, איז טאַקע פּאַסיק פאר דער קהילה, און אויב יאָ, שיקט מען אים א כתב. איר ווילט אים אָבער פארהערן פריער, נו איז אפשר זאָלט איר אריבערפאָרן און אים פארהערן אין תורה, אין חכמה?״

דער שטאָך איז ניט געבליבן פאר זיי אומפארשטענדלעך.

# מיינע באַזוכן אין ארץ־ישראל

מיט בענקשאַפט אהיים. — חומש־ציוניזם. — מיט ספּאָרט־יוגנט. — ארץ ישראל אין יאָר 1935. — תל־אביב. — חיינענדיקע שטיינער. — פון וואַנען שטראָמט די גאולה־בענקשאַפט. — א יידישע נשמה איז ניט צו שאַצן. — בבל־טורעם, אָבער ארץ ישראל חערט געבויט. — פּראָספּעריטי־סכנה. — צחייטער באַזוך אין ארץ ישראל. — די פּראָספּעריטי האָט אָפּגענאַרט. — פּוילישע יידן חילן זיך ראַטעחען. — די צחייטע חעלט־מלחמה איז פילבאר שוין. — אויך אייגענע מוסרים. — פּאָגראָמען און אָרעמקייט. — די לאַגע אין די קבוצים. — און פייער. — עס איז הייס אין לאַנד, אין אלע היני־זיכטן. — א פּאָלק קעמפּט פאר פרייהייט. — די פון אונטער דער ערד און די אויף דער ערד. — אויך מיר, די אַלטע, חעלן עס נאָך דערלעבן.

אין יאָר 1935 בין איך געפאָרן באזוכן ארץ־ישראל. צו דער דאָזיקער רייזע האָב איך אינערלעך זיך שטאַרק מכין געווען. די אהבה צו ארץ ישראל, ווי צו דעם הייליקן לאַנד, וואָס איז איינגעזויגן געוואָרן צוגלייך מיט מאַמע־מילך, האָט גערייצט די פאַנטאַזיע פון די יינגסטע יאָרן אָן; ירושלים איז מיר ניט פרעמדער געווען ווי מיין געבאָרן שטעטל. עס האָט זיך מיר געדוכט אז כ׳קען דאָרט יעדע געסל, יעדע הויז. די וועגן פון ארץ ישראל זיינען דאָך גע־לעגן אויסגעשפּרייט פאר אונדז, לערנענדיק חומש זיינען מיר דאָך געגאַנגען איבער זיי, אליין מיטגעהאָלפן גראָבן יצחק׳ן ברינעמער, בייז געווען אויף די שקצים, וועלכע האָבן עס פאַרשאָטן און מיט נצחון האָבן מיר עס ווידער אויפגעגראָבן. איז דאָך דער חומש און זיינע וואונדערלעכע דערציילונגען געווען דאָס ערשטע בוך, וואָס האָט אונדז געמאַכט אויפציטערן און איבערלעבן, אריינ־גענומען אונדז און שוין אויף אלעמאָל אָנגעהאלטן אין ליבשאַפט און חלום־בענקעניש צום ווייט־נאָענטן לאַנד. אויך בין איך מיינע גאַנצע יאָרן געווען אידייאיש אַ ציוניסט, געגלויבט אין פּאָליטישן ציוניזם און אין דער מעגלעכ־קייט פון יידישער גאולה. האָט זיך טאַקע געוואָלט זען מיט אייגענע אויגן דאָס נייע, אויפגעלעבטע ארץ ישראל. אויך האָב איך שוין צו יענער צייט

געהאַט אין ארץ ישראל א גרויסן טייל פון מיין משפחה, אין דעם, מיין איינציקע שוועסטער מיט אירע קינדער.

אויפן שיף, וועלכע האָט געפירט הונדערטער ספּאָרט־יוגנט, צו דער ערשטער מכביה אין ארץ ישראל, איז געווען פריידיק. יוגנט האָט געזונגען, געשטיפּט, געווען אויפגעלייגט ביז גאָר. און אז די שיף האָט דערגרייכט די ברעגעס פון חיפה, — האָט שוין די פרייד, געמישט מיט קאָנטיקער אויפרעגונג פון היים־וויי און היים־ליבשאַפט, אריבערגעשטיגן אלע פארשטעלונגען.

אנדערע פאָכן מיט די הענט, באַגריסן די פון ווייט זיך זעענדיקע מויערן, אַנדערע זינגען, נאָר א גרויסער טייל שטייט פארשטאַרט, קוקט שטום פאר זיך און אין א סך אויגן, אפילו אויגן פון נאָך גאָר יונגע בחורים און מיידלעך — פינקלט א טרער. עס איז א גרויסע מינוט, א מאָמענט, ווען פארוואָגלטע קינדער, מיט פולע הערצער בענקשאַפט צו מאַמע־ערד, קערן זיך אום אהיים. דאָס האַרץ איז איבערפולט. פּלוצלונג הער איך ביי מיין זייט א שטים: „וואָס זיינען די מענטשן אזוי פאַרווירט, וואָס איז דאָס געשריי „דער כרמל, דער כרמל, אַ באַרג ווי אַלע בערג". איך דריי אום דעם קאָפּ, קוק אריין אין מויל פון דעם ריידער, ס'איז א געוויסער גאָלאָמביק פון קייפּטאון, מיט וועמען איך האָב זיך גוט באקענט אויפן שיף, פאַרנדיק אין איין קאבינע. אריינגיין אין א ויכוח איצט וויל איך ניט, צו הייליק פאַר מיר די מינוט, אָבער א פאָר פרעגנדיקע אויגן גיב איך יאָ א גלאָץ אויף אים. גיט ער מיר אן ענטפער־ברום: „אָפּגעלעבטע זאַכן, פאַראַיאָריקער שניי", גיט א מאַך מיטן האַנט, ווי אים וואָלט דאָ ארויסגעקומען נאָך פון מיר א חלק און גייט אוועק, פארשווינדט, מער זע איך אים ניט.

נאָך לאַנגע קאָנטראָלן זיינען מיר אַראָפּ אין פּאָרט און פון דאָרט באַלד, אין אן איבערגעפּאַקטן צוג, קיין תל־אביב.

די ערשטע יידישע שטאָט לייכט אויף פאַר די אויגן און קענסט די אויגן ניט געבוג זאַט מאַכן פון יעדע הויז, פון יעדער שטיקל אויסגעפּלאַסטערטן אַספאַלט. יעדער וואַנט איז דאָ אויפגעשטעלט געוואָרן פון יידישע הענט, יעדער שטיין אויסגעלייגט מיט יידישער פּראַצע, מיט געבענטשטער מי. יעדער אויפגעלייגטער שטיין — א מיילשטיין נענטער צו יידיש־נאַציאָנאַלער אויפקום, צו יידישער גאולה.

די האָטעלן זיינען איבערגעפּאַקט. וועגן א צימער איז גאָר קיין רייד ניטאָ, מען פרייט זיך צו קריגן כאָטש א בעט, מיט פיר, פינף אין איין צימער. און אזוי אויך איז די ענגשאַפט אין דער קליינער שטאָט, וואָס האָט פּלוצלונג אריינגעקראָגן אזא גרויסע צאָל באזוכער. נאָר עס ווערט רעכט, קיינער קלאָגט ניט „צר לי המקום", קלאָגט ניט, אז ס'איז אים ענג דאָס אָרט, כאָטש ענג איז עס שוין דווקא יאָ.

אין א טאָג, גייענדיק אויף אַלענבי־גאַס, טרעף איך אָן מיין שיף־פריינד, ה׳ גאַלאַמביק. וויזט זיך ארויס, באַוויזן שוין קראַנק זיין א פּאָר טעג; א שוואַכער, א הארץ־ליידנדער. מאַך איך זיך א פאָרוואורף וואָס כ׳האָב אים פאַרלאָרן, דערמאָן זיך אז זיין פרוי האָט מיר געבעטן זיך האַלטן צוזאַמען, און לאָד אים איין ארויספאָרן מאָרגן קיין ירושלים.

דער וועג קיין ירושלים איז זייער א געדרייטער, נאָענט צו ירושלים זייער באַרגיק, פול מיט שאַרפע ווינקלען. דער פארקער צווישן די ביידע גרויסע שטעט אויך זייער גרויס; נעמט מען נאָך אין אַכט, אז אין ישראל האָט מען זיך דאָן באַנוצט פאַר פּאַסאַזשירן אויסשליסלעך מיט אויטאָס, דער באַן האָט נאָר געדינט פאַר סחורה־טראַנספּאָרט, קען מען שוין זיך פאָרשטעלן ווי באַלאַגערט די וועגן זיינען געוועזן פון פאַרקער. די הענט פון די שאָפערן זיינען אָבער געניטע און דער וועג זיי גוט באַקאַנט.

ווי נאָר אָנגעקומען קיין ירושלים האָבן מיר זיך באַלד אוועקגעלאָזן, מיט דער הילף פון א וועגווייזער, באַזוכן די הייליקע ערטער. אין מיר האָבן געקעמפט צוויי געפילן: איינער האָט געזאָגט גיי באַלד, גלייך, לייג ניט אָפּ, וויבאַלד האָסט נאָר זוכה געווען צו קומען און זען ירושלים; דער צווייטער געפיל האָט זיך אָבער קעגנגעשטעלט: גרעסערע פון דיר, צדיקי־הדור האָבן ניט זוכה געווען, טאָ פאַרוואָס קומט דיר אַזאַ זכות, און וואָס איז די כאַפּעניש, פאַרוואָס ניט צוגיין מער ציטערפול, מער באַרואיקט, אויסגעוואַרט. של נעליך, טו אָפּ פון זיך דעם שטויב פון די וועגן...

מיט גרויס שוועריקייט האָבן מיר זיך געשטופּט מיטן דראַנג פון די מענטשן, וואָס האָבן, דורכן שער יפו, זיך געלאָזן מיט די שמאָלע געדרייטע געסעלעך אַראָפּ צום כותל מערבי. דער גאַנג אַהין — ניט ווי צו דער הייליקער הייליקייט פון פאָלק: א געדראַנג, אָפּט ראַטעוועט מען זיך קוים ניט צודריקט צו ווערן פון באַלאָדענע קעמלען; פוילע ריחות פון פרוכט, מיט וועלכע עס האנדלען דאָ אראבער. אין אָנבליק פון דעם אַלעם איז שווער איינצוהאַלטן אין זיך דעם רגש פון גרויסער איבערלעבונג. נאָר אָט, פאַרלאַנגזאַם דיין גאַנג, מיר זיינען ביים כותל! די שווארצע שטיינער, אין וועמענס שפּאַלטן עס ליגן הונדערטער צעטעלעך, וואָס יעדער פון זיי איז געוויס איבערפולט מיט יידישן צער, מיט גלות־ווייטאָג, גאולה־בענקשאַפט, — די שווארצע שטיינער קוקן פאַרשטאַרט, גלייכגילטיק און אויך אין מיר איז ניטאָ קיין דערהויבונג, קיין געפיל פון השתפכות־הנפש. אָט איז די בענקשאַפט־וואַנט פון יאָר הונדערטער און וואָס? איז אָט דער גאַלאַמביק, וואָס שטייט דאָ נעבן מיר, געזעצט: ניט קיין הייליקייט, ניט קיין טרויס, עפּעס אָן אַלטע וואַנט און ניט מער? איך שפּאַר צו מיין שטערן צום כותל און בעט: זאָג מיר דו דעם באַשייד פון אונדזער בענקשאַפט צו דיין אמאָליקער גרויס־



אויף דער ספּעציעלער פייערלעכער צערעמאָניע לכבוד מר און מרת אברהמס, איינגעאָרדענט אין דעם „וויצאָ״־אינסטיטוט אין תל־אביב. מר. אברהמס באַדאַנקט אַלע געסט פאַרן גרויסן כבוד, וואָס זיי האָבן אים פאַרשאַפט.



אַזוי זעט אויס דער „בנין המוסד לטפול באם ובילד ובית הספר למטפלות״

קייט, דעם באַשייד פון אונדזער אייביקייט, ווי פון דיין אייגענער אייביקייט, אַ וואַנט וואָס האָט אריינגעזאַפּט אַזויפיל טרערן און אַזויפיל חלום־בענקשאַפט קען דאָך ניט זיין נאָר א שטומע וואַנט!

דער וועגווייזער האָט אונדז געפירט צום אַמאַר־מעטשעט, צום אָרט ווו עס איז געשטאַנען דער בית המקדש. גאַלאַמביק האָט זיך אנטזאגט מיט־צוגיין. איך האָב געהאַלטן אז ער פילט זיך געוויס מיד, און ניט געלאָזט אים דאָ לאַנג ווארטן. ערשט איך קום צוריק — כ׳געפין גאַלאַמביקן אָנגעשפּאַרט צום כותל און וויינט — — — „איר פארשטייט — זאָגט ער מיר שפּעטער, אין האָטעל, געוואָלט בלייבן א וויל אַליין, זיך געוואָלט אַראָפּוויינען פון הארץ ביחידות, עפּעס א קליינינקייט זיין ביים כותל מערבי, און ווידער, ניט גע־וואָלט גיין צום מקום הבית, ס׳איז דאָך א חרם ניט ארויפצוגיין אַהין״.

האָב איך דאָך שוין געהאַט אַן ענטפער אויף מיינע פראַגן צום כותל. און נאָך האָב איך געלערנט: א יידישע נשמה איז ניט צו שאַצן. דאַכט זיך אָט: דער כרמל, אַ באַרג ווי אלע בערג; ארץ ישראל — אַ לאַנד ווי אַלע לענדער: בענקשאַפט, דערמאָנונגען — אלטע זאַכן, פאַראיאָריקער שניי און „צום הר הבית טאָר מען ניט גיין, דאָך אַ בפירושער חרם״. היינט גיי שאַץ אַ יידן און גיי דערקלער ווו עס ליגט די הייליקייט פון כותל! — — —

אין א דריי־טאָגיקן טור האָבן מיר, א גרופּע פון 60 טוריסטן באַזוכט דעם עמק. די פרייד אין וועג, אין יעדן קיבוץ, מושב, ווו מיר זיינען נאָר געקו־מען, איז געווען אָן גרענעץ. דער פירער און געזאַנג־אָנפירער איז געווען חבר האַרצפעלד פון דער הסתדרות.

אין עמק איז געווען די הויפּטגעוויכט פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע. דאָ האָבן מיר געזען דאָס אויפקומענדע, דאָס זיך בויענדע ארץ ישראל. אמת, שווער געווען אין אָט דעם הו־האַ פון מענטשן און טומל פון פאָרן זיך אריינ־צוטיפן אין אלע דעטאַלן פון די פּראָבלעמען, אַנאַליזירן מיינונגען, אידייען, וואָס זיינען דאָך געווען די נאָרמאַלע באַגלייטער, אָדער, ריכטיקער, די ארויס־רופער צום פּראַקטישן פונאַנדערבוי. האָט מען זיך געמוזט באַגנוגענען מיט די פאַקטן, און זיי — שטיבער, שטאַלן, פונאַדערגעבליטע גערטנער, פארזייטע פעלדער, שוין פאַרפונדעוועטע ווירטשאַפטן, וואָס האָבן פארכאַפּט דאָס אויג און דערפרייט דאָס האַרץ.

אין די שטעט איז אָנגעגאַנגען שרעקלעכע מנחם־מענדל געשעפטן. עס איז געווען די צייט פון, אַזוי־גערופענער פּראָספּעריטי. אלץ האָט געבויט. מענטשן האָבן צוזאמענגענומען וועקסלען ביי ארבעטער, וועמענס גאַנצע שכירות ס׳איז ניט געווען מער ווי פינף פונט א חודש, און די בענק האָבן די וועקסלען דיסקאָנטירט, אויף גאָר גרויסע פּראָצענטן פארשטענדלעך. מען האָט גענומען דירה־געלט, ביי פּראָספּעקטיווע שכנים. אויף יאָרן פאָרויס —

אַלץ אין װעקסלען. בקיצור, די בויער זײַנען געװען ניט מער װי די פּאַדראַ־טשיקעס, די פאַרדרײַער און דרייער. דאָס געלט איז געװען פון די בענק. און אַז כ׳האָב עמעצן אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז דאָס איז אַ געבוי פון אַ בבל־טורעם, איז געװען זײַן ענטפער: „אָבער אײַנפאַלן װעט עס ניט, קען נאָר זײַן עס װעט איבערגיין פון בערלען צו שמערלען, טאָ װאָס איז דער גװאַלד, אַבי ארץ ישראל װערט געבויט". דער אמת איז אָבער געװען, אַז אין דער דאָזיקער װילדער פּראָספּעריטי, קינסטלעך אויפגעבלאָזענער, איז געלעגן גרויס סכנה פאַרן לאַנד. דרײַ יאָר שפּעטער, זײַענדיק װידער אין ארץ ישראל, האָב איך עס געזען באַשטעטיקט.

* * *

אין 1935, עטלעכע װאָכן נאָך מײַן צוריקקומען פון מײַן ערשטן באַזוך אין ארץ ישראל, איז פּלוצלונג קראַנק געװאָרן מײַן שװאָגער, פּסח אורי פרידמאַן. נאָך אַ לאַנגער באַראַטונג מיט דאָקטוירים, האָט מען אים געמאַכט אַן אָפּעראַציע, װאָס האָט זיך געענדיקט טרויעריק: אַ װאָך שפּעטער איז ער געשטאָרבן.

אַזוי האָב איך פאַרלאָרן אײנעם, װעלכער איז געװען מײַנער אַ חבר אין דער יוגנט, שפּעטער איז ער געװאָרן מײַנער אַ שװאָגער, אין אַלע צײַטן אָבער איז ער געװען מײַן בעסטער און איבערגעבענער פרײַנד. ער איז געװען אַ בר־אוריין, אַ זײער געבילדעטער מענטש. געקענט זײער גוט רוסיש, עברית און זײער פיל אָנגעלײענט. קײנמאָל איז ער ניט געזעסן ליידיק, שטענדיק געהאַלטן אַ בוך און געלערנט אָדער געלײענט.

געקומען איז ער אין אפריקע גלײַך נאָכן ענגליש־בורישן קריג. געװען אַ קורצע צײַט אין קײפּטאַון אַלס אָנגעשטעלטער אין אַ קראָם (אַ סײלסמען), שפּעטער געקומען קיין יאָהאַנעסבורג, װוּ ער איז געװאָרן שותפות מיט 2 ברי־דער לאַנדסלײַט אין אַ „קאָנטרי־סטאָר" אין די פרײַ־סטײט. אַ ביסל שפּעטער װידער געװאָרן אַן אָנגעשטעלטער. אַזוי איז אָנגעגאַנגען חוזר חלילה עטלע־כע מאָל; היינט אַן עומד ברשות עצמו, מאָרגן — אַ תולה בדעת אחרים. ער האָט אויך געאַרבעט בײַ אונדז אין ביזנעס פאַר אַ קורצער צײַט. ער האָט לײדער קיין הצלחה ניט געהאַט אין אַלע זײַנע אונטערנעמונגען, צי װײַל ער איז געװען צו ערלעך און געגלויבט יעדערן און דעריבער פלעגט ער דורכ־פאַלן, צי אפשר, װײַל ער איז געװען מער געלערנטער װי ביזנעס־מאַן. די לעצטע צײַט האָט ער געקויפט אַ געשעפט פון אַלטע ספרים (אַ סעקאַנד־הענד בוק סטאָר) און איז געשטאַנען בײַ מיר אין הויז. לעבנדיק אויף דער פּראָװינץ און ניט האָבנדיק װער עס זאָל אויף אים אכטונג געבן, אויפפּאַסן, איז זײַענדיק פאַרטאָן מיט גרויס התמדה אין לײענען ביז שפּעט אין דער נאַכט, און דערפילנדיק הונגער, פלעגט ער עפּענען אַ פּושקע פיש אָדער פלײש און

עס עסן. דאָס האָט געווירקט אויף זיין מאָגן און ער האָט געקראָגן אַ ראַק. ער איז געווען אַ באַהאַלטענער: געליטן יאָרן, האָט ער אָבער קיינעם ניט דערציילט. און אַז מ׳האָט זיך געכאַפּט איז שוין געווען צו שפּעט.

זייענדיק מיט אים צוזאַמען אין איין הויז פּאַר אַ סך יאָרן, האָב איך ניט געזוכט קיין אַנדער געזעלשאַפט. אין זיין אָנוועזנהייט איז מיר געווען אָנגע־נעם. כ׳האָב געקענט מיט אים ריידן אויף יעדע טעמע און קעגנשטאַנד.

דער גרויסן פאַרלוסט וואָס איך האָב געליטן דורך זיין טויט פיל איך נאָך עד היום.

* * *

אין 1938 האָב איך צום צווייטן מאָל באַזוכט ארץ־ישראל, צוזאַמען מיט מיין פרוי. די אומרוען, וועלכע האָבן זיך אָנגעפאַנגען אין יאָר 1936, האָבן נאָך אָנגעהאַלטן. אַראַבישע מאָרד־איבערפאַלן זיינען געווען אַ טאָג־טעגלעכקייט. די לאַגע אין לאַנד איז געווען אַ געדריקטע. ווירטשאַפטלעך דערשלאָגן, וואָס האָט זיך אויך אויסגעווירקט פון די אומבאַגרינדעטע, קינסטלעך־געשאַפענע פּראָספּעריטי. מיט איינמאָל האָט אַלץ צוזאַמענגעקראַכט, ווי אַ קאָרטן־הייזל, ווי עס איז געווען פאָרויסצוזען. דער בוי האָט זיך כמעט ווי אָפּגעשטעלט. באַנקראָטן — ווי שוועמלעך נאָך אַ רעגן.

די ווייניקע קויפער פון הייזער, לאַנד, זיינען איצט נאָר געווען פּוילישע יידן, וועלכע האָבן ארויסגעראַטעוועט, אָפּט אונטער טויט־געפאַר, אַ ביסל געלט פון דער אַנטיסעמיטישער פּוילן־לאַנד. די יידן אין פּוילן האָבן שוין דאַן שטאַרק געפילט דעם אַנטיסעמיטיזם אויפן האַלדז, טיילווייז אפילו פאָרויס־געפילט די בלוטיקע וואָלקנס, וואָס האָבן זיך אַ רוק געטאָן פון דייטשלאַנד איבערן אייראָפּעאישן קאָנטינענט. די פּוילישע רעגירונג האָט אָבער געהאַט אַ שטרענגען פאַרבאָט ארויסצופירן געלט פון איר לאַנד, וואָס איז בעיקר גע־צילט געווען קעגן יידן. האָבן יידן ריזיקירט, אָפּט באַצאָלט מיט יאָרן תפיסה, געוואָלט ארויסראַטעווען כאָטש אַ טייל פון זייערע קאַפּיטאַלן. און האָט זיך עס עמעצן איינגעגעבן, געבראַכט אונטער טויט־געפאַר עטלעכע פונט אין ארץ־ישראל, איז ער ערשט דאָ אריינגעפאַלן צווישן אַ חברה ספּעקולאַנטן, אָפּט סתם כאַפּער און פאַרכאַפּער. פון אַלע זייטן האָט אויף אזא איינעם גע־לויערט דאָ געפאַר: די מעקלער, געוועזענע בויער, אונטערנעמער, הענדלער מיט פרעמדן געלט פון די „פּראָספּעריטי״־יאָרן, האָבן זיך אַרומגעדרייט ווי הונגעריקע שאַקאַלן. די לאַגע איז געווען קאַטאַסטראָפאַל, האָט מען אָפּט ניט איבערגעקליבן די מיטלען, האָט זיך אַמאָל אויך איינגעפונען אַ מסור, וואָס האָט איבערגעגעבן די פּוילישע רעגירונג, אַז דער אָדער יענער האָט געבראַכט געלט פון פּוילן, אָדער כאָטש טעראָריזירט מיט מסירה. די יידן האָבן נאָך געדאַרפט צוריקפאָרן אין זייערע היימען, אין פּוילן, איז שוין לייכט זיך פאָר־




אַ צוזאַמענטרעף אויף דעם פּלאַץ פון דער צוקונפטיקער געביידע פון דעם „מוסד לטפול בילדים נכים״ ע״ש ב. אברהמס. — די צווייטע פון לינקס צו רעכטס: מרס. מאַקדאָנאַלד, פרוי פון אמעריקאנער קאָנסול אין ישראל; מר. אברהמס פלימעניק, מר. שחורי; מר. ב. אברהמס; מרס. רוקח; מר. ביי־נאַשאָוויץ און מר. טוך, מיטגליד פון דער ד״א ציוניסטישער פעדעראַציע.

צושטעלן זייער ציטער און זייער מיינונג פון לאַנד. די קאַטאַסטראָפאַלע לאַגע האָט געטריבן כאַראַקטערלאָזע צו אזעלכע טאָטן. יעדן טאָג, אַרויסגייענדיק אין דער פרי פון האָטעל, פלעגן שטיין ביים טיר רייען קלייבערס, בעטערס, סתם אָרעמע מענטשן.

אין די קבוצים, מושבות איז די לאַגע געווען בעסער, אָבער אויך זיי זיינען אויף אזא אָדער אנדער אופן אריינגעצויגן געוואָרן און געווען פאַרבונדן דורכן ווילדן „פּראָספּעריטי"־קאַרעהאָד. האָט זיך איצט דער צוזאַמענפאַל אויך אויסגעווירקט אויף זייער ווירטשאַפט. שוין אָפּגערעדט פון די בלוטיקע אומרוען, וואָס איז געווען א גאַר קאַנטיקע מלחמה קעגן ישוב, און איז בעיקר געווען געצילט און אויסגעטראָגן פון די לאַנדווירטשאפטלעכע פונקטן.

עס איז נאָר געווען א דאַנק די גוואַלדיקע וויטאַליטעט פון דער ציוניסטישער אידיי, אַ דאַנק די מסירות נפש־גרייטקייט פון דער חלוצישער מחנה און די הילפס־גרייטקייט פון גרויסע פאַלקס־טיילן, וואָס דער ישוב איז ניט צוזאַמענגעבראָכן, ארויס נאָך לעבעדיק פון דעם ווירטשאַפטלעכן שרעקלעכן קריזיס, וואָס האָט אויך נאָכגעשלעפּט א מאָראַלישן קריזיס.

* * *

אין יאַנואַר, 1942, זייענדיק אויף א דערהוילונג, האָב איך געקראָגן אַ טעלעגראַמע מיט א טרויעריקע ידיעה, אַז מיין ברודער, אלחנן־פּסח, איז פּלוצלונג געשטאָרבן. ער איז נאָך געווען א יונגער מענטש, אין די בעסטע יאָרן פון לעבן; 56 יאָר אלט געווען. איבערגעלאָזן האָט ער א יונגע אלמנה מיט 4 קינדער, 2 זין און 2 טעכטער. נאָר דער עלטסטער זון איז געווען חתונה געהאָט.

די אבדה איז פאַר אַלעמען געווען זייער גרויס, אָבער פאַר מיר — נאָך גרעסער, וואָרום א חוץ וואָס מיר זיינען געווען ברידער, זיינען מיר אויך געווען שותפים קרוב צו 40 יאָר. דורכגעלעבט צוזאַמען שלעכטע צייטן, ווי אויך גוטע, און קיינמאָל זיינען ניט געווען וועלכע מחלוקותן אָדער צאַנקערייען צווישן אונדזביידן. שטענדיק געווען צוזאַמען און זיך געזען יעדן טאָג.

א שעה פאַר דער לויה בין איך אָנגעקומען מיטן באַן. אריינקומענדיק אין הויז פון די אבלים זיינען מיינע ערשטע ווערטער געווען: קינדער, דער פאַרלוסט איז אונדזער אלעמענס א גרויסער, אָבער קיין טויטן קען מען ניט צוריק לעבעדיק מאַכן, און דעריבער מוזן מיר אלע זיין צוזאַמען און אַלעס וועט ווייטער אָנגיין ווי פריער.

יאָרן שפּעטער, ווען אלע קינדער זיינען שוין געווען חתונה געהאַט, האָט מען אויסגעצאָלט די טעכטער זייער חלק אין דער ירושה, און די צוויי זין זיינען פאַרבליבן שותפים אין געשעפט.

## מיין שוועסטער און קינדער

מיין שוועסטער, עטע סלאָוע, האָט חתונה געהאַט אין 1905 מיט יהודה לייב ביינאַשאָוויץ פון זשעזמיר, א ברודער פון דעם קעלמער רב. א בחור א למדן, א משכיל און א גרויסער העברעאיש־קענער. זייער א גוט־הארציקער און באַליבט ביי יעדן איינעם, וואָס איז געקומען מיט אים אין א וועלכער ניט איז פארבינדונג. קיין זאַך איז אים ניט געווען שווער, אבי טאָן יענעם א טובה.

ער איז געווען א גוטער, ליבער און צערטלעכער מאַן און פאָטער. אין די ערשטע יאָרן נאָך זיין חתונה האָט ער געהאלטן א גאלאנטעריי־קראָם אין שטעטל. שפּעטער האָט ער זיך גענומען צו לערעריי. לערעריי אין יענע יאָרן אין ליטע איז ניט געווען מלמדות. עס איז געווען א בכבודיקע מלאכה, וואָס האָט געפאָדערט סיסטעמאַטישע קענטענישן, וויסן און פּעדאַגאָגיע. די העברעאישע גימנאַזיעס אין ליטע האָבן זיך געקענט פאַרגלייכן צו אַבי וועלכער גימנאַזיע אויף דער גרויסער וועלט.

מיין שוואָגער איז געווען דירעקטאָר פון גימנאַזיעס און שולן אין פארשיידענע ליטווישע שטעט. ער האָט ליידער ניט דערלעבט צו זען זיינע קינדער ווי זיי זיינען אויסגעוואקסן גוטע, ערלעכע, יידישע מענטשן, און צו האָבן נחת פון זיי. ווייל געגנוג כחות האָט ער אוועקגעגעבן זיי אויפצוהאָדעווען און מאכן זיי פאר מענטשן. ער איז געשטאָרבן אין קאָוונע נאָך אן אָפּעראַציע אין יאָר 1928, אין עלטער פון 48 יאָר.

דער עלטסטער זון זיינער, משה, איז שוין דאן געווען ביי אונדז דריי יאָר. און דער צווייטער, חיים, איז אויך גלייך פון קאָוונע געקומען אהער, קיין דרום אפריקע. מיין שוועסטער און איר טאָכטער, טויבע, מיטן יינגסטן זון, ירחמיאל, האָבן אן ערך 6 יאָר שפּעטער זיך באזעצט אין ארץ ישראל. זי איז געווען געשטיצט פון אירע 2 זין אין אפריקע. איר איינציקע טאָכטער טויבע איז געווען פארהייראט, אָבער א יאָר שפּעטער נאָך איר חתונה האָט פּאַסירט אַן אומגליק, איר מאַן איז קראַנק געוואָרן און נאָכן ליגן אַ קורצע צייט אויפן בעט אוועקגעשטאָרבן. מען האָט קוים באוויזן צו קריגן פון אים א גט אום אויסצומיידן חליצה. גלייך נאָך פּסח, 1946, האָב איך געקראָגן א ידיעה אז די שוועסטער האָט געקראָגן א הארץ־אטאק און ליגט אין „אסותא" שפּיטאָל. איך האָב גלייך באשלאָסן אריבערצופליען און צו זען וואָס מען קען טאָן איר צו ראַטעווען, ווי אויך צו העלפן די יונגע אלמנה־גרושה אין איר עלנטקייט און צוצוגרייטן פאר איר צוקונפט.

שוין געווען א יאָר נאָך דער מלחמה, 1946, אָבער ס׳איז נאָך געווען זייער שווער צו אונטערנעמען א רייזע. די פאַרבינדונגען איבער די ימים און אויך דורך דער לופט איז געווען באַגרענעצט. מענטשן האָבן געמוזט וואַרטן מאָנאַטן ביז זיי האָבן געקראָגן א פּלאַץ אויף א שיף אָדער אין אן עראָפּלאַן. האָב איך טאַקע אָנגעווענדט פּראָטעקציעס און ענלעכע מיטלען און מיט גרויסע שוועריקייטן איז מיר געלונגען צו קריגן א פּלאַץ אויף אן עראָפּלאַן. דעם 15־טן יוני בין איך אָפּגעפלויגן קיין א״י. דער עראָפּלאַן איז די נעכט ניט געפלויגן; און אנשטאָט ווי היינט — 18 שעה, האָט די רייזע דאַן געדויערט 4—5 טעג. מ׳איז געפלויגן 8—9 שעה אין א טאָג און די נעכט האָט מען דורכגעשלאָפן אין האָטעלן. דעם 23־טן, א זונטאָג אין דער פרי, בין איך אָנגעקומען ביים ים המלח. איך בין געווען דער איינציקער פּאַסאַזשיר אין עראָפּלאַן פאַר ארץ ישראל. איך האָב פּרובירט זיך צו פאַרבינדן טעלעפאָניש מיט מיין פאַמיליע אין תל־אביב, אָבער נאָך צוויי שעה קלינגעניש האָב איך עס געמוזט אויפגעבן. אין ירושלים האָב איך גלייך געקראָגן א טעקסי, און צוויי שעה שפּעטער בין איך געווען אין תל־אביב.

שטראָמען פון טויזנטער מענטשן האָבן געיאָגט דורך תל־אביב. הונדערטער אויף אמאָל זיינען געלאָפן אין געאייל כאַפּן דעם אויטאָבוס צו פאָרן אהיים. תל־אביבער אלטע אָמניבוסן זיינען געווען איבערפולט מיט מענטשן. מען איז געזעסן און געשטאַנען צוזאַמענגעדריקט ווי הערינג אין אַ פעסל. אין די רייען איז געדיכט און א שטופּעניש, די היץ איז גרויס, אומדערטרעגלעך, גייט מען אָן אויבעררעקלעך, אין העמדער מיט אָפּגעשפּילעטע קראַגנס. דאָס שטאָטיש לעבן איז קאָכיק, פולסירט מיט שטורעם און דראַנג.

אין די אָוונטן זיינע אלע קינאָס איבערפולט, מען קען קוים א בילעט באַקומען. ביי יעדער קאַפע־הויז זיצן הונדערטער מענטשן; מ׳טרינקט סאָדעוואַסער אָדער מען עסט אייז־קרים. ביים ים איז געדיכט פון מענטשן, קיינעם ווילט זיך ניט גיין אהיים. מען פאַרברענגט די אָוונטן מערער אין דרויסן ווי אין שטוב. דאָך איז אין דרויסן אָנגענעמער און לופטיקער ווי אין די הייזער, ווייל מערסטנס זיינען די צימערן קליינע און ענגע און די לופט א הייסע און שטיקנדע, איבערהויפּט נאָך, ווען א חוץ די אייגענע פאַמיליע האַלט מען נאָך דערצו איינעם אָדער צוויי קוואַרטיראַנטן. און ס׳פּאַסירט אָפט, אז ס׳קומט אומגעריכט אויף דער נאַכט אן אורח. האָבן בעטלעך פאַר יעדערן איז אוממעגלעך, ווייל עס איז אזויפיל פּלאַץ ניטאָ, באַנוצט מען זיך מיט א מין סאָלדאַטסקע בעטלעך, וואָס דורכן טאָג לייגט מען זיי צוזאַמען און מען האַלט זיי אויפן וועראַנדע. איילט מען זיך טאַקע ניט צו גיין אַהיים און מען פאַרבלייבט ביים ים אָדער אין קאַפע־הויז אזוי לאַנג ווי מעגלעך.

כמעט אין יעדער הויז אָדער ווױנונג איז פאַראַן א ראַדיאָ און דער



מר. ב. אברהמס אין דער סביבה פון זיינע קרובים אין ישראל.



מר. ב. אברהמס האַלט א רעדע בעת דער צערעמאָניע פון לייגן דעם גרונד־שטיין פון „מוסד לטפול בילדים נכים“. — לינקס פון מר. אברהמס איז פראָפ׳ מייערס, און רעכטס זיצט מר רוקח. הינטער זיי שטייט מר שחורי.

טומל און געשריי, וואָס זיי מאַכן אָן ביינאַכט איז ממש פּארטויבט צו ווערן. איך האָב נאָך אין קיין שטאָט אין דער וועלט ניט געהערט אַזעלכע קולות ווי די ראַדיאָס אין תל־אביב מאַכן.

פרייטאָג־צו־נאַכט, דעם 28־טן יוני, נאָכן פאַרברענגען אַ זייער אָנגענע־מען אָוונט מיט דער פאַמיליע פון אַדוואָקאַט קאָסאָווסקי־שחור, ביי אַ פיין־געגרייטן טיש מכל טוב און אין אַן אַטמאָספער פון קדושת שבת און גאַסט־פריינשאַפט, מיט וועלכע די קאָסאָווסקיס זיינען אַזוי באַרימט, אין אַ גוטער, פייערלעכער שטימונג און אין דער באַגלייטונג פון די קאָסאָווסקיס און מיינע קרובים בין איך געגאַנגען צו מיין אכסניה. דער אָוונט איז געווען אַ קילער, נאָך דער גרויסער היץ פון טאָג. די גאַסן זיינען שוין געווען ליידיק, רואיק. אַ שטילקייט איז געווען אויסגעשפּרייט איבער תל־אביבער גאַסן. קומענדיק אין אכסניה איז שוין געווען גאַנץ שפּעט, און זיך פילנדיק מיד בין איך גלייך געגאַנגען זיך לייגן, עס האָט גאָר ניט לאַנג גענומען ביז וואַנענד איך בין אַנטשלאָפן געוואָרן.

אַ גרויסער גערודער, אַ טומל, אַ געפילדער, דאָס קלאַפּן פון מאָטאָרן און אַ פייפעניש פון סירענעס האָט אונדז אַלעמען אין הויז אויפגעוועקט. מיר לויפן אין דרויסן אויסצוגעפינען די סבה און שטויסן זיך אָן אויף סאָלדאַטן מיט אויסגעשטעלטע ביקסן. זיי באַפעלן אַז מיר זאָלן גלייך צוריק אַריין אין הויז. גרויסע ראָלן פון שטאַכל־דראָט זיינען שוין פאַרשפּרייט פון איין זייט גאַס צום צווייטן. אויטאָס מיט הילכערס יאָגן איבער אַלע גאַסן און וואָרענען דעם עולם ניט אַרויסצוגיין פון די הייזער: אויסנאַם־צושטאַנד! אַ ווײַלע שפּעטער זעען מיר מענער און פרויען, נאָך האַלב נאַקעטע, ווערן גע־טריבן דורך באַוואָפנטע סאָלדאַטן. מען פירט זיי צו געוויסע זאַמל־פּונקטן אויף חקירה ודרישה. נאָך שעהן לאַנג שטייען אויף די פיס און נאָך אַ שטאַר־קער אויספאָרשונג טרייבט מען אַ טייל צוריק צו זייערע היימען, אַ טייל פירט מען אָפּ אין „דזשיפּס" צו לאַגערן און טורמעס. דורך דעם „קול העם", אירגון צבאי לאומי־ראַדיאָ, דערוויסן מיר זיך, אַז דורך דער נאַכט האָט מען אַרעס־טירט אַלע מיטגלידער פון דער סוכנות.

דורך אַן אינטערוועניץ פון מר. רוקח, דער בירגערמייסטער פון תל־אביב ווערט דערלויבט אַריינצוברענגען ברויט פון די אַרומיקע שטעטלעך, און איין שעה אין טאָג איז דערלויבט אַרויסצוגיין זיך איינקויפן שפּייז. אַזוי האַלט עס אָן דריי טעג.

אַז דאָס לעבן הייבט ווידער אָן צו גיין זיין נאָרמאַלן גאַנג איז שוין אָבער די לופט פול מיט שפּאַנונג. מען וואַרט יעדן פרימאָרגן פאַר דעם "קול העם" צו הערן וואָס עס גייט אָן. די ענגלישע מאַכט וועגדעט אָן אַלע מיט־לען אויסצוגעפינען די געהיימע ראַדיאָ־סטאַנציע, אָבער אָן דערפאָלג. זי

האָט געפּרוווט שטערן, פּלעגט די סטאַנציע בייטן די זענדונג־כוואַליע און מען האָט ווידער געהערט. יעדער איינציקער האָט געפילט אז די לופט איז פול מיט דינאַמיט און קען יעדע ווילע עקספּלאָדירן.

אין די דאָזיקע טעג האָט פּאַסירט דאָס שרעקלעכע און שוידערהאַפטע אויפרייס פון „מלון המלך דוד", אין וועלכער הונדערטער קרבנות, שולדיקע און אומשולדיקע האָבן פאַרלאָרן זייער לעבן. דאָס האָט געמאַכט א גרויסן און טיפן רושם אויף אַלעמען, און די מערסטע יידן האָבן עס אויפגענומען מיט פאַרביטערונג.

* * *

זייענדיק א טאָג־טעגלעכער באַזוכער ביי מיין שוועסטער, אין דער „אסותא"־האָספּיטאָל, און זעענדיק די דאָרטיקע ענגשאַפט און אז עס איז ממש אוממעגלעך צו קריגן א בעט און ווי הויך זיינען די פרייזן, אז מען קריגט שוין יאָ א בעט, האָב איך באשלאָסן מנדב צו זיין א גרויסע סומע, כדי צו בויען אַ שפּיטאָל אויף מיין פרויס און מיין נאָמען. איך בין אריבערגעגאַנגען צו ה' רוקח איבערצורעדן וועגן דעם ענין. ה' רוקח האָט מיר דערקלערט, אז די עיריה האָט פּאַרטיקע פּלענער פאַר אַ שטאָטישן שפּיטאָל, און פאַר די סומע געלט וואָס איך וויל מנדב זיין, וועט די עיריה רופן דעם אָפּטייל פאַר קינדער אויף מיין נאָמען, צו וואָס איך האָב צוגעשטימט.

בעפאָר מיין רייזע צוריק איז שוין געווען באשטעלט דורך די טומלדי־קע טעג, האָב איך דאָך באוויזן חתונה צו מאַכן מיין פּלימעניצע, טויבע, מיט אַ יונגן מאַן א בר־סמכא, אברהם שחורי, וועלכער איז דורך דער לעצטער מלחמה געקומען פון פּוילן אלס א סאָלדאַט פון דער פּוילישער ארמיי. זיין פרוי און קינדער זיינען דערמאָרדעט געוואָרן דורך די נאַציס, ימח שמם. הויך געוואקסן, געזונט און שטאַרק געבויט, מיט א הדרת־פּנים, פרום, ערלעך, גוט און פריינדלעך צו אלעמען. קיין בעסערן זיווג האָט זיך קיינער ניט געקענט ווינטשן. איך האָב צוגעגרייט א היים פאַר מיין פּלימעניצע. איר מוטער — מיין שוועסטער האָט נאָך פאַרבראַכט מיט איר צוזאַמען העכער 2 יאָר און געהאַט די זכיה צו דערלעבן דעם טאָג פון פּראָקלאַמירן די מדינת ישראל און אין א טאָג שפּעטער איז זי געשטאָרבן.

מיין רייזע צוריק איז שוין געווען באשטעלט. אין א פינף טעג שפּעטער האָב איך געדאַרפט אָפּפליען. אָבער ווי זאָגט דאָס פאָלקס־ווערטעל: א מענטש טראַכט און גאָט לאַכט. דעם אָוונט ווען איך האָב געזאָלט אָפּפאָרן איז ווידער דערקלערט געוואָרן אויסנאַמצושטאַנד און האָט געדויערט פיר טעג.

ווידער טרייבן סאָלדאַטן האַלב נאַקעטע מענער און פרויען, ווידער הויז־זוכונגען און אַרעסטן. שווער איז צו קריגן אפילו אַ דאָקטאָר, און א סך משפחות ליידן פשוט הונגער. פון דער ראַדיאָ דערוויסט מען זיך, אז פרייטאָג

פאַרנאכט, א פּאָר שעה פאַר שבת, וועט דער אויסנאַם־צושטאַנד אראָפּגענו־מען ווערן.

פון די ארומיקע שטעטלעך זיינען שוין געשטאַנען ביי די גרענעצן פון תל־אביב א גרויסער עולם, אָנגעלאָדן מיט כלערליי מזונות און געוואַרט פאַר דעם סיגנאַל. א שטראָם פון מענטשן מיט קערב, אָנגעפילט מיט ברויט, פלייש, פיש, אלץ וואָס זיי האָבן געקענט קריגן, האָט אריינגעשטראָמט אין שטאָט. יעדער איז אַ גליקלעכער געלאָפן צו זיינע קרובים אָדער באַקאַנטע צוטיילן די שפּייזן, וואָס מ׳האָט צוזאמענגעבראַכט. די מסירות נפש און די איבער־געבנקייט איז געווען אין לשער.

* * *

געגנויע 7 יאָר זיינען פאַרלאָפן פון יענער צייט, יולי 1946, ווען איך האָב פאַרשפּראָכן ה׳ רוקחן מיין נדבה פאַר א בית־חולים לילדים, ביז עס איז אויס־געבויט געוואָרן — ענדע אַפּריל, 1953. 5 יאָר האָט געדויערט ביז איך האָב געקענט צוזאמענבערענגען די 50.000 פונט, ווייל אזא גרויסע סומע ליגט ניט געוויינטלעך „ליידיק״ ערגעץ אין א באנק. דאָס דאָזיקע געלט איז געווען איינ־וועסטירט אין עסקים בשותפות מיט די יורשים פון מיין ברודער. און ס׳האָבן זיך געמאַכט גרויסע סכסוכים, וואָס האָבן זיך אַזוי לאַנג פאַרצויגן. אינצווישן האָט זיך אויך די דרום־אפריקאַנישע רעגירונג געביטן און דער עקאָנאָמישער מצב האָט זיך געענדערט, אזוי, אז אלץ איז געקומען צו א שטילשטאַנד. קיין קויפערס פאַר גרויסע ביזנעס — די בעסטע, און אפילו באָנדס זיינען ניט געווען. און נאָך אין אָנהייב 1951 איז מיר געלונגען צו פאַרקויפן די נויטיקע אייגנטום.

דורך די יאָרן איז פאַרבאָטן געוואָרן צו שיקן געלט קיין ישראל כמעט דורך אלע לענדער חוץ אמעריקע. און ניט קענענדיק אָפּשיקן דאָס געלט די־רעקט, האָב איך עס איבערגעגעבן צו די היגע ציוניסטישע פעדעראַציע אויף געוויסע תנאים: ערשטנס, דאָס געלט אין ישראל זאָל ניט געביטן ווערן אַ פונט סטערלינג אויף אַ ישראל פונט, נאָר לויט דעם קורס, וואָס איז געווען אין דער צייט פון מיין דעפּאָנירן עס. צווייטנס, די ישראל־רעגירונג זאָל צוזאָגן צוצושטעלן רויע בוי־מאַטעריאלן פאַר אַ נאָרמאַלן פּרייז, און מען זאָל ניט מוזן צאָלן אויפגעשרויפטע שוואַרץ־מאַרק־פּרייזן. דריטנס, דאָס געלט מוז פאַר־ווענדעט ווערן אויסשליסלעך פאַרן בית־חולים לילדים, צו וועלכן מיין צושטי־מונג איז געווען געגעבן.

נאָך דעם איבערגעבן דאָס געלט צו דער ציוניסטישער פעדעראַציע זיינען געקומען צו מיר פרויען, פאָרשטייער פון דער „וויצאָ״ מיט א טענה: אזוי ווי זיי האַלטן אין בויען דעם גרויסן בנין פון דעם „מרכז אמהות וילדים״ — פאַר מוטערס און קינדער און אויך א לערן־אנשטאַלט פאַר קראַנקנשוועס־

טער. דער שפּיטאָל פאַר די קינדער זאָל אַנטהאַלטן ארום 250 בעטן, און די קראַנקן־שוועסטער — 50. פון די וועלן באַזאָרגט ווערן די שפּיטאָלס מיט אויסגעשולטע קראנקנשוועסטער. און אזוי ווי די גרויסע אקציע האָבן אונ־טערנומען די אפריקאַנער יידישע פּרויען, דעריבער דענקען זיי, אז עס וואָלט זיין זייער ריכטיק, איך זאָל זיי אויך געבן א גרויסע נדבה אויף דעם צוועק; אָדער א העלפט פון די 50.000 פונט, וואָס וועט זיי דערמעגלעכן פולקום אויס־צופירן זייער גרויסן און וויכטיקן פּראָיעקט.

א ליטווישער ייד — האָבן זיי ארגומענטירט — וועלכער האָט „גע־מאַכט" זיינע געלט אין דרום אפריקע, דאַרף באשטייערן צו די אינסטיטוציעס וועלכע ווערן געבויט אין ישראל אין נאָמען פון די היגע יידן. איך האָב זיך איבערצייגט אין זייערע גערעכטע רייד, אָבער וואָס טוט מען איצט, איך האָב דאָך שוין געגעבן מיין צוזאָג ה׳ רוקח׳ן און איך וועל דאָך ניט משנה זיין מיין וואָרט, אָן זיין צושטימונג. איז, לכן, געבליבן, אזוי ווי פון ד"א פאָרט א דעלעגא־



„מוסד אברהמס" — בית חולים לטפול בילדים נכים

ציע פון דער פעדעראַציע אין וועלכער עס וועלן אויך זיין „וויצאָ“־פאָרשטייער — צו דעם ציוניסטישן קאָנגרעס אין ישראל — זאָלן זיי זיך דאָרטן זען צו טרעפן מיט ה׳ רוקח׳ן און דורכקומען מיט אים אליין. איך פון מיין זייט האָב גלייך געשריבן ה׳ רוקח׳ן א בריוו, אין וועלכן איך האָב אים קלאָר געמאַכט דעם גאַנצן ענין. אמת, — האָב איך געשריבן — די ברירה איז טאַקע ביי אייך, אָבער איך וויל אייך דערמאָנען וועגן מיין תנאי, אז דער בית־חולים לילדים מוז מען גלייך אָנפאַנגען צו בויען, ווייל איך וויל עס נאָך זען מיט מיינע אויגן. און א מענטש איבער 70 קען זיך ניט דערלויבן לאנג צו וואַרטן... דער בנין פון „וויצאָ“, אָבער, האלט שוין ביים פארטיק ווערן, און נאָך אלעם, איז ביי זיי אויך פאַראַן א שפּיטאָל פאר קינדער, און וועט באַדינען ניט בלויז תל־אביב, נאָר אויך די קיבוצים אין דער גאַנצער געגנט.

די „וויצאָ“ מיט ה׳ רוקח׳ן זיינען געקומען צו א פארשטענדעניש, אז א העלפט פון דעם געלט איז פאר „וויצאָ“, און די אַנדער העלפט צו בויען אַ נייעם קינדער־שפּיטאָל פאַר ליידנדע פון קינדער־פּאַראַליז, וואָס איז זייער נייטיק פאר דער מדינה.

די ציוניסטישע פעדעראַציע האָט געקראָגן א צוזאָג פון פינאַנץ־מיניס־טער, אז דער פונט שטערלינג וועט אויסגעצאָלט ווערן אין פולן ווערט; פון אינדוסטריע־מיניסטער, — אז ער וועט צושטעלן רויע בוי־מאַטעריאלן פאר דעם בנין אויף קאָסט־פּרייז. די באַדינגונגען וועלן מעגלעך מאַכן, אז דאָס געלט וועט זיין די והותר פאר דעם בנין פון דעם שפּיטאָל.

די אַלע צוזאָגענישן זיינען אָבער ניט אזוי לייכט דערפילט געוואָרן. די באַאַמטע, נאָך נייע, און אָן שום דערפאַרונג, זיינען ניט פעסט געווען ביי זיך, אויך ניט געוווּסט ווי אויסצופירן די פאַרשפּרעכונגען פון די מיניסטאָרן, און האָבן עס אָפּגעלייגט פון טאָג צו טאָג. איך בין געווען זייער פאַרביטערט מיט זייער האַנדלונג. איך האָב גערדיקט אויף דער ציוניסטישער פעדעראַציע אָנצו־נעמען שטאַרקערע מיטלען אין די פאַרהאַנדלונגען מיט דער ישראל רעגירונג, אז זיי זאָלן דורכפירן וואָס גיכער זייער צוזאָג. איך מוז זאָגן, אז די פעדעראַציע האָט געטאָן אלעס מעגלעכעס מיר צו העלפן, אָבער דאָרטן איז געגאַנגען אזוי לאַנגזאם און קריכנדיק, אז איך האָב פארלאָרן מיין געדולד און איך האָב באַ־שלאָסן אליין אריבערצופליען און זען וואָס מען קען טאָן, כדי אונטערצואיילן מיטן אויפבוי פון שפּיטאָל.

איך האָב געמאַכט אלע פאָרבארייטונגען: געמאַכט איינשפּריצונגען, באַשטעלט א פלאַץ אין עראָפּלאַן און געוואַרט אויף דעם טאָג פון מיין רייזע. פּלוצלונג בין איך קראַנק געוואָרן און די דאָקטוירים האָבן מיר געראַטן אָפּצו־לייגן מיין געפּלאַנטע נסיעה. איך בין אָבער געווען אזוי שטאַרק דורכגענומען מיט מיין באַשלוס — יעבור עלי מה! איך וועל ניט פאָלגן.

האָט טאַקע מיין שטאַרקער ווילן גובר געווען און כאָטש פּילנדיק זיך נאָך ניט אינגאַנצן געזונט, בין איך אָפּגעפלויגן. און 20 שעה שפּעטער בין איך געווען אין לוד.

דאָס ניט קומען צום שלאָף א גאַנצע נאַכט און דעם זיצן א גאַנצן טאָג אויף איין פּלאַץ האָט מיר א ביסל מיד געמאַכט, דאָך, אין אלגעמיין, האָב איך זיך געפילט גאנץ גוט. עס האָבן מיר אָפּגעוואַרט מיינע פּלימעניקעס, פאַר־שטייערינס פון „וויצאָ", פון דעם פאַראיין צו העלפן ליידנדע קינדער און פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע.

פון דער צייט פון מיין קומען ביז מיין אפּפאָרן, די גאַנצע 5 וואָכן, בין איך געווען פאַרנומען יעדן טאָג, ווי אויך די נעכט. קרובים, באַקאַנטע און פאָרשטייער פון פאַרשיידענע אינסטיטוציעס זיינען כסדר געקומען צו מיר. איך האָב אויך געמוזט באַזוכן די איינלאַדונגען, וואָס זיינען מיר אָנגעקומען, ווייל אזוי גיך ווי עס איז באַוווּסט געוואָרן דורך דער פּרעסע, דעם תכלית פון



אַ קאָרידאָר אין דעם „מוסד לטפול בילדים נכים"

מיין קומען אַהער, אזוי גיך זיינען געקומען צו מיר איינע נאָך די אַנדערע שלי־חים, מיט בקשות צו העלפן די מוסדות וועלכע זיי רעפּרעזענטירן, און „מרובים צרכי עמך; ואין הקומץ משביע את קארו".

דער ציל פון מיין באזוך איז געווען א דרייפאַכיקער: 1) גרינדן א קרן התורה, פאר דעם אויסהאלטן פון ישיבות; 2) אונטערשטיצן דעם אויפבוי פון שפּיטאָל פאר קינדער ליידנדע פון פּאַראַליז, און 3) שוין אליין זיין ביי דער דערעפענונג פון דעם צענטער פאר „מוטערס און קינדער". די פּאַרשטייער פון די אלע דריי אָרגאַניזאציעס האָבן מיר געפירט ווייזן די ארבעט וואָס עס גייט אָן שטענדיק אין די בנינים, כדי איך זאָל זען ווי נייטיק עס איז די נייע אנ־שטאַלטן: די „מזרחי" — איר שיינעם גרויסן ישיבה־בנין אויפן נאָמען פון ר' אביגדור עמיאל זצ"ל; די „וויצאָ" — איר ריזיקן פּראַכטפולן בנין, וועלכער איז כמעט ווי פאַרטיק געווען, און דער פאַראיין פאר פּאַראַליז־קינדער — איר בנין, וועלכער האָט זיך נאָר איצט אָנגעפאַנגען בויען.

* * *

דעם ערשטן טאָג חוה"מ פסח אין אָוונט, איז אין דער וווינונג פון אדוואָ־קאָט ש. ד. קאָסאָווסקי־שחור אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַן אויפנאַמע פאַר מיר. עס האָבן אנטיילגענומען פיל רבנים און חשובע שטאָט־באַלעבאטים. גערעדט האָט הרב הראשי פון תל־אביב, הגר"א אונטערמאַן, וועלכער איז אויך גע־ווען דער פאָרזיצער. דאן האָבן גערעדט אדוואָקאָט קאָסאָווסקי און די רבנים ד"ר ש. גרינבערג, יוסף פערבער, שטרוביצקי, ארענבערג, מר. אברהם לב, מר. א. עמיאל און א מיטגליד פון שטאָט־ראָט מר. א. ד. מגיד; דער לעצטער פון די רעדנער איז געווען דער קאָמוניקאציע־מיניסטער, המנוח ד. צ. פנקס. יעדער פון די רעדנער האָט אויסגעדריקט גרויס צופרידנקייט מיט מיין גרינדן דעם קרן התורה, וואָס וועט ברענגען א סך הילף פאר די תורה־אינסטיטוציעס.

אין מיין ענטפער, אין העברעאיש, האָב איך געזאָגט:

מרנן ורבנן!

ראשי מתיבתא וחכמינו ועסקנינו,

מרגיש אני היום בעמדי לפניכם מעין „וגילו ברעדה". יודע אני לפני מי אני עומד ויש לי מעין אומתא דצבורא, אף על פי שענותכם תרבני.

לבי יגל לראות את ארצנו הקדושה שיצאה לחפשי. הייתי כבר פה פעמים אחדות, בימי ממשלת המנדט הבריטי, והיו ימים שלבי היה מטפטף דם בשעה שראיתי את סבלות אחינו ואת המכות אשר הוכו בידי אוהבינו, בעלי הברית הבריטי. והרגשתי את הכאב הנורא שבדברי ר' יהודה הלוי: „איך יערב לי אכול ושתות עת יסחבו הכלבים את כפיריך".

אבל ברוך אלהינו שממשלת המנדט עברה ומדינת ישראל פורחת.

אין מלה בפי להביע את הגיוני רוחי ותודתי לד׳ שהביאני עד הלום ועזרני לעשות איזה דבר ולהרים תרומה קטנה למען קרן התורה.

ימי עלומי, בהלה נר אלוה על ראשי, עברו לי בישיבות ובתי מדרשות וידעתי כדברי רבנו סעדיה גאון ז״ל כי אין אומתנו אומה אלא בתורותיה.

חכיתי לקבל תורה מגדולי ישראל ומחכמיו ולהנות מאור פניהם גם בשעה שהייתי לומד מעצמי. אמנם עתנותי גרמו שהשנים הטובות הללו לא נמצאו זמן רב, והיה על ללבוש כלי גולה ולצאת לאויר העולם הגדול של אנגליה ואפריקי הדרומית ולא יכולתי להסתופף באהלי התורה.

אך תודה לאל שמכיון שבניתי בית ומצבי החמרי הוטב קבעתי עתים לתורה והספר העברי לא מש מעל שולחני. כל ימי תמכתי במוסדות התורה במקומי לפי יכולתי, אבל לא יכולתי לעשות גדולות למען מוסדות התורה בארצנו הקדושה. טרוד הייתי במסחרי ולא היה בידי ללכת בגדולות.

אני תפלה כי תרומתי הקטנה תסייע להרמת קרן התורה בארצנו ה־קדושה ובעזרת ציר ישראל וגדולי ישראל יצאו מהישיבות האלה תלמידי חכמים שיהיו לשם ולתפארת לעמנו ולתורתנו !

מודה אני לכם, מורי ורבותי, חברי וידידי, שבאתם הנה היום להש־תתף בשמחתי, שמחת התורה. ובשם רעיתי ובשמי אני אומר : זה היום עשה ה׳ נגילה ונשמחה בו !

מובטחני שהמוסד הזה תחת השגחתכם יעשה פרי הלולים וימלאו משאלות לבנו, כי מציון תצא תורה ודבר ד׳ מירושלים.

חזקו ואמצו ויעזור לנו אלהינו למצוא מסייעים לדבר מצוה, כי אין תורה כתורת ארץ ישראל.

תקותי החזקה כי יזכני אלהי אבותי לבוא הנה להשתקע ולקבל נחת מבני התורה שיצאו מכאן.

ויהי רצון שתהא השכינה שרויה במעשי ידינו, אמן.

* * *

מאָנטאָג, דעם 21־טן אפריל אין אָוונט, אין א יום־טובדיקע אטמאָספער, איז אָפּגעהאלטן געוואָרן א קבלת פנים פאר מיר אין הויז פון פרוי און הער סעם זקש, אין רמת־גן. דעם צוזאמענטרעף האָט צוגעגרייט דער ועד האגודה לעזרת ילדים נכים. עס איז געווען א גרויסער עולם פון עטלעכע הונדערט מענטשן. אין נאָמען פון דער אגודה האָט גערעדט ד״ר וואַלטער הירש. ער האָט דערציילט די געשיכטע פון דעם פאַרבאַנד. עס האָט דאַן גערעדט דער בירגערמייסטער פון תל־אביב, ה׳ רוקח. צווישן אנדערע האָט ער געזאָגט, אז מיט 6 יאָר צוריק האָט ער געקראָגן פון מיר דעם צוזאָג צו בויען א בית־חולים לילדים, וואָס איך האָב דערפילט באמונה. ער האָט אויך גערעדט וועגן די נייי־טיקייט פון אזא שפּיטאָל, וועלכער וועט אַנטהאַלטן 30 בעטן פאַר קינדער ביז

דעם עלטער פון 14 יאָר, און פאַרשיידענע אַנדערע אָפּטיילונגען, אויסגעריכט מיט די לעצטע מעדיצינישע אינסטרומענטן, א מאָדערנער אָפּעראַציע־זאַל, אַ הייל־צימער מיט די מיטלען פון פאַרשיידענע בעדער, אַ זאַל פאַר אָרטאָפּע־דיע־איבונגען, אַן עס־צימער און אַ צימער פאַר שפּילן א.א.וו. אין נאָמען פון דער פאַמיליע האָט גערעדט מיין פלימעניק אברהם שחורי.

מיין ענטפער־רעדע איז געווען אזוי:

כבוד היושב ראש, פרופ׳ מאיר, כבוד נשיא האגודה, כבוד ראש העיריה, גבירותי ורבותי!

לא איש דברים אנכי ומתודה אני לפניכם, כי השפעתם עלי במהמאו־תיכם רב טובה שקשה לי לקבלם ועל כן יהיו דברי מעטים.

מקרב לבי אני מודה לכם בשמי ובשם אשתי עבור קבלת הפנים הנאה והלבבית. צר לי מאד שאשתי איננה יכולה להיות נוכחת במסבה מפוא־רת זו בגלל מחלתה, אולם לבה ונפשה נתונים הערב למסבה הזו ולמפעל שאנו כולנו מקימים. זו היא הפעם הראשונה שדורכות רגלי על אדמת מדינת ישראל. אמנם כבר בקרתי בארץ פעמים אחדות, אבל אז עוד נאבקו אחינו על עצמאותנו ואילו כיום אנו בני חורין וזכינו לתקומה ולגאולה שלמה ולבי פועם מחדוה גדולה שנפלה בחלקי לראות במו עיני את מדינת ישראל ב־במלאת ארבע שנות קיומה.

אני, גבירותי ורבותי, הגיתי מאז ימי ילדותי בגורלם של ילדים סוב־לים. בהיותי נער ולומד בישיבות ליטא, כבר אז ראיתי בסבלותיהם של ילדים עזובים ומוזנחים, החיים הרחק מבית הורים ללא מעון ומחסה. ומדי הרהרתי בגורל ילדים נכים, עלובי הגורל, שזעם אלהים נשפך עליהם, והם חיים כל ימיהם בדכאון, וכבר אז אמרתי ללבי, כי חובה קדושה מוטלת על כל אדם ישר בעל רגש לעשות ככל יכלתו למען הקל סבלות ילדים. ו:שעזרני אלהים וניתנה לי היכולת לעשות דבר של ממש למען ילדים נכים, הרי אני רואה בזה אצבע אלהים והנני מודה להשגחה העליונה על אשר נטעה בלבי ובלב אשתי את הרצון הזה, להיות שליחים לדבר מצוה, למפעל אנושי ברוח המוסר היהודי הטהור והצרוף.

תודתי ותודת אשתי העמוקות מוגשות לחברי הועד הצבורי התורמים מזמנם וממרצם למען מוסד חשוב זה. תשרה עליהם הברכה על פעולתם ההומאנית, כלפעולה שמטרתה לרפא ילדים חולים, לחלץ אותם מן המיצר, להקל סבלותיהם ולהכניס קצת אור לחייהם המקופחים, אין די שכר לה. וחזקה תקותי שהמוסד שאנו מקימים ימלא שליחות גדולה זו, ובו ישרה אור האהבה לילד הנכה, שנפגע אם בידי שמים ואם בידי אדם. בכל פעם שאני וזוגתי נעלה בזכרוננו את הבית הזה ואת פני הילדים, שראיתים במו עיני,

ואשר יניס מהם יגון ואנחה ויזרע בלבותיהם גרגרי חדוה ואהבה לחיים, נהיה מאושרים. מי יתן והבית הזה יקום על תלו בקרוב ובעזרת השם יביא תועלת מרובה לנזקקים לו ואני תפלה שיתברכו ילדי ישראל בבריאות גופם ולא יזדקקו יותר לעזרת המוסד.

ושוב הפעם מודה אני לכל העוסקים במלאכת מצוה זו עבור יחסם הלבבי והאדיב כלפי, וביחוד מודה אני למארחת הנכבדה זקס ולבעלה ש־העמידו את ביתם ושירותם לרשותנו. יבאו כולם על הברכה.

דינסטאָג, דעם 22־טן אַפּריל, אין דער פֿרי, אויפֿן פּלאַץ פֿון דעם פּראַכט־פֿולן נייעם בנין פֿון „לאם ולילד" (פֿאַר מוטער און קינד), איז פֿאָרגעקומען אן איינדרוקספֿולע צערעמאָניע פֿון אנערקענונג צו מיין פֿרוי און מיר פֿאַר דער באשטייערונג, וועלכע מיר האָבן געמאכט פֿאַר דעם בנין. פֿינף זויג־קינדערלעך — אין די אָרמס פֿון סטודענטן־קראַנקנשוועסטער — האָבן אויס־געדריקט שווייגנדיק זייער דאנק מיטן איבערגעבן מיין פֿרוי און מיר א אילוס־



מר. אברהמס שמועסט מיטן דאָקטאָר בעת זיין באַזוך אין דער אַלטער געביידע פֿון דעם „מוסד לטפול באם ובילד."

טרירטן אָנדעקונג־שריפט. עס זיינען בייגעווען „וויצאָ“־פירערינס און פיל דרום־אפריקאנער טוריסטן און א סך געסט פון פאַרשיידענע מוסדות. דער עולם איז באשטאַנען פון מער ווי 400 מענטשן.

עס האָט גערעדט פרוי גינאַסער, די פרעזידענטין פון דער וועלט־„וויצא“, וועלכע איז אויך געווען די פּאַרזיצערין. זי האָט געלויבט די שוועסטער קיש, וואָס האָט געאַרבעט מיט איבערגעבנקייט 25 יאָר, און אויך די פרוי א. ברוידא. פרוי קייטי גליקמאן האָט באגריסט אין נאָמען פון דעם ציוניס־טישן פרויען־קאונסיל. זי האָט געזאָגט, אז דער נייער 4־שטאָקיקער בנין וועט ארייננעמען 250 תינוקות מיט א צוגאָב־בנין פאר 50 קראנקנשוועסטער. ד״ר העלענא קאגאן, די וועטעראַן־גרינדערין פון „וויצא“, האָט געלויבט מיין פרוי און מיך, ווי אויך די פעדעראַציע און די אפריקאנער יידישע פרויען בכלל, וואָס האָבן געמאַכט מעגלעך אויפצובויען אזא פּראַכטפולן גרויסן און נויטווענ־דיקן בנין. די „וויצא“ גרייט צו טעגלעך אלע באדערפענישן פאר 19.000 קינדער. א דאנק איר איז פארקלענערט די צאָל פון קינדער־שטערבלעכקייט. די „וויצאָ“־ארבעט האלט אין איין וואקסן. שוועסטער קיש האָט אויך גערעדט, און א מוטער פון איינעם פון די זויג־קינדער, וואָס געפינט זיך אין צענטער האָט אויסגעדריקט איר דאַנקבאַרקייט אין נאָמען פון די, וואָס געניסן פון גרויסן אויפטו. און מיין אַנטוואָרט איז געווען:

כבוד היושב ראש, נשי ויצו היקרות, גבירותי ורבותי!

נרגש אנכי מקרב לב מכל התהלות והתשבחות שפזרתם לי ביד רחבה וקשה לי להביע את כל התודות אשר אני ורעיתי רוחשים לכם עבור היחס הלבבי והנפשי שהראיתם כלפי וצר לי שרעיתי לא נמצאת על ידי במעמד זה בגלל מחלתה, אולם לבה פועם בחזקה ברגעים אלה יחד אתנו.

למרות שאני בא כעת בפעם הרביעית לארץ, הרי זה בקורי הראשון במדינת ישראל ושמח אנכי ונהנה לראות את הארץ בתקומתה ובגאולתה ואנו בני הורין וחוגגים עוד מעט את מלאת ארבע שנות עצמאותנו. העליה ה־המונית, קליטתה ובעיותיה השונות העמידה את הישוב וביחוד את האשה העבריה בפני נטל כבד ורב אחריות. האם העבריה היתה מאז ומתמיד שו־מרת על שתילי הבית, הם ילדיה, כעל בבת עינה. בכמה טרחה ויגיעה היתה מגדלת את ילדיה, ומי באמהותינו לא ידעה צער גדול בנים מהו, אולם הגיעו עתה ימים אחרים, ימי עמל, שגם אמהות נאלצות לפעמים לפרוש מבתיהן ולשחר לטרף להן ולילדיהן. ומה קשה ולעתים ממש נורא מצבם של התי־נוקות והילדים הנשארים לבדם בבית ללא השגחת אם צופיה הליכותיהם וטפו־חיהם ושומרת עליהם מכל פגע רע. במצב זה נודעת חשיבות לא תשוער למוסד הנהדר „האם והילד“, שעומד כבר בגמר בנינו. ושמח אני שגם רעיתי

ואני נתנו יד ועזר להקמת המוסד המפואר הזה, שימלא תפקיד חשוב לתינו־קות ולאמהותיהן גם יחד. אני מלא תודה עמוקה לכל אלה אשר סייעו לי ולאשתי בבצוע שאיפתנו, תכניתנו וביחוד לגברת פרנק, למר סיימון קופר ומר אינפלד מהפדרציה הציונית בדרום אפריקה, ומר סם לוין ומר טוך מהפדרציה כאן..

הנני מקוה שבבית זה ימצאו טפול מתאים, מרגוע ומנעמים ילדים, אשר אמותיהם מוכרחות להלחם את מלחמת קיומן או בגלל סבות אחרות להפרד לשעות ארוכות מצאצאיהן היקרים.

בהסתכלי על המוסד החשוב הזה אני מרים כפי לאלהי מרום בתפלה ובתודה על אשר אצל מטובו עלי ועל אשתי ונטע בלבנו את הרעיון להטיב מצב ילדי ישראל. ובזכותם של תינוקות אלה, שיחלצו מבדידות ועזובה ומחסור ותפקח עליהם עין טובה של מטפלת, תבא הברכה וההצלחה גם על מדינת ישראל כולה, שכולנו היושבים בתפוצות הגולה דורשים טובתה ומאו־שרים בבנינה ומקוים גם לשבת בה ברצון אלהי ישראל.

ולבסוף, קבלו כולכן, כל העוסקות והמטפלות במלאכת מצוה קדושה וטהורה זו את תודתי ותודת אשתי ואני תפלה שהבית הזה יתן און וכח ומרץ לדור חדש ובריא.

* * *

זייענדיק יענע טעג אין ישראל בין איך געווען פול מיט האָפענונגען און דערוואַרטונגען זיך צו טרעפן מיט מיין ברודער מענדל, מיט וועמען איך האָב זיך ניט געזען 40 יאָר, זינט 1912, ווען ער האָט פאַרלאָזן דרום אפריקע און אַוועק קיין אַמעריקע. דאָרט האָט ער חתונה געהאַט און האָט שוין אייניקלעך פון זיינע 2 זין און טאָכטער. איך האָב אַלץ צוגעגרייט פאַר זיין קומען. גע־האַט פון אים בריוו און אויך טעלעגראַמעס, אַז ער קומט. ליידער, אין לעצטן מאָמענט, האָט ער מיר אנטוישט און ניט געקומען. פאַר מיר איז עס געווען א גרויסער פאַרדרוס, וואָס האָט מיר זייער וויי געטאָן.

* * *

די פינף וואָכן פון מיין פאַרווײלן אין ישראל איז געווען די בעסטע, צופרידנסטע און אנגענעמסטע צייט אין מיין גאנצן לאנגן לעבן. די צערטלעכ־קייט און איבערגעבנקייט פון מיינע פלימעניקעס, פלימעניצעס און די משפחה בכלל צו מיר; די פריינדשאַפט און גוט־האַרציקייט, וואָס דער וועד פון די אגודה לעזרת ילדים נכים און די „וויצאָ"־פרויען האָבן ארויסגעוויזן צו מיר. יענע שיינע טעג וועל איך קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

און ס'איז טאַקע ניטאָ קיין גרעסערער פאַרגעניגן אין לעבן, ווי האָבן די מעגלעכקייט צו געבן און וויסן, אַז דו האָסט געהאָלפן אנדערן אין זייער נויט. דאָס איז די בעסטע באַלוינונג.

# אַ נר נשמה נאָך מיין ברודער חיים

אלע אין קינדהייט אויפגעקומענע איינדרוקן, פריידיקע צי טרויעריקע, בלייבן אין מענטשנס הארץ איינגעקריצט אויף זיין לעבן לאַנג. — דער טויט פון מיין ברודער האָט געחירקט אויף מיר גאָר שטאַרק, חייל צום ערשטן מאָל האָב איך, אלס קינד, אים באַגעגנט און דער איינדרוק האָט מיך קיינמאָל, דורך יאָרן, ניט אָפגעלאָזן, כ׳האָב עס ניט פאַרגעסן. אין „נרות שבת", ירושלים, קונטרס קכ״ד האָב איך פארעפנטלעכט דעם חייטערדיקן מאמר חעגן טויט פון מיין ברודער. — איך ברענג עס דאָ, חי אַ דירעקטע שיכות צו מיין לעבנס באשרייבונג

א.ב.א.

חיים איז עלטער געווען פון מיר מיט זעקס יאָר. ער איז געווען א באַ־חנטער, מיט גרויסע, שוואַרצע, ליכטיקע אויגן, מיט א הייכן לויטערן שטערן און ארום די דינע ליפּן האָט זיך אַלעמאָל געקרייזט ווי עפּעס א געהיימער ווייטער שמייכל. א פאַרשטילטער, אַלעמאָל אָן אָפּגעזונדערטער ערגעץ אין אַ ווינקל, מיט אַ ספר אין האַנט, לערנט, שרייבט, אָדער נעמט זיך גאָר צו־רעכטמאַכן עפּעס א צובראָכן שטוב־כלי, נאָר אַלעמאָל פארנומען, קיינמאָל ניט אָן עפּעס אַ באַשעפטיקונג. אין בית־מדרש פאַרברענגט ער זיינע טעג, מיט שטיקער נעכט ווי אַ צוגאָב. חברים האָבן אים ליב, ווייל ער איז אַ שטילער ליבער חבר; דער ראש־הישיבה איז פאַר אים אַנטציקט און מאַכט אים באַ־רימט ווי דער עילוי פון שטעטל. צו מיר באַציט ער זיך אי ווי אַן עלטערער ברודער, אָבער בעיקר ווי אַ האַרציקער חבר. מיין דרך ארץ פאַר אים איז גרויס. עפּעס א קליינינקייט, לערנט ער דאָך שוין ווי א גרויסער און אַלע האַלטן אים פאַר אַ דערוואַקסענעם. נאָר ער רופט מיך אלעמאָל גוט־חבריש צו, מאַכט ניט קיין וועזן פון זיין עלטערקייט.

שבת און יום־טוב שטייט אין בית־מדרש הינטער מיר, ווייזט אָן מיטן פינגער די תפילות אין סידור אָדער מחזור און הערט זיך איין צו מיין זאָגן.

מאַך איך א גרייז, לייג ניט ריכטיק אויס אַ וואָרט — מאַכט ער מיר צורעכט און כ׳דארף איבערחזרן דאָס געזאָגטע.

אין איין טאָג איז חיים געקומען אַהיים מיט א שווערן קאַסטן אויף זיך. פון די ברעטער וועט עס ווערן דער גרינער קעסטל, וואָס וועט אים, און שפּע־טער אויך מיך, באַגלייטן אין אַלע וואָגל־וועגן צו תורה, און ביז דער ווייטער אַפריקע וועט זיך דער קאַסטן דערקלייבן. אויף די קאַסטן־ברעטער זיינען דאָ עפּעס לאַטיינישע בוכשטאַבן. חיים באמיט זיך זיי אראָפּקראַצן, כדי זיין טשעמאָדאַן זאָל זיין אָן פלעקן. און אז ס׳געלינגט אים ניט, דרייט ער איבער די ברעטער. אינעווייניק ווערן די בוכשטאַבן פאַרקלעפּט מיט פּאַפּיר, די אָפּגע־מאָסטענע און צעשניטענע ברעטער ווערן ווידער צוזאַמענגעהאַפּטן, אָנגע־האַנגען מיט זאַוויעסעס און א שלעסל. שוין ווערט ער אָנגעפּילט מיטן גאַנצן פאַרמעגן פון אַ ישיבה־מאַן: תפילין, ציצית, ספרים, אַ שבתדיקן אויבער־בגד, עטלעכע פּאָר וועש און חיים איז גרייט אין וועג.

אַ פּאָר יאָר זיינען אזוי אוועק אין לערנען, אין פאַרשיידענע ישיבות. אלע ערב פּסח און ערב ימים נוראים קומט חיים אַהיים, פאַרברענגען די ימים־טובים. און די דאָזיקע טעג זיינען די פרייידיקסטע אין מיין יונגן לעבן. די פינף חדשים ווען ער איז ניטאָ פעלט ער מיך יעדן טאָג. צייל איך די וואָכן, חדשים, פון טאָג צו טאָג, ביז כ׳לויף אים אַנטקעגן מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס, כאַפּ אים ארום אין ליבשאַפט און צו מיין פרייד איז ניטאָ קיין גלייכן. גייען אָבער אוועק א פּאָר טעג, אָנגעפרייט זיך, דערזע איך ערשט איצט זיין אויסגעבלייכטן פּנים, זיינע טיף אין די לעכער פאַרזעצטע אויגן, דעם זיך שוין בויגנדיקן רוקן און מיין קינדערשע האַרץ ווערט טרויעריק, וואָס מיין ברודער איז אַזאַ שוואַכער. אין אונדזער בעקערשטוב איז ברויט און חלה דאָ צוזאַט, פּאַלט מיך גאָרניט איין, אז דער ברודער הונגערט דאָרט אין דער פרעמד; דער געדאַנק פון א צען יאָריקן שטעטל קינד דערגייט ניט און ווייס נאָך ניט דעם מענטשלעכן קאַמף פאַר ברויט, אז ערגעץ ווו זיינען אויך דאָ ברויט־הונגעריקע, און אז מיין ברודער איז איינער פון זיי. זעט אָבער דער ברודער מיין צעטומלונג רופט ער מיך צו זיך, נעמט מיך אריין צווישן זיינע מאָגערע קני, פּירט מיט זיין צאַרט האַנט איבער מיין פּנים און באַרואיקט מיין געמיט.

די ימים־נוראים, מיט זייער שרעק און צעטומלונג, וואָס זיי אָטעמען אָן אין יידישע הערצער, פאַרגייען שנעל. נאָר ווי אריבער דער יום־כפּור ווערט פריי און פריידיק אויף דער נשמה, אין יידנס האַלטונג. ביינאַכט שוין קלאַפּט מען דעם ערשטן פלאָקן פאַר דער סוכה אריין און עס פאַנגט זיך אָן א וואָך פון פרייד. מיין ברודער איז דער סוכה בוי־מייסטער און איך זיין טרייער געהילף אין אַלץ. אָט דערלאַנג איך אים צו אַ ברעט, אַ שטיקל סכך און קאָלירטן פּאַפּיר, אויף אויספּוצן די סוכה. נאָר אין די יום־טוב טעג אליין זע

איך אים ווייניק. וואָרום ווי נאָר אָפּגעגעסן איז ער שוין אין בית־מדרש, ביי זיין לערנען, צוזאַמען מיט זיינע חברים, וואָס זיינען אויך געקומען פון ישיבות, אזוי ווי ער.

באַלד נאָך סוכות פאַלט צו דער האַרבסט. דער הימל פאַרגייט זיך אין רעגנס, דאָס שטעטל ווערט פאַרטונקט אין בלאָטע. די ישיבה־בחורים כאַפּן זיך אוועק פון שטעטל, מיט די ערשטע נאָך יום־טובדיקע בוידן, וואָס לאָזן זיך אוועק איבער בלאָטיקע וועגן, צו די דערבייאיקע שטעט. אין פינף חדשים ארום, מיטן אָנקום פון פרילינג, וועלן די בחורים צוריקקומען. געזעגנט מען זיך מיט זיי אומצופרידן, אומעטיקלעך, גאַנצע פינף חדשים וועט מען מוזן וואַרטן אויף זייער צוריקקום.

* * *

דאָס יאָר איז דער ברודער אַוועק אין א נייער שטאָט, אין א נייער ישיבה.

די פור האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אַן אכסניה אין דער שטאָט ק. א יונ־גער זיבעצן יאָריקער בחור איז אראָפּגעשפּרונגען פון פור, אריבערגעפירט מיטן האַנט־פּלאַך איבער די אויגן, וואָס האָבן זיך פאַרבלענדט פון דער פּלוצ־לונגדיקער ליכט, נאָכן אָפּפאָרן שטונדן אין דער בויד. באַלד נאָך אים גליצט זיך ארויס זיין גרינער קעסטל, פאַר וועלכן ער זוכט אַן אָרט ווו איבערצולאָזן, זיך פאַרנעמענדיק אליין אין בית־מדרש אריין. אין בית־מדרש טרעפט מען שוין חברים, מיט וועלכע מען האָט צוזאַמען געלערנט אין אַנדערע ישיבות. באַלד נאָך שחרית לאָזט מען זיך אַוועק זוכן א קוואַרטיר (שלאָף־אָרט). נאָך אַ טאָג מי און מאַטערניש איז חיים צוריקגעקומען אין בית־מדרש. קיין קוואַר־טיר ניט געקראָגן. קיין „טעג" איך נאָך געוויס ניטאָ. וואַרט מען איבער מעריב, און אז דער עולם דאַוונער צעגייט זיך אַהיים, בייסט מען צו, וואָס די מאַמע האָט נאָך מיטגעגעבן אין קעסטל אריין, — א שטיקל ברויט מיט האַרטן קעז, מען פארטרינקט וואַסער פון האַנט־פאַס, וואָס שטייט ביים בית־מדרש אריינגאַנג און מען גרייט זיך צו דאָס שלאָפן אויפן האַרטן באַנק.

אויף מאָרגן האָט חיים געקראָגן אַ דירה. ווייט פון בית־מדרש, אין אַן אָרעמער פאַרשטאָט.

די בעל־הביתטע, אַן אלמנה, שטייט אויף מיט טאָג־אויפשפּראָץ, רייסט ארויס די קינדער פון וואַרעמען שלאָף, טוט זיי אָן און פירט זיי אוועק אין דער שטאָטישער תלמוד־תורה. אליין לאָזט זי זיך אַוועק איבער די הייזער, מיט צוויי גרויסע קערב פּרוכט אויף די אָרעמס, וואָס רייסן אַראָפּ אירע פּליי־צעס, בויגן איר צו דער ערד. מיטן צופאַל פון אָונט נעמט זי אָפּ די קינדער פון תלמוד־תורה, ערשט איצט ווערט זי אַ מאַמע צו זיי. הייצט איין דעם אויוון, קאָכט אָפּ אַ וואַרעמס, דערוואַרעמט זיי און זיך.

אָט דאָ לעבט עס חיים, אין אַן אַלקער, וואָס צווייגט זיך אָפּ פון אָרעמען שטיבל. זיין האָלץ־בעטל, אָנגעלייגט מיט איבערלעגענעם שטרוי, איז פאַר־דעקט מיט אַ ליילעך, געוואַשענעם פון מאַמעס הענט.

ווי אַלע ישיבה־בחורים עסט אויך חיים „טעג". די „טעג" זיינען צע־שפּרייט איבערן גאַנצן שטאָט. קומט אים אָפּט אויס צו גיין דריי מאָל אין טאָג א מהלך רב. אין דרויסן שניידט די קעלט, פאַרלערנט זיך אָפּט חיים אין די אָוונטן, פאַרטיפט זיך אין דער גמרא, פאַרזינגט מיט זיסן גמרא־ניגון דעם הונגער, אַבי ניט דאַרפן גיין אין דער קעלט עסן דעם אָוונטברויט ביים „טאָג".

חיים איז א מתמיד, לערנט ביז א שטיק אין דער נאַכט אריין. און קומט ער שוין אַהיים, לייגט זיך אָפּרוען, איז ערשט איצט די צייט פאַר א בוך, וואָרום די השכלה האָט זיך שוין אדורכגעשלאָגן אַ וועג אין די ישיבות. אמת, מען לייענט נאָך געהיים, אָן וויסן פון די ראשי־הישיבה, אָבער מען לייענט; מען איז אַנטציקט פון די נביאים, מען דיסקוטירט מיט סמאָלענסקין, מען האָט הנאה פון מענדעלען. אין א פרייער שעה לערנט מען אויך רוסיש. די האַמעטנע גראַמאַטיק לייגט זיך שווער אויפן יידישן צונג, און דער עיקר אז ס'איז קיין ברעקל פלפול נישטאָ אין דעם, קיין שטיקל גמראדיקע שאַרפקייט; לערן, שלאָג אין קאָפּ אריין טרוקענע כללים, אָט ווי מען האַקט האָלץ. קענען וויל מען עס אָבער פאָרט — לערנט מען. שרייבט מען די בוכשטאַבן אויף אַן אָנגעהויכטער שויב, מען ציקלט אויס די אותיות אין א „טעטראַד" (העפט), ווי מען וואָלט געצויגן פערל אויף א שנור: זאָלן גוים זען וואָס א גמרא־קאָפּ קען...

* * *

היינטיקס יאָר איז דער ווינטער צוגעפאלן פריער ווי אָפּט. קאלטע ווינטן האָבן געבלאָזן און דער פראָסט איז געווען גרויס. יעדער איינער האָט עס געפילט אין זיינע ביינער. עס איז געווען א נאַכט פון חושך ואפלה. דער שניי איז אָנגעפאלן הויך און געדיכט, אָן אויפהער און צוגעדעקט אלץ: די וועגן, די שטעגן, די גריבער, ווי זיי וואָלטן אָפּגעווישט געוואָרן פון דער ערד. אין פיל ערטער האָט דער שניי דערגרייכט צו איבער פינף פוס. חיים גייט אליין. די גאסן פוסט, מען זעט קיין לעבעדיקן נפש ניט. אלץ ארום איז שטיל, נאָר דער פייפן פון די ווינטן הערט זיך. ער ווייס ניט אויב ער גייט אויף דעם רעכטן וועג און א שרעק און א ציטער נעמט אים ארום. ער איילט זיך צו גיין, אָבער דער פייכטער שניי קלעפּט זיך אלץ מער און מער צו די שיך־זיילן, און מאַכן זיינע פיס שווער ווי בליי און פארהאלטן זיין גאַנג. ער פאלט אין א גרוב. מיט גרויסע שוועריקייטן און פיל אָנשטרענגונגען קריכט ער ארויס פון איר. א שטראָם פון היץ און קעלט לויפט דורך זיין קערפּער און ער ציטערט. א קאל-

טער שוויס באגיסט זיין פּנים, זיינע טריט ווערן אַלץ לאַנגזאַמער, און קוים וואָס ער דערקריכט צו זיין היים.

דער חדר איז קאַלט און פינצטער. דער קליינער לעמפּל וואָס רויכערט, וואַרפט אַ טונקעלן ליכט אַרום זיך. דער פייפן פון ווינט אין קוימען און דאָס כראָפּען פון די שלאָפערס אין צווייטן חדר הערט זיך צוזאַמען. מיד, אויסגעמאַטערט, אָן כּוחות פאַלט ער אויפן בעטל. זיין האַרץ גייט אַרויף און אַראָפּ און שלאָגט שטאַרקער ווי שטענדיק. זיין אָטעם ווערט שווערער. אין האַלדז דערקייקלט זיך אַ הוסט וואָס האָט קיין כּוח ניט אַרויסצוגיין. אַ גלאָז וואַרעמע טיי וואָלט אים איצט מחיה געווען, אָבער ווער וועט עס אים געבן. נאָכן ליגן אַ פערטל שעה שטייט ער אויף לאַנגזאַם, טוט אויס זיינע קליידער, ציט אַראָפּ זיינע שיך, פאַרדעקט זיך מיט די קאָלדרע, פאַרשפּרייט זיין מאַנטל אויף זיינע פאַרפראָרענע פיס. ער וויל דערוואַרעמען די גלידער, פאַרטרייבן די מחשבות, וועלכע פּלאָנטערן זיך אין קאָפּ, איינשלאָפן. נאָר דער שלאָף קומט ניט, ער וואַרפט זיך אַרום פון איין זייט אויף דער צווייטער ביז דעם גרויען פרימאָרגן. ווען די וואַסער טרעגערין, ווי שטענדיק, יעדן טאָג קלאַפּט אָן אין טיר, גייט ער אַראָפּ פון געלעגער, עפנט די טיר און וואַרט, אין איין העמדל אויף זיין קערפּער מיט באָרוועסע פיס אויף די נאַסע קאַלטע שטיינער, ביז די וואַסער טרעגערקע ליידיקט אויס אירע עמערס אין טון אַריין. דער פרימאָרגן קאַלטער ווינט בלאָזט אויף זיין וואַרעמען קערפּער, און מיט קלאַפּנדע ציינער און אַ ציטערדיקן קערפּער פון קעלט גייט ער צוריק צו זיין געלעגער.

אַלעמאָל גייט חיים שוין אַוועק אין דער צייט אין בית־מדרש אַריין. היינט איז ער צוריקגעגאַנגען צום בעטל, זיך געלייגט, פּרובירט נאָך איינשלאָפן און ניט געקענט. ער הערט ווי די בעל־הביתטע הייבט זיך אויף, וועקט די קינדער, מאַכט ער זיך ווי ער וואָלט היינט פאַרשפּעטיקט, ווי שלאָפנדיק, ווייל איר ניט אַריינרופן, שטערן פון איר אַרבעט, טאָן שאָדן איר אָרמע פאַרדינסט. שפּעטער הייבט זיך חיים מיט די לעצטע קרעפטן פון בעטל: ער וועט גיין אין בית־מדרש, דאָרטן איז דאָ אַ וואַרעמער אויוון און אויך מענטשן, חברים, וואָס וועט ער דאָ ליגן אין קעלט אַליין. טאָמער ווערט אים שלעכט, פאַלט אין חלשות וועט דאָך אפילו קיינער ניט זיין דערביי אים אָפּצומינטערן.

וואָס אַ טריט ווייטער פילט זיך חיים אַלץ ערגער. ער גייט לאַנגזאַם, טריט ביי טריט, מוז אַלע ווײַלע אָפּכאַפּן דעם אָטעם. נאָר פּלוצלונג דערפילט ער אַ שטאָך אין ברוסט. ער קלעמט איר צענויף מיט די הענט, האַלט איר שטאַרקער, ווי ער וואָלט געפילט אַז אָט, אָט וועט זי צעשפּרונגען ווערן. אין דער זעלבער רגע מוז ער אָבער שוין איין האַנט באַפרייען פון ברוסט־קאַסטן, איר אונטערטראָגן צו די ליפּן, גאָר אָפּווישן אַ געזאַלצנקייט, וואָס האָט פּלוצלונג אָנגעפאַנגען אים שפּאַרן פון האַלדז — בלוט.

די חברים אין בית־מדרש האָבן אים דערזען און זיך דערשראָקן. חיים האָט זיי פּרובירט באַרואיקן: אַ פאַרקילונג, ער וועט זיך דאָ ביים אויוון אַדורכ־וואַרעמען און עס וועט איבערגיין.

מיטן רוקן צוגעשפּאַרט צום אויוון, די קאָפּ פאַרוואָרפן אויפן שטענדער איז חיים אדורכגעזעסן דעם טאָג. אָט פּרובירט ער ווידער און ווידער אריינ־קוקן אין דער גמרא, נאָר די אויגן דינען אים ניט. עפּעס לויפן די אותיות אין צעטומלונג, ביז זיי גיסן זיך צוזאַמען ווי איין שטיק שוואַרצקייט.

מיטאָג צייט האָבן די חברים אים געבראַכט זופּ, וויסן ברויט. חיים האָט עפּעס טועם געווען. פאַרנאַכט האָט ער זיך ארויסגעשאַרט פון בית־מדרש, ניט געוועלט קיינעם באַמיען אים צו באַגלייטן. טריט ביי טריט האָט זיך חיים געשאַרט אהיים, זיך געהאַלטן ביי די ווענט, געשטאַלפּערט מיט פאַר־שטייפטע פיס, אויסגעשפּיגן אָפּט דאָס געזאלצן־זויערע פון מויל, איבערלאָזנ־דיק קליינע בלוט־פלעקן אויפן ווייסן שניי.

די בעל־הביתטע האָט א פרעג געטאָן: „וואָס אזוי פרי היינט״, נאָר גלייך פארכאפּט איר פראַגע, חיימס פּנים האָט שוין געענטפערט. זי האָט באַלד אים אונטערגעטראָגן אַ גלאָז טיי, איינגעדעקט און געווונטשן אַ רפואה שלמה.

חיים האָט זיך ווידער געדרייט אויפן געלעגער. די שטעכעניש אין ברוסט האָט ניט אָפּגעלאָזן, שטאַרקער געוואָרן, דער הוסט האָט געדריקט זיך פון די לונגען צום האלדז ארויף, מיט לייכעטש, מיט בלוט טראָפּנס. פּלוצלונג איז אים דאָס האלדז פארנומען געוואָרן, ווי אַ פּאָר הענט וואָלטן אים ארומ־געכאַפּט צו שטיקן. חיים האָט זיך אונטערגעהייבן, געוואָלט אָפּטאָן פון זיך די משא, א געשריי געטאָן און געחלשט.

באַגינען ערשט האָט די בעל־הביתטע אים געפונען ליגן אָן באַוועגונג, ווען אלץ ארום איז פארפלעקט אין בלוט. אויף אירע משונהדיקע גוואַלדן זיי־נען זיך צונויפגעלאָפן שכנים, געפרעגט וואָס ס'איז געשען, נאָר זי צאַפּלט אין אַנגסטן, וואַרפט מיט הענט און פיס, שרייט ווי באַנומען: טויט, בלוט, בלוט, טויט, ביז עמעץ האָט געטאָן א מאַך אויף די טירל צום אַלקער. פאַרציטערטע האָבן זיך געשטופּט די מענטשן, אַנגעקוקט דאָס שרעקלעכע בילד: פאַרגלאָצ־טע אויגן שטאַרצן פון א טויטן פּנים, ווען אלץ ארום אים איז רויט פון פאַר־טריקנט בלוט. דאָך, עמעצער האָט פּרובירט: אָנגעפּאַנגען טראָפּן אויפן ליגנדיקן קאַלט וואַסער. חיים האָט לאַנגזאַם געעפנט די אויגן.

דער דאָקטאָר האָט באַזיכטיקט דעם קראַנקן, פאַרשריבן מעדיצין. די אומגליקלעכע פּאַסירונג האָט זיך א טראָג געטאָן איבערן שטאָט. באַלד איז געקומען דער רב, אוועק אין א ווינקל מיטן דאָקטאָר, זיך גע'עצהט און באַ־

שלאָסן: וויבאַלד די היים־שטעטל איז ניט וויט און די קראַנקייט אַ לאַנגע און געפערלעכע, זאָל מען תיכף שיקן רופן די משפּחה, וואָס זאָלן אים נעמען אַהיים.

* * *

אין אַ מיטן חנוכּה־טאָג האָב איך פאַרלאָזן דעם חדר, צו גיין עסן מיטאָג. די גאַסן זיינען געווען ליידיק. אויפן מאַרק־פּלאַץ נאָר זיינען געשטאַנען פאַרוויקלטע פרויען ביי זייערע איבערגעפראָרענע עפּל און אַנדערע עסנווארג, מיט וועלכע זיי האָבן דאָ געהאַנדלט. די פרויען האָבן זיך אָפּט באַוועגט פון איין פוס אויף דער צווייטער, געשטרעקט די הענט איבער פייער־טעפּ, זיך פּרובירט דערוואַרעמען. די קרעמל־טירן זיינען נאָר האַלב געווען אָפן. ניט קיין מאַרק־טאָג, דאַרף מען ניט עפענען די גאַנצע טיר און קאַלט איז עס אויך. די ווינטער־לופט איז שאַרף, קיצלט אין די ניט באַדעקטע גלידער. שטיל אַרום. און נאָר ווען־ניט־ווען שלאָגט איבער די שטילקייט אַ געקראַקעריי פון פליענדיקע ראָבן, וואָס לאָזן זיך אויסגעהונגערטע אַראָפּ אויף די פאַרפראָרענע מיסטקאַסטנס. די קינדער לויפן פון חדר מיט געטומל. די גרויסע קוקן זיי נאָך. טראַכטן געוויס וועגן זייער אייגענע קינדער־יאָרן, וואָס זיינען אַזוי שנעל פאַרלאָפן.

אַריינגעקומען אין שטוב, האָב איך באַלד דערקענט אַז עפּעס אַן אומגליק איז געשען. די מאַמע איז געזעסן אין אַ ווינקל, די הענט פאַרלייגט און די אויגן רויט פון געוויין, בשעת אַלע ווילע ציטערט אַרויס אַ טיפער קרעכץ פון איר האַרץ. דער טאַטע זיצט ביים טיש, דער קאָפּ פאַרלייגט אויף די הענט און זיין פּנים ווייס. די קלענערע ברידערלעך זיינען פאַררוקט אויפן גרויסן בעקער־אויוון, פאַרשטילטע, גאַרניט ווי זייער שטייגער איז. עס האָט מיר געפעלט קוראַזש צו פרעגן וואָס ס'איז געשען, וואָרום אין שטוב האָבן אַלע געשוויגן און ס'האָט אויסגעזען אַזוי ווי אַלע וואָלטן שוין געדאַרפט וויסן אָן פרעגן אַלץ וואָס ס'איז פאַרגעקומען. איך האָב געוואַנדערט דורך די צימערן, געזוכט די שוועסטער, אָבער ניט געפונען זי. איך בין אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. די טיר האָט זיך געעפנט און אַ שכנה איז אַריינגעקומען, מיך אָנגענומען פאַרן האַנט, געוווישט די טרערן, אַריינגענומען צו זיך, מיטן צוזאָג אַז זי וועט מיך אַלץ דערציילן. אין שטוב אָבער האָט זי מיר געשטעלט עסן, אַלץ גערעדט אַז איך דאַרף ניט וויינען, עסן זאָל איך, וואָרום ס'וועט זיך נאָך אויסלאָזן גוט. דאָס עסן איז מיר אָבער ניט איינגעגאַנגען און איך בין צוגעשטאַנען צו איר און געפּאָדערט, זי זאָל מיר אויסזאָגן וואָס ס'איז געשען. זיך דערוווּסט, בין איך ערשט איצט אַרויס אין אמתן געוויין. עס איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס כ'האָב געוויינט צוליב אַ מענטשנ'ס קראַנק זיין. די מאַמע איז אַריינגעקומען, מיך איינגענומען, פּרובירט באַרויקן.

פון איצט האָט זיך צעלייגט אין שטוב עפּעס אזא רואיקייט, ווי דער טויט וואָלט שוין דאָ געפּאַכעט. קיין וואָרט, קיין געדויש, די קינדער ליגן פארשטילטע, ארייגעדרייטע אין זיך, נאָר די מאַמע רייסט אדורך אָפּט די שטילקייט מיט אַן אַלץ ארומנעמענדיקן קרעכץ. די קינדער ליגן אין די בעטן, וווּ די מאַמע האָט פונאנדערגעלייגט הייסע פלאַשן וואסער, קוקן פארטייעטע אריבער דער דעקע, זעען ווי דער טאַטע דרייט זיך איבערן שטוב, געפינט זיך ניט קיין אָרט, גייט אלע וויילע ארויס און קערט זיך באַלד צוריק אין שטוב. די מאַמע בעט זיך איך זאָל אויך גיין שלאָפן, נאָר איך ליג א פארשטילטער אין טרערן און ענטפער ניט.

אין שטעטל איז איצט שטיל. די לאָדנס פון די הייזער פאַרמאַכט. אין גאַס איז פינצטער און א שניי־רעגן קלאַפּט מאָנאָטאָן איבערן דאַך. פּלוצלונג דערטראָגט זיך גלעקל־געקלאַנג. פייל פון בויגן בין איך אין דרויסן און ארום מיר טאַטע־מאמע און באַלד אויך א געזעמל פון מענטשן. איך וויל צולויפן צו חיים׳ן, פלאָנטער זיך אונטער מענטשלעכע פיס. נאָר אָט דערזע איך ווי מען טראָגט אים אַן איינגעוויקלטן אין קישנס. דאָס טראָגן אים און די אַלגע־מיינע שטילקייט שוידערט מיך אויף און איך טרעט אָפּ אויף צוריק.

דער דאָקטאָר האָט אָנגעזאָגט קיינעם ניט צולאָזן. נאָר טאַטע־מאַמע גייען אלע וויילע ארויס פון זיין צימער, ווייגען זיך אויס, ווישן אויס די טרערן און גייען צוריק אריין. ביז זיי קומען ארויס צוזאַמען: חיים שלאָפט.

דאָקטוירים קומען פון גאַנצן קרייז, פארשרייבן מעדיצין און מאַכן שווער דאָס האַרץ פון די עלטערן. זיי זאָגן אָפן: ניטאָ קיין האָפענונג.

אונדז, קינדער, האָט מען ניט געלאָזן זיך דערנענטערן צו אים. א ניי וואָרט האָט זיך איינגעבירגערט אין אונדזער הויז: טשעכאָטע. מען זאָגט עס ניט הייך, קוים וואָס ווער ברענגט עס איבער די ליפּן אריבער. אָבער צוגיין צום קראַנקן לאָזט מען אונדז ניט, מען זאָגט ס׳איז אָנשטעקיק, דערוויסן מיר זיך שוין באַלד אליין וואָס פארא סאָרט קראַנקייט ס׳איז. אָבער ווי נאָר ס׳מאַכט זיך א געלעגנהייט, אז קיינער זעט ניט, זיינען מיר באַלד ביים קראַנקן. חיים קוקט אויף אונדז מיט וואַרעמע אויגן, כאָטש אָנרירן, ווי אַמאָל, רירט ער אונדז ניט אָן.

פּאַסירט אַמאָל ס׳ווערט אים לייכטער, קריכט ער ארויס פון בעט, שפּאַרט זיך אָן אויף טאַנטס אָרעם און דערגייט צום טיש. בכלל טראָגט חיים זיין קראַנקייט מיט פארשטילטער סבלנות. אויף דער פראַגע ווי ער שפּירט זיך, ענטפערט ער אַלעמאָל אז לייכטער, ס׳איז אים בעסער.

עס איז געקומען פּסח. צום ערשטן סדר האָט ער אויסדריקלעך פאַר־לאַנגט צו זיצן ביים סדר־טיש. טאַטע האָט נאָכגעגעבן. חיים האָט געזאָגט די הגדה מיט א שטיל קול און אָפּט האָבן זיך נאָר די ליפּן קוים באַוועגט. זיין

פּנים איז געווען בלוטלאָז און געהאַט יענע ווונדערלעכע בלאַסקייט, וואָס נאָר ביי אזעלכע קראַנקע זעט מען עס.

דעם ערשטן טאָג חול המועד פּסח. די פרילינג־זון האָט אריינגעשיינט. די שטעטל־געסלעך זיינען נאָך פייכט געווען, אָבער די בלאָטע איז שוין געווען אָפּגעטריקנט. גרינע גרעזעלעך האָבן זיך ווי פארשעמטע געהייבן פון דער ערד, מיט ניי געבורט, צום זומערדיקן לעבן. חיים האָט עס שוין ניט געזען, אין די ערשטע באַגינען שעה׳ן האָט ער אויסגעהויכט זיין לויטערע נשמה.

די לויה איז געווען אויף מאָרגן. דאָס שטעטל האָט אים באקלאָגט. כאָטש יום־טוב, דאָך האָט מען אים שטאַרק מספּיד געווען.

צום ערשטן מאָל האָב איך, דער צען־יאָריקער, דערפילט די נאָענטע באַרירונג מיטן טויט. דערפילט און איינגעזאפּט אין זיך די איינדרוקן און זיי זיינען פארבליבן ביי מיר אומפארגעסלעך.

3 יאָר שפּעטער האָב איך גענומען חיים׳ס גרין קעסטל און זיך אוועק־געלאָזן אין דער קליינער ליטע־וועלט, דורך וואָגל, הונגער און קעלט — אין דאָרשט נאָך די קוואלן פון תורה און וויסן — ווי מיין ליבער ברודער חיים!

# נר נשמה לאחי חיים ז״ל, שנדפס ב„נרות שבת״, ירושלים, קונטרס קכ״ד

הרושם הגדול והחזק ביותר שנחרת בזכרוני מימי ילדותי הוא — מחלתו ומותו של אחי יקירי, חיים, שנקטף בדמי ימיו, בשנת השבע־עשרה לחייו. דומה היה עלינו כאילו כוכב נפל ארצה והאופל אפפנו. את כל תקוותינו בעתידו המזהיר ואת כל הגדולות והנצורות אשר נבאו לו מוריו ורבותיו, עשה המות האכזרי לאל. לפתע נשאר חלל ריק בלבנו אשר לעולם לא נוכל למלאותו. אותם ימים קודרים שמורים בלבי ובמוחי, וחמישים השנים שעברו מאז לא מחו אותם, רישומם עוד חדש עמנו וישאר עד יומי האחרון.

כמו חיה נצבת לפני דמות אחי — שהיה גדול ממני בשש שנים — חן ואצילות היו נסוכים על פניו החורות. עיניו היו גדולות, שחורות ומבריקות, מצחו רחב ועל פיו שכנה בת צחוק, שתקן היה ונחבא על הכלים. תמיד היה חבוי בפנה נדחת, יושב וקורא בספר, כותב או מתקן איזה כלי־בית שנתקלקל, שכן היה חרוץ־כפים מאין כמוהו, תמיד היה עסוק במשהו ומעולם לא הלך בטל. כל הימים ולרבות הלילות היה יושב בבית המדרש כשהוא לומד וחוזר על „השעור״ של היום ב„ישיבה״ או מתווכח ומתפלפל עם חבריו. חביב היה על הכל ובפרט על „ראש הישיבה״ שהיה מתפאר בו וחשבו לאחד הבחורים המצויינים שבכתתו והכתירו בתואר „עלוי״. לי היה מראה תמיד פנים שוחקות ומקבלני באהבה ובאחוה וכשראה אותי עומד מרחוק ומתירא לגשת אליו, היה מראה ומסביר לי את אשר הוא עושה.

בשבתות ובימים טובים הלכנו שנינו יחד לבית המדרש להתפלל. הוא היה עומד מאחורי ומראה לי ב„סידור״ או ב„מחזור״ את התפילות אשר עלי להתפלל, ומאזין יפה לעברית שלי, ואם הייתי שוגה ומבטא איזה מלה שלא כהוגן אזי תיקן לי את מבטאי ועלי היה לחזור על המלה מחדש כפי שתיקן.

וזכורני כי באחד הימים בא הביתה ותיבה עמוסה על שכמו. הוא רצה להתקינה ולהפכה לארגז שיכיל את מטלטליו. על צד אחד של התיבה היו חרותים ראשי תבות בלטינית, הוא חפץ להסירן, כי נפשו היפה סלדה בכל דבר

כיעור. אך מקצע לגרד את האותיות לא היה לו, לכן הפך את הדופן שהיו עליו האותיות וצפהו בניר צבעונין, קבע צירים בתוכו ותלה מנעול על גבו, קבע שתי ידיות בשני צדי הארגז וצבע אותו בצבע ירוק. בארגז היה טמון כל רכושו: בגדי השבת, כותנות אחדות, פוזמקאות, עניבות וכדומה, ספרי קודש וחול, והתפילין והציציות שלו. אותו הארגז לוה אותו לכל אכסניה של תורה שגלה לשם.

פעמיים בשנה אחרי פסח וסוכות היה נוסע ל„ישיבות" שונות, וכשבו־עים לפני חג וחג היה שב הביתה לחוג ולשמוח אתנו, ולהחליף את כוחותיו כדי להמשיך בחיי הצער והמחסור שנכונו לו בחמשת החדשים הבאים. הפרידה ממנו גרמה לנו תמיד צער והיינו נשארים נבוכים ומבולבלים. הרגשתי מאד בחסרונו, והימים היו נראים לי ארוכים כל כך. וכשימי החגים היו ממשמשים ובאים חכיתי בקוצר רוח לבואו, וכשראיתי פנים אל פנים נתמלאתי שמחה, רצתי בזרועות פתוחות לקבל את פניו, לחצתיו אל לבי, חבקתיו ונשקתיו ולאשרי לא היה קץ. אפס לאחר שהייתי מתבונן בו ורואה את פניו העגומות, לחייו הצנומות עיניו המעורפלות וגוו הכחוש — היה נופל לבי עלי ושמחתי נגוזה, הרגשתי שמשהו איננו כשורה אתו ואותה שעה מנצנצת מחשבה במוחי: אולי חולה הוא? לא עלה על לבי כי אלו הן התוצאות של לחם צר ומים לחץ של רעבון ומחסור, והרי אך עלם בן עשר הייתי אז ואת אכזריות החיים טרם הכרתי ועקבותיה עוד לא נודעו לי. גודלתי בבית שלחם ועוגות, חלות וכל מיני מאפה היו מפוזרים על השולחנות ערמות, ולא יכלתי לשער כי ישנם בני־אדם שחסר להם לחם ותקצר ידם להשביע את רעבונם. אחי היה מרגיש במבוכתי ולוקחני בין ברכיו, מלטף בידיו הרכות את ראשי, מדבר אלי רכות וזה היה מרגיע את רוחי, ומנוחת נפשי שבה אלי.

הימים הנוראים על כל המבוכה שהטילו בקרבנו והפחדים המביאים ללבב כל אחד ואחד ובפרט ללבות הילדים, שהצחוק והצהלה אסורים אז להם יעברו ויחלפו. ו„זמן שמחתנו" יבוא. הייתי עוזר לאחי בהקמת הסוכה, בכסוי של הסכך ובתלית שטיחים ופרחים, לבי הרך והצעיר נתמלא שמחה ועליצות על כל גדותיו.

במשך החג ראיתי את אחי אך לעתים נדירות, בסעודת הצהרים וה־ערב, כי יתר העת היה מבלה בחברת חבריו בטיולים ובאספות שונות. אבל באותה שנה הקדים הסתיו לבוא, בשלהי החג כבר התקדרו השמים וירדו גש־מים בלי הפוגות, האויר נעשה צונן וההליכה בחוץ היתה בלתי נעימה, אחי היה נאלץ להשאר בבית פנימה. הימים ההם היו היותר מאושרים בילדותי, הייתי תמיד במחיצתו והתענגתי לשבת למולו ולהביט בפניו היפות ולהתבונן לכל תנועה ותנועה שלו ולהקשיב למוצא פיו, דבריו היו כמים חיים לצמא, כי גדול היה קסם שפתיו.

אבל, אהה, הימים המאושרים האלה חיש נגוזו ועברו ויום הפרידה בא. ואף על פי שכבר הסכנתי לפרידות נוגות כאלה, והדבר לא היה לי חדש, ובכל פעם ופעם הייתי נשאר נבוך ועצוב, אפס הפעם הזאת היתה הפרידה ממנו קשה עלי ביותר, לבי נבא לי כי יתרחש דבר נורא ואיום, הרגשתי שאסון אורב לנו, נלחצתי אליו וחבקנו איש את רעהו ובנשיקות ממושוכות ובעניים זולגות דמעות נפרדנו.

* * *

עגלה רתומה לשני סוסים נתקרבה ועמדה ליד בית המלון של ב. בעיר ק. וממנה קפץ ארצה בחור צעיר כבן שבע־עשרה, הוא עמד רגע דומם, העביר את ידיו על עיניו, קמט את מצחו, חשב מה לעשות לארגזו, עוד אין לו מקום לינה, ולהשאירו בעגלה חושש היה שמא יגנבו אותו, ובעל העגלה גם לא נאות לזה משום שעליו להטעין כמה סחורות מבתי מסחר שונים, והארגז יהיה לו למכשול. להכניס את הארגז לבית־המדרש התבייש הבחור כיון שהשעה היתה שעת תפילת שחרית, וקהל מתפללים גדול שם. שאין לו ברירה אחרת כי אם לבקש מבעל המלון רשות להפקיד אצלו את ארגזו עד אשר ימצא מקום ללון. אולם בישן גדול היה ואסטניס, וקשה היה לו לבקש טובה ממי שהוא, לכן פנה אל בעל העגלה והוא שסדר זאת בשבילו. בבית־המדרש פגש בכמה מחבריו אשר למדו יחד ב„ישיבות" שונות ושאל אותם אם הם יודעים היכן יוכל למצוא מקום לינה. זה אומר ברחוב פלוני וזה אומר במקום אלמוני, כל היום כיתת את רגליו ושוטט בכל העיר, אך עמלו היה לשוא, למקום אחד בא באיחור שעה אחת ובשני שכר החדר היה גדול מכפי יכלתו. עיף ויגע וכמעט באין אונים — כי אוכל לא בא אל פיו כל היום — חזר לפנות־ערב ריקם לבית המדרש. ישב מעט לנוח אבל הרעב התחיל מציק לו. נזכר כי אמו הניחה בארגזו לחם, חמאה וגבינה, אבל נאלץ היה לחכות עד אשר יגמרו תפילת מעריב והקהל יתפזר, שהרי לא יוכל לאכול במעמד אנשים זרים. בעזרת אחד מחבריו הובא הארגז לבית־המדרש והושם מתחת אחד הספסלים בפנה נדחת. אחרי שבחורי הישיבה כבר הלכו איש איש לדירתו נתרוקן בית־המדרש וכבו הנרות, אך פה ושם נשארו „פרושים" אחדים עומדים ליד שטנדראותיהם שנרות של שעוה דבוקים על גבם ולומדים בניגון רווה עצב. רק אז פתח את ארגזו, הוציא לחם וגבינה ואכל. אחר כך הלך אל הכיור והרוה את מצאונו, פשט את בגדיו וחלץ את נעליו, קפל את בגדיו והניחם מתחת לראשו, כסה את עצמו באדרתו ויישן.

למחרת היום הצליח אחר עמל ויגיעה רבה למצוא מקום לינה בשכר מועט, זה היה בירכתי העיר הרחק מבית המדרש, בשכונה שדלת העם גרים בה, הדרך אל מקום מגוריו היתה מלאה בורות וביצות, בעלת הבית שלו היתה אלמנה, אם לשלשה בנים קטנים ומקור מחיתה דל. היא היתה מחזרת מהבוקר עד הערב מבית אל בית כששני סלים גדולים מלאים פירות וירקות בשתי ידיה.

לפני צאתה היתה רוחצת ומלבישה את ילדיה, מאכילתם ומכינה להם מזון לכל היום ולוקחת אותם ל„תלמוד תורה״ ומניחתם שם עד הערב, ובחזרה, כשגמרה את עסקיה היתה מביאה אותם הביתה, מסיקה את התנור, ומבשלת איזה תבשיל בשבילם ואחרי אכלם היתה משכיבה את השלשה במטה אחת ומכסה אותם בסחבות והיתה מתחילה להתכונן לקראת היום הבא.

וזו תבנית החדר והרהיטים הנמצאים בו: בפתחך את דלת הבית אתה נכנס לפרוזדור קטן שאין לו תקרה, הרצפה מרוצפת אבנים קטנות בלתי מסודרות, בפנה ליד הדלת עומדת חבית גדולה מלאה מים ולעומתה סולם מוצב ארצה וראשו מגיע אל הגג, מאחורי הסולם מונחים גזרי עץ להסקה, מהפנה השלישית מזדקרת ערימה של שקים עם שיירי פירות וירקות רקובים המעלים צחנה לנחיריך מיד בהכנסך לבית. בחדר חלון ששמשות אחדות שבורות בו וסתומות הן בסמרטוטים, ליד הקיר מול הדלת עומדת מטה של עץ ועל המשכב העשוי קרשים מונח מזרון של תבן ועליו פרוש סדין לבן ונקי, על הסדין מכסה עבה רפודה צמר גפן. למראשותיה של המטה כר קטן ולמרגלותיה פרושה מגבית נקיה. מתחת למטה עומד הארגז וליד הקיר שבו נמצא החלון עומדת תיבה המשמשת שולחן ועליו פרוש עתון ישן, מלמעלה זיז ועששית על השולחן. בפנה עומדת חבית קטנה לשפיכת מי הרחצה ומלמעלה תלוי קיתון של בדיל. ממול השולחן עומד התנור או יותר נכון הכירים, ועליה מושלכים כלי חרס שונים. קירות עם שיירי תבשיל, כפות ומזלגות, אשר עוד לא נוקו מהארוחה האחרונה, ועוד כמה כלי אוכל. בפנה סמוך לתנור עומד המטאטא ומאחוריו גל אשפה שגרפוהו אבל שכחו להשליכו החוצה, לצד התנור דלת המובילה לחדר של המשפחה והמשמש לכל צרכיה, אכילה רחיצה, שינה וכו׳. בכל בוקר קודם עזבו את דירתו יעשה את מטתו, יטאטא את הרצפה, ינקה את מנעליו, יבריש את בגדיו ואחרי אשר סדר הכל היה מכוון את פעמיו לבית המדרש, ואם בעלת הבית שלו שרויה אז במצב רוח טוב היא נותנת לו כוס של חמין, אבל כזאת יקרה אך לעתים רחוקות. כיתר „בחורי הישיבה״ אכל גם הוא „ימים״, יום יום אצל בעל בית אחר וכמה מהם היו דרים במרחק רב מבית־המדרש ובימי־החורף שהקור היה גדול ובגדיו לא היו חמים די צרכם קשתה עליו ההליכה אבל הוא היה מוצא שכרו בצדו, קיבתו היתה מלאה והיה שבע. גרוע וקשה יותר היה לו בלי הליכה זו בקור, כי אז חייב היה בעצמו לדאוג למזונותיו, אם היתה הפרוטה מצויה לו היה קונה פת חריבה ואוכל, ואם כלתה הפרוטה מן הכיס היה הולך רעב כל היום ועלה על משכבו כשקיבתו ריקה ואינה מנחת לו לישון, היה מתהפך כל הלילה מצד על צד ומחכה לאור היום ולשעה שבו יוכל להשביע את רעבונו. „מתמיד״ היה, ודרכו לשבת וללמוד יומם ולילה, ואפילו כשהיה שב בשעה מאוחרת למקום מגוריו לא הלך לישון רק אחרי שקרא שעה או יותר באיזה ספר חיצוני, כי ניצני ההשכלה כבר

נראו גם ב„הישיבה" ובחשאי למדו נ"ך או קראו בספרי מאפו, מנדלי וסמו־לנסקין וגם למדו בעצמם את השפה הרוסית וקראו את הספרים הקלסיים שלהם ובלעו את ספריהם כביכורה בטרם קיץ.

אותה שנה הקדים החורף לבוא, רוחות קרות נשבו והכפור היה גדול, כל אחד הרגיש אותו בעצמותיו. היה ליל חושך ואפלה, שלג רב ירד באין הפו־גות וכסה את הכל. את הדרכים, השבילים, הבורות והפחתים, כאילו נמחו מעלי אדמות. במקומות אחדים הגיע השלג לגובה של חמש רגל ויותר. הוא הלך יחידי, כלתה רגל מן השוק, אין יוצא ואין בא, כאילו כל היצורים תמו לגווע, בכל השלך הס. רק שריקות הרוחות נשמעו. הדרך לא היתה נהירה לו ואימה ופחד אחזוהו. הוא מהר ללכת, אבל השלג הלח נדבק בנעליו ורגליו כבדו כעו־פרת והיו מעכבים את הליכתו. הוא נופל בפחת ובקושי גדול ובמאמץ רב טפס ויצא ממנו, זרם של קור וחום עובר בגוו והוא רועד, זיעה קרה מכסה את פניו וצעדיו הואטו ואחרי התאמצות רבה הצליח להגיע אל מעונו. החדר היה קר ואפל. העששית הקטנה שעשנה מרובה מאורה מפיצה אור כהה מסביב, שריקת הרוח בארובה ונחירת הישנים מהחדר השני נשמעות חליפות. עיף ויגע ובאין אונים נפל על המטה, לבו עולה ויורד ודופק במהירות, נשימתו נעשית כבידה. הוא תאב לכוס חמין לחמם את גופו הקפוא, אבל אין מי שיגיש לו זאת. אחרי שכבו כרבע שעה הוא קם לאט, פושט את בגדיו וחולץ את נעליו ומתכרבל מתחת לשמיכה, וליתר חמימות פרש את אדרתו על רגליו הקפואות, הלילה הוא מוותר על קריאתו. לפנות בוקר הוא מתעורר כדרכו יום יום לדפיקת הגויה שואבת המים, פותח לה את הדלת ומחכה כשרק כתונת לעורו ועומד ברגליו היחפות על הרצפה הלחה והקרה עד שהיתה מריקה את הדליים לתוך החבית. רוח הבוקר הקרה נשבה על גופו החם ובשניים נוקשות וגוף רועד מקור חזר למשכבו. להרדם שנית לא יכול. ראשו היה עליו סחרחר, ולעתים קרובות התפרץ שעול חלש מגרונו. הוא נשאר במטתו וכשהאלמנה ובניה עמדו לעזוב את הבית עשה את עצמו כאילו איחר בשנתו כדי שלא להשבית מנוחתה ולהפריעה מעסקיה ולגרום לה הפסד ממון או אבוד לקוחות. אחרי שכבו כך זמן קצר התחיל הקור להציקו ורגש של אי מנוחה תקפהו. מחשבות שונות וזרות התרוצצו במוחו הבוער באש קדחת. מה יקרה אם יתעלף? ואין מי שיחיש לו עזרה. בודד הוא ואין איש עמו, הבדידות ואפילו הרעב לא הטרידו־הו כלל, כי רגיל היה לשניהם, להתבודדות וגם לצומות, אבל זה היה בזמן שגופו היה בריא ושלם, עכשיו כשהוא חולה וחלש מה יהא עליו? קרבת אנשים נחוצה לו. שם בבית המדרש ישב אצל התנור ויחם לו. לא! להשאר פה אי־אפשר. התגבר וירד ממטתו, לבש את בגדיו ורחץ את פניו, נעל את הדלת והתחיל ללכת בצעדים אטים. בדרכו הרגיש דקירה בחזהו והשעול תקפהו ב־חזקה ונאלץ היה לעמוד ולשאוף רוח, ובכל פעם שהעלה כיח חש טעם מר

ומלוח בפיו, זה קרה פעמים אבל הוא לא ראה ולא ידע כי דם הוא. גנח, מחה את פיו במטפחתו והלך הלאה.

בבית-המדרש נבהלו חבריו שראו אותו במצב זה, ויעצו לו לשוב מהר למלונו ולשכב במטתו ולקרוא לרופא, אבל הוא השקיט את פחדם באמרו רק הצטננות היא זאת, וביום או ביומיים יעבור הכל ואל להם לדאוג הרבה. אבל כשראו את מטפחתו מלוכלכת בדם שאלו אותו מה זה? מהיכן בא הדם, אז התחלחל מאד ולא ידע מה להשיב. לא עלה על דעתו כי הדם מחזהו בא, ומראה הדם הביא מבוכה בלבו, ואחד מן הבחורים שראה את מבוכתו רצה להרגיע את רוחו, אמר לו שאין לו להיות נבוך והסביר לו כי לפעמים קרובות יקרה ש־הצטננות מביאה לנזילת דם מן האף אבל בזה אין סכנה, אדרבה אחרי זה ירוח לו.

במשך היום ישב ליד התנור, הגמרא פתוחה לפניו, אבל ללמוד לא יכול. רק אותיות בודדות פרחו לפני עיניו והכל היה מטושטש, הרגיש חולשה ותשישות בגופו, דקירות בחזהו וראשו כאב עליו. שם את ידו על הגמרא, הניח את ראשו עליה וסגר את עיניו ובמצב כזה ישב זמן רב. לארוחת הצהרים הביאו לו מרק חם ולחם לבן, הוא אכל מעט מזעיר ובשעה השלישית כשבחורי הישיבה עוד לא חזרו מארוחתם, קם ממקומו ושרך את רגליו בדרכו לחדר מעו־נו. — לא רצה להטריד את מי שהוא שילווהו. ההליכה ארכה פי שלש מהרגיל, השעול הציק לו מאד וכמה פעמים נעצרה נשימתו ונאלץ היה לעמוד רגעים מספר כדי להנפש עד שרוחו שבה אליו.

כשהגיע למלונו היתה בעלת הבית כבר בבית, היא השתוממה לראותו ושאלה אותו מה יום מיומים, מדוע הקדים לבוא? אבל לא היה צורך לענות לה, השעול החזק שהתקיפו ומראה פניו החורות הם ענו לשאלתה. ישב על הספסל וחכה עד אשר תלך לחדרה ותהיה לו הזדמנות להתפשט, כי התביש לעשות זאת בנוכחותה, היא הבינה זאת ועזבה את החדר. כעבור שעה חזרה ושאלה אותו אם הוא רעב ורוצה משהו לאכול. לא! — השיב לה, — אינני רעב, אבל אם אין זו טרדה גדולה עבורה אז יהיה אסיר תודה אם תכין לו כוס של חמין. היא מלאה את בקשתו, ובברכת לילה טוב ורפואה שלמה מהרה לחדרה וסגרה את הדלת מאחוריה, נראה ששעולו השפיע לרעה על עצביה.

כל הלילה התהפך במכאובים גדולים מצד אל צד. הדקירה בחזה הלכה וגדלה, השיעול לא פסק אפילו לרגע אחד, ליחה היתה מצטברת בגרונו ולא יכול היה לרקקה או לבלעה, וכמעט נחנק. הרגיש כי כוחותיו הולכים ונחלשים. במצב הקרוב להתעלפות התאמץ בכל כוחותיו להסיר את המכשול המחניק אותו עד כי זרם דם פרץ מגרונו והתעלף.

בבוקר מצאה אותו בעלת הבית שוכב בלי תנועה, השמיכה, הכרים והכסתות כולם ספוגים בדם, התחלחלה ורצה החוצה והחלה לזעוק בקול

משונה: הצילו! הצילו! השכנים התאספו לקול צעקותיה, שאלו מה קרה? אבל היא נאלמה דום מבלי יכולת להוציא הגה מפיה אך ממשכת בצעקותיה. הקהל הלך וגדל, כולם מביטים עליה וחושבים כי דעתה נטרפה עליה, לבסוף שמעו קטעי מלים יוצאים מפיה: — שמה! חולה! מת! המחזה האיום: על המטה היה מונח גוף של אדם שפניו חורות כפני המת, עיניו עצומות ואין כל תנועה או סימן של חיים בגוף, רק דם, דם, שלוליות דם קטנות בכל מקום שהעינים משוטטות. פחד אחזם, נשארו עומדים המומים ואובדי עצות, אך איש אחד אזר כוח, לקח קיתון של מים וזרק טפות אחדות על פני החולה, הוא הזדעזע ופקח את עיניו. הבהילו רופא והוא נתן לו סמי־מרפא שונים כדי להפסיק את זרם הדם ולהקל את היסורים והוא נרדם. השמועה השתשטה חיש בעיר והרב דמתא בא לשמוע מפי הרופא מה היא עצם המחלה ולהועץ אתו מה לעשות. אחרי רוב דברים החליטו כי היות והמחלה אנושה מאד ונחוצה השגחה מעולה ורבת־אחריות, ובעיר אין בית־חולים ואף אחות רחמניה אין למצוא, ומכיון שעיר מגורי הוריו אינה רחוקה ביותר מפה והתנודה בעגלות חורף אינה חזקה ביותר, הרי הדבר היחידי שאפשר לעשות הוא לשלוח שליח מיוחד להוריו ולקחתו הביתה במהירות האפשרית.

* * *

באחד הימים לפני חנוכה עזבתי את ה„חדר" כדי ללכת לארוחת הצה־רים. הרחובות היו ריקים מאדם, כלתה רגל מהשוק, אך פה ושם נראו נשים אחדות יושבות ליד דוכנם המכוסה סלים מלאים פירות שונות ואגנים או קערות מלאות פולים וקטניות מבושלים ומתחתיהן סירים מלאים גחלים לו־חשות, עטופות הן מכף רגלן ועד קדקדן בסחבות ועטיפות עבות ורפודות. גם פניהן מכוסים במצנפות אשר רק עיניהן מזדקרות מתוכן, בכל רגע ורגע הן נושבות בידיהן או מקישות יד אחת על השניה כדי לחממן. דלתות החנו־יות שבצדי הרחוב פתוחות אך למצחה והחנוני נראה עומד מאחורי דלת הזכו־כית שבין החנות והבית ומצפה ללקוחות. הרקיע מכוסה עבים כבדים שמראה עופרת להם ואינם מניחים לקרני השמש לחדור בעדם. בכל הסביבה השלך חס רק נשמע שקשוק כנפיקם של העורבים ובריחתם לקראת פתי הלחם המוש־לכים להם מאחד הבתים. רק כשפתחתי את דלת ביתנו וצעדתי פנימה נוכחתי כי אסון גדול קרה. אמי ישבה על הספסל, אצבעות ידיה משולבות אשה על אחותה, עיניה אדומות מבכי, ואנחה חרישית מתפרצת כל רגע ורגע מלבה. אבי ישב בראש מורכן נשען על ידיו, פניו לבשו קדרות וסימני צער ומצוקה נסתמנו בהם, שני אחי יושבים על התנור הגדול ופניהם המלאים פחד מכוונים כלפי האם והאב, הם יושבים כקפואים, יראים הם להוציא הגה או לנוע ממקום ל־מקום כדי שלא להשבית את הדומיה. המחזה האיום הטיל עלי אימה, ולא ידעתי מה לעשות. לשאול את הורי מה קרה לא היה בי האמון והעצמה, הלכתי מחדר

לחדר לחפש את אחותי אבל היא לא היתה בבית, לא יכולתי להתאפק ופרצתי בבכי. הדלת נפתחה והשכנה הגרה בחלק השני של הבית באה ולקחני למעונה, דברה אלי רכות מחתה בסנורה את דמעותי, בקשה והתחננה שאחדל לבכות, כי אין לי על מה להצטער, הכל יגמר בטוב. אבל אני באחת, מה קרה! מדוע הורי כה מדוכאים ונבוכים. אספר לך הכל, אמרה, אבל בתנאי כי ראשית דבר עליך לאכול, הושיטה לי לחם ותבשיל וישבה אצלי וניסתה בכל מיני תחבולות להאכילני ואם אפילו מעט. לגמתי מן התבשיל לגימות אחדות וסלקתי הקערה מלפני, אמרתי לה, כי כל מאמציה לא יועילו עד אשר אדע מה קרה. אז ספרה לי כי לפני שעות אחדות בא שליח מיוחד ומכתב בידו כי אחי חלה פתאום ומחלתו אנושה ונחוץ לבוא בכל המהירות האפשרית לקחתו הביתה ואחותי קבלה עליה את השליחות הזאת, תיכף עזבה בעגלה מיוחדת טעונה כרים ושמי־כות ובקרוב ישובו. לשמע הידיעה המעציבה הזאת פרצתי שוב בבכי ובצעקות גדולות: אחי! אחי! היכן אתה ומה קרה לך. לא הועילו כל דברים להשקיט את רוחי, קולותי וצעקותי גדלו ורבו, ופתאום ראיתי את אמי נצבת על ידי דבקה לשוני לחכי ונאלמתי דום. חזרתי לביתי, מצאתי כי כבר הסיקו את התנור הקטן בחדר המשכב, הילדים כבר ירדו מהתנור ואוכלים את ארוחת הערב. אבי מתהלך הנה והנה בראש כפוף ושקוע במחשבותיו, וכל חמשה רגעים הוא יוצא החוצה וצופה פני הדרך אשר משם צריכה העגלה לבוא. ישבתי בין אחי הילדים, הבטנו איש ברעהו, חפצנו לדבר אבל הדיבר לא היה בפינו. אמי הכינה את המטה, חממה אותה בבקבוקים מלאים מים חמים, החליפה את הסדינים בנקיים יותר והכינה חלב חם.

היום כבר ירד וחושך כסה את הארץ, בחוץ ירד שלג רך ולח. שבתה התנועה בעיר ותריסי החלונות הוגפו, ואך פה ושם נראה אור מציץ מן התר־כים. מנורת השמן התלויה על הקיר הפיצה אור כהה מסביב, הילדים שכבו במטתם זה מול זה. השקט והדממה ששררו בבית העיקו עד כדי מחנק. לבי התכווץ בקרבי ובעוד אמי מתחננת לפני כי אלך לישון, נשמע קול צלצול פעמון מבחוץ, ועגלת חורף באה ונצבה מול פתח הבית, הורי רצו החוצה וכהרף עין התאסף קהל גדול סביב לעגלה ובזהירות גדולה התחילו להוריד את החולה שהיה עטוף כולו בבגדים ובכרים ובשמיכות, רק אפו היה מגולה, ועל כפים נשאוהו אל הבית פנימה, השכיבו אותו על המטה ותיכף שלחו אחרי הרופא, התפרצתי לחדר כי מאד חפצתי לראותו, אבל גרשוני במהרה. גערו בי ואמרו כי אסור לילדים קטנים להיות בקרבת החולה. הורי שלא יכלו להתאפק מלב־כות ושלא רצו שהחולה יראה אותם בוכים היו יוצאים מדי רגע ברגע ומוחים את דמעותיהם וחוזרים שוב למטת החולה. הרופא בא ועשה לחולה זריקה וצוה שלא יפריעוהו וכל זר לא יקרב אליו, כי מנוחה נחוצה לו. נתנו לו חלב חם ותיכף נפלה עליו תרדמה וישן.

זמן רב ישבתי מרחוק והסתכלתי במחזה האיום המוצג לפני, הרגשתי עיפות גדולה, עיני נעשו כבדות ולא יכולתי לפתוח אותן ובין רגע אפפוני חבלי השנה.

הימים נתחלפו בשבועות והשבועות בחדשים. רופאים ואנשי שם מכל הסביבה באו ובקרו אותו ונתנו לו סמים ורפואות מכל המינים אבל מצב החולה לא הוטב והכל נואשו מחייו. אמרו לנו כי אין תרופה למחלת השחפת, וביחוד לחולים שהם למטה מגיל השלושים, ותיכף כשהניצנים יראו בארץ, אז ישבק חיים לכל חי.

היו ימים שהרגיש הקלה פורתא ואז היה עוזב את מטתו, נשען על זרו־עותיו של אבא וישב ליד התנור. לנו הילדים לא היו מרשים לגשת אליו כדי שלא לסכן את בריאותינו, כי שחפת מחלה מדבקת היא, אבל בכל מקרה שלא היו עינים רואות, אז מיד היינו נדחקים לצדו ומביטים עליו בעיניהם מלאות חמלה. הוא נשא את מחלתו בסבלנות יוצאת מן הכלל, ועל כל שאלה איך הוא מרגיש היה עונה תמיד כי הוקל לו ומרגיש יפה. בלילה הראשון של חג הפסח לאחר הפצרות רצות מילא אבי את בקשתו להשתתף בסדר, והוא ישב עמנו ליד השולחן ואמר את ההגדה, קולו היה רפה ולפעמים רק שפתיו היו נעות, קולו לא נשמע. כולנו הרגשנו כי המות כבר פרש כנפיו עליו, ולב כל אחד התפלץ בקרבו, ואמנם ביום הראשון של חוה״מ פסח לפנות ערב עלתה נשמתו הטהורה השמימה.

הלויה ביום המחרת היתה גדולה, כל בני העיר חלקו לו את הכבוד האחרון ולווהו למנוחת עולמים, ולמרות שחג היה, בכל זאת הספידוהו כי גדולה היתה האבדה והכל בכו על השרפה אשר שרף ד׳.